STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04897

FUNM SHTURM

N. Kravitz

Permanent preservation of this book was made possible by George & Laly Gallantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. קראוויץ

פונם שטורם

•

עסייען

•

2.

זאקוטא דער זעהער

•

ארויסגעגעבען פון פארלאג
„אידישער קלוב"
פילאדעלפיא, פא.
1938

OUT OF THE STORM

JEWISH AND GENERAL PROBLEMS

by

N. KRAVITZ

PRINTED IN THE U. S. OF AMERICA

COPYRIGHT 1938, BY N. KRAVITZ
1629 N. 32ND STREET
PHILA., PA.

NOVELTY PRINTING CO.
418-20-22 SANSOM STREET
PHILADELPHIA, PA.
6

עהרען־מיטגליעדער פון קאָמיטעט :

איי. גרינבלאט
נ. שעכטער
רעוו. וואָלף ארענבערג
אירווינג סטענדער
איי. מ. גראָסמאן
א. קאנעפסקי
מ. מאנדעלבליט
אסקאר טארנאף
יהושע ס. קאָהען
מ. מאסקאוו
אב. מאסקאוו
מ. ספעקטאָר
אב. ראסקין
בערטא פרעהליך
רעוו. אליהו ריטשמאן
גרשון בריה
דזשאָ. קאָניקאָוו
ה. מארשאק
אל. בער
אב. זוסמאן
בן־ציון רוחלין, נ. י.
יעקב רוחלין
סעם וויינמאן
י. מאלין
א. שפאלאנסקי
י. טעפליץ
י. דעש
רעוו. י. קונין
אלעקס וואָלקין
ישראל וואָלקין
דוד לענדים
דר. מ. וויימאן
ראבאי קארטשנאי
ש. לאָנדאָן, ע״ה
נ. פריד
ז. רובינשטיין
ל. יעניש
אב. גרינבערג
סאול נייטענסאָן
שרה'לע נייטענסאָן
זעליג באלאבאן
דר. חיים הערים
י. סמאלער

עליזה גרינבלאט
פ. טענענבוים
משה קאראָל
ס. ליפשיץ
מאקס ראָם
מעקס וואול
ישראל בייטשמאן
ס. דיקטאָר
לואיס ראָזענבאום
מ. האָדעס
סעם ראָזען
פ. איידעלמאן
נ. בערעז
ס. סטיען
הערמאן פישביין
ה. בראונשטיין
ה. קיבריק
מ. ספיוואק
מרס. סיטקאָף
מאריס פאלקאָוויטש
הירש יצחק שייפער
ס. ברענער
לואיס סעקס
דזשאָ. ראָזען
לואיס שאטין
מ. באָרים
דר. וויליאם גאָרדאָן
דר. ס. שעהען
מ. בעליעק
דר. סעמועל גאָרדאָן
איזאדאר גוירשמאן
ב. זאלצמאן
ב. בערנסטיין
ס. סילווער
ס. מיקעלס
אב. וואטים
היימאן פישער
דר. איי. ס. אודאָף
דוד שעכטער
מ. חיימאָוויטש
א. פאָטאש
פ. מילער
מרס. פ. מילער

עקזעקוטיוו קאָמיטעט פאַרלאַג „אידישער קלוב"

דזשייקאָב גינצבורג, עהרן־פּאַרזיצער
דר. מאַקס בארבור, פּאַרזיצער
ה. פ. קאָהען, וויצע פּאַרזיצער
דזשאָזעף עליקמאַן, קאסירער
דר. דזשאָזעף לענגבארד, סעק.
א. ל. בערקאָוויץ, עקז. סעק.
הרב ב. ל. לעווינטהאַל
דזשיי. מ. פינקוס, פּרעזידענט פינקוס בראָד.
אב. סילווער, דירעקטאָר וועיסט, דרעס מאַנופעקטשורער אסס'ן
סטייט רעפּרעזענטייטיוו דזשאָזעף אָמינסקי
סטייט סענאַטאָר י. שטיפעל
דר. יצחק אונטערמאַן, שריפטשטעלער
אב. בערקאָוויטש, אסיסטענט דיסטריקט אטוירני

— אדמיניסטראטיווע —

הרב א. א. יאלעס
הרב משה'לע ליפשיץ
סיימאָן לעקערמאַן
דר. מ. ריטשמאַן
יעקב אײדעלסבערג, וויים פּרעזידענט „פּראָגרעסיוו"
אב. הירש, סעקרעטאר פילא. קאנגרעס קאָמיטע
ה. סטיינעק
דוד גאָלטער, רעדאקטאר „עקספּאָנענט"
י. סאָמערשטיין, פּארוואלטער פילא. „מאָרגען זשורנאַל"
סעמועל פערלאָף, פּרעז. פוירלאָף בראָד.
ה. בערגער, פּארוואלטער פילא. „פאָרווערטס"
רעוו. נ. איגנאטינסקי
בען ראָזען, דירעקטאָר אסאָשיאייטעד תלמוד תורה'ס
ל. שלאַנק
מעקס חנוך, אלענטאון, פּא.
מערי גרינבערג, כלל טוהערין

וויליאם בלעשמאַן
מ. מ. סילווער
י. שאָר
י. פאול
דזשאָזעף גראָס
י. ל. מאלאמוט, שריפטשטעלער
י. קאפּשטיין, אטל. סיטי
יעקב ב. ווערלין, יוסטאָן, טעק.
אסקאר גאָרין
מאַנאסטרישטשער רבי
הרב מ. יאהלין
לואי לעטאווסקי
ריווא שעסטאק, סעק. פּ. ארגאני. קאָמיטעט
דזשייקאָב ב. האפמאַן, טשערמאַן אדמינסט. קאנגרעס קאָמיטע
דוד טירקעל, רעדאקטאר פילא. „טאָג"
מ. הענרי פּאַטער, רעדאקטאר ענגלישע אפּטיילונג „אידישע וועלט"
מר. לעווינסאָן, טרענטאָן, נ. דזש.
אליעזער שערמאַן, שריפטשטעלער
דר. דוד פעלדמאַן, פּרעזידענט פילא. ציון אָרגאַניזאַציע

דר. ב. קופּער
מאַרים אײדעלמאַן
ס. רעגענסבערג, מיטאַרבײטער „פאָרװערטס"
איי. מאַרקאָװיטש
נ. פּײשער, געװעזענער אַרױסגעבער „אידישע װעלט"
צבי אײנבינדער, בעאַמטער בױרק מעמאָריעל האָספּיטאַל
מענועל סאַװיט, אָרטאָדאָקסישער כלל־טוהער
טשאַרלס בלום, װיצע־פּרעזידענט לײדיס אַפּאַרעל באָרד

מר. און מרס. זינגער
איי. עקער
סעמועל נעצקי
בענדזשאַמין סילװער
דר. איי. פּאַרמעט, אַלענטאַון, פּא.
דר. דזשאָזעף לעװיצקי, פּרינציפּאַל עדיוקײשאָנעל צענטער נו. 1
הערבערט ס. קאָהען, דירעקטאָר נאָרטהערן דעי נױרסערי
שמואל מאַלערמאַן, משכיל און מוכר־ספרים
גדליה שעהנפעלד, פּאָלקס־זינגער
אַרטור רײכמאַן

●

אָרגאַניזאַציעס

פרענדלי מיוטשועל סאָסײטי
בערשאַדער פּראָגרעסיװ בענעפ. אסס'ן
פרענדלי לײדיס פרי לאָאַן סאָסײטי
הר השרון סעמעטערי

●

דרוק פעלערן

געדרוקט	דאַרף זײן	זײט	שורה
מאַראַליסט	מאַראַליטעט	63	24
16־יעהריגער	19־יעהריגער	86	7
פּאַזיװיטיזם	פּאַזיטיװיזם	89	17
ברעמען	װיעס	128	13
ברעמען	װיעס	141	22
די צערטליכע	דער צערטליכער	150	13
דאָס געלײטערטע	דעם געלײטערטען	151	13
אַלעס	אַלדאָס	151	19
איבערגעטראָגען	אַריבערגעטראָגען	153	25
אַרונטערלאָזען	אַרונטערצולאָזען	154	30
אַרומטראָגען זיך	אַרומטראָגען	159	7

אינהאלט פארצייכנונג

1.

א בריוועלע צו צוויי פריינד — — — — — — 10
אידענטום — א וועלט־קולטור — — — — — — 11—53
די צוויי מאמענטען: קריג און פרידען—
אין דער מאדערנער ציוויליזאציע — — — — — 54—58
דער קאמף פאר מאכט — — — — — — — 59—85
אחד־העמיזם א ניט־פארענדיגטער בנין — — — 86—99
אמעריקא איז די האפנונג פון דער וועלט — — — 100—106

2.

זאקוטא דער זעהער — — — — — — — — — — 107—231

געווידמעט מיט ליבשאפט—
מיינע אמת'ע פריינד

י ו ס ף   ע ל י ק מ א ן
ב ן - צ י ו ן   ג אָ ט ל י ב

א בריוועלע צו צוויי פריינד—במקום הקדמה:

ליבע פריינד —

אין דער פראַסטיגער אַטמאָספער פון אמעריקאַנישען לעבען האָט איהר מיך ביידע געלערנט, דורך טאַט און מחשבה, וואָס פריינדשאַפט מיינט.

איהר ביידע, געבונדענע אין הארץ און זעל, האָט באַוויזען מיט אייער אייגענער עקזיסטענץ די באַדייטונג פון אַט דעם אַבסטראַקט, וואָס איז, אין אייערע ביידענ'ס הערצער, געוואָרען רעאַליטעט, קאָנקרעטע אמת, באַגייסטערענד פאַר אַלעמען: האָב איך באַקוקט און באַוואונדערט, געלערנט און אריינגענומען אין מיין הארצען א טייל פון אייערע געפיהלען, און באַצויבערט געוואָרען.

אָבער ווי פארשיידען די פריינדשאַפט אייערע איז, אַזוי האָט זי זיך צונויפגעבונדען און פאַראייניגט, פונקט ווי דער פּאָזיטיוו מיטן נעגאַטיוו אין עלעקטרי, פונקט ווי שאָטען און ליכט אין א קונסט־ווערק, אין א לאַנדשאַפט.

ביי איינעם — טעמפּעראַמענטפולע פריינדשאַפט דורך ליטערע אויגען און לויפענדען געדאַנק וואָס פאַרכאַפּט דיך מיט זיין שנעלקייט, מיט זיין בליציגקייט: א גרויס הארץ, וואָס טראָגט אין זיך גליהענדען פייער און אייזערנעם ווילען, אַנט־שלאָסענהייט, וואָס איז הייליג אין־זיך, און פול מיט קאָכיגקייט און איידעלקייט; אַן אַריסטאָקראַטישקייט אין גייסט, אַן איינ־פאַכע, ביי דער ערד־געהענדע אינטעליגענץ, דאָך פול מיט פאַנ־טאַסטישקייט און ליבליכקייט און נאָהענטקייט. דער צווייטער קאַלט און טרוקען און הארט פון דרויסען, און אַזוי לאָגיש אויס־געהאַלטען, פּראַקטיש, דאָך פול מיט לעבענס־חכמה, דערפאַרונג און ליכטיגקייט, און דו מוזט זיין א מבין אויף דער דאָזיגער וואַרעמער קאַלטקייט און לאָגישער פריינדשאַפט, וואָס איז גע־טריי ביז־גאָר, און נידערט צו די סאַמע טיפענישען, און זוכט זיך זעלבסט צו דערהויבען צו דער העכסטער גוטסקייט; א

גוטסקייט, וואס איז סאמע עצם איז זי דיזעלביקע וואס ביי דעם ערשטען, אָבער זי בעהאלט זיך אויס אונטער א שאָלעכץ, אז מען זאָל זי ניט קאָנען אזוי לייכט דערכאפּען און דערגרונ־טעווען און זי איז דעריבער פול מיט זאָרג וועגען אנדערע לעבענס, ליידען און פריידען. אָט די דאָזיגע ביידע פריינד־שאפטען האָב איך געהאט דעם גליק צו דערקענען אין אזא קורצער צייט פון אונזער באקאנטשאפט און האָב זיך פארליבט, ווי א פאנטאזיאר אין זיינע פאנטאזיעס, די טיפסטע איבערלע־בענישען זיינע, ווי א יונגער דיכטער אין די בלומען, אין די בוימער, אין די שטראלען, אין די זון־אויפגאנגען, אין די פּא־נאראמעס.

איהר ביידע האָט מיר אייערע הענט געגעבען, און גערוט האָט הארץ אויף זיי, און כ׳האָב געזעהן און זיך איבערצייגט.

וואונדערט זיך, דעריבער, ניט, אויב אָהן אייער וויסען אפילו האָב איך געווידמעט דאָס בוך דער דאָזיגער ווארעמער, ברידערליך־פאָטערליכער פריינדשאפט ! . . .

און כדי איהר זאָלט ניט פארבלאָנדזשען אינ׳ם בוך און ניט ארונטערגעהן, ווי עס געשעהט אָפט, פון וועג, איבער די באזונדערע טערמינען, וואָס איך געברויך, אלטע און נייע, וויל איך זיך באנוצען מיט דעם רעכט פון א מחבר און דערקלערען אייניגע ווערטער, אזעלכע וואָס וואַרפען זיך דורך אין בוך אָפט, און אויך אייניגע וואָס קומען ארויף זעלטען.

אנדערע לעזער מייגן וועלען אפשר אויך ציהען נוצען דערפון.

דערשרעקט זיך ניט פארן וואָרט „גאָט", און דערשרעקט זיך אויך ניט — פארן וועזען גאָט. גאָט געפינט זיך ניט בלויז אין שול, אָדער וואו עס זאָל ניט זיין, נאָר אומעדום, איבער גאָר דער וועלט, איבער אלע וועלטען. ווארים גאָט איז ניט קיין וועזען, וואָס פאררוקט זיך ערגיץ וואו אין א ווינקעל־הימעל, גרוים ווי עס זאָל ניט זיין, נאָר ער איז דער שעפּע־רישער כוח אין אלעם — אין דער נאטור, אין אוניווערז, אין אלע וועלטען, וואָס ליגען צוואוואָרפען צווישען די מילי־מיליאסען שטערן, דאָס ליכט פון וועלכע פליסט צו אונז דורך אומאויסגע־מאָסטענע שטחים אין משך פון טויזענדער און טויזענדער

יאָהרען; גאָט לעבט, אָבער, אויך אין ווערימעל און אין זעמדעל, איןביימעלע און אין בלימעלע, אין סטעזשקעלע און אויפ'ן ברייטען שליאך, אין צאנקענדען ליכטעל און אין דער זון: אין אייך, אין מיר און אין אונז אלעמען.

גאָט איז אלעס וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך דער שעהנ־קייט פון דער נאטור, דורך דער גוטסקייט פון דער וועלט, דורך דער העכסטער הארמאָניע אין אוניווערז, אפילו דורך יענע מעלאָדיעס, וואָס זענען אומפארשטענדליך פאר אונז און ווייזען אונז אויס ווי צוקאליעטשעטע ניגונים, די שאפונג פון א שלעכ־טען קאמפאזיטאר.

די באגריפען „גערעכטיגקייט", „פרייהייט", „גלייכקייט" און „מענשליכקייט", וואָס ווערען ארויסגעשטעלט אלס עסענצען פון אידענטום, זיינען אין אמת'ען גערעדט — ניט אידישע, נאָר אלגעמיין־מענשליכע און זיינען פאקטיש דער זין און דער ציל פון אונזער לעבען אויף דער ערד.

א מענשענס־לעבען איז ניט די ווערטה געלעבט צו ווערען — איך מיין, דער מין מענש, וואָס איז באשאָנקען פון נאטור מיט מוח און הארץ, מיט פארשטאנד און געפיהל, אויב ער פאראיידעלט ניט דאָס לעבען דורך זיין ווארעם געפיהל, דורך זיין הארץ, וואָס וועהטאָגט מיט אנדערע, און איז גרייט צו פארלייכטערען יענעמס שמערצען; אָהן די וואָס זענען געלייטערט אין די וואסערען פון העכערע געפיהלען, וואָלט אונזער לעבען דאָ, אויף דער ערד, געווען פינסטער און פארדאָרבען, שווארץ און זינלאָז.

עס איז דעריבער ניטאָ קיין חילוק, אין די העכסטע באַ־גריפען, צווישען אידענטום און מענשליכקייט. ווען אידענטום דערהויבט זיך צום סאמע שפיץ פון מענשליכקייט און יושר, און דערגרייכט די סאמע טיפקייט פון מענשליכען הארצען, ווערעןביידע פאראלעלע ליניעס פאראייניגט, און דאָס איז גראד איין אזעלכער פאל, וואו פאראלעלען באגעגנען זיך — לניגוד דעם געאָמעטרישען געזעץ פון יוקליד. אָבער אזוי לאנג די וועלט איז צוטיילט אויף צווייען — פון איין זייט זעהען מיר פעלקער, וועלכע לעבען אויפן שווערד און דער איינציגער שופט איבער זייערע סכסוכים איז די ביקס, און פון דער

צווייטער זייט — איז דאָ דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז צוא־וואָרפען איבער גאָר דער וועלט און שטעלט מיט זיך פאָר א פרידליכע מיניאטור־וועלט, זענען אידענטום און מענשליכקייט צוטיילט.

ווען עס איז וועלען זיך ביידע ליניעס באגעגנען און דער שטח צווישען זיי וועט פארשאָטען ווערען — ביי דעם סוף פון די צייטען ! . . .

אין די עסייען וואָס זענען געדרוקט אין דעם בוך וועט איהר געפינען די שארפסטע פארדאמונג פון נאציאָנאלען שאָוויניזם ביי אנדערע פעלקער, און דאָך דערהויבט דער מחבר דעם נאציאָנאלען געפיהל פון אידישען פאָלק — אויך א נאציע — צו דער העכסטער הויך. דארף טאקע גלייך אָנגעוויזען ווערען, אז דאָס אידישע פאָלק ווערט באטראכט פונם שרייבער פון די שורות פון אן אנדער שטאנדפונקט ווי אלע אנדערע פעלקער. זיי, די לעצטע, זענען נאציעס. דאָס אידישע פאָלק — איז א נאציע וואָס ווערט אויפגעהאלטען דורך אן אידעע, אן אוני־ווערסאלע אידעע מיט א גרויסער האָפנונג דערצו.

מען קאָן דעריבער ניט פארגלייכען דאָס אידישע פאָלק, וואָס איז א מיניאטור־וועלט פאר זיך, מיט דער איבעריגער וועלט, וואו דער יאפאנעזער לעבט, דער איטאליענער טרוימט וועגען ווידער־אויפבוי פון רוים, און וואו דער דייטש ברייננגט צוריק דאָס געצענטום — דעם גאָט וואטאן, דעם גאָט פון ברוטאליטעט און אונמענשליכקייט . . .

ווער עס וועט דעם שרייבער פון די שורות באשולדיגען אין שאָוויניזם, וועט זיין אומגערעכט, פשוט דערפאר וואָס דאָס אידישע פאָלק, אלס איין־אייציגער עקזעמפלאר אין דער מענשליכער געשיכטע, קאָן ניט געמאָסטען ווערען מיט די זעלבע מאָסען ווי אנדערע פעלקער; זיי בויען זייער צוקונפט און זייער לעבען בכלל אויף די קברים פון אנדערע פעלקער, און דאָס אידישע פאָלק — אויף דער באפרייאונג פון דער גאנצער מענשהייט ווי ישעיהו האָט עס געזעהן מיט איבער 2500 יאָהר צוריק, ווען ער האָט נביאות געזאָגט אויף די גאסען פון ירושלים.

ניט געקוקט, אבער, אויף די אלע לויב-געזאנגען, זאָל עס אנגעוויזען ווערען, אז אויב דאָס אידענטום האָט אַ בארעכטי־גונג פאר עקזיסטענץ צוליב דעם נביאישען שוואונג און דעם קולטורעלען דראנג, האָט עס כלל ניט קיין בארעכטי־גונג, ווען מען מעסט עס מיט די מאָסען פון היינט. וואָ־רים עס וועט ניט זיין איבעריג צו זאָגען, אז דאָס אידישע לעבען איז דורכגעגאנגען א גרויסע ירידה אין גייסט. דאָס אידישע פאמיליע-לעבען, וואָס איז געווען אמאָל ריין און געליי־טערט, איז ארונטערגעזונקען צו א נידריגער שטופע: אידען האָבען אויפגעהערט צו זיין געווארענט אין וואָרט און טאט; אידען זענען געוואָרען מאדערניזירט — אין האנדעל-וואנדעל, אין ליגען, אין שווערען פאלש, אין פארדאָרבענהייט, אין עקס־פלואטאציע, אין אלעם וואָס איז דער סאמע געגענזאץ צום אלט-אידישען שטייגער לעבען; אידען האָבען אפילו פארגעסען, אז זיי זענען אן עם הספר, און די איבלען פון אָט דער געזונ־קענהייט זענען אלגעמיין באקאנט . . .

אידען לעבען זיך ניט אויס, לויט די פאָרשריפטען פון זייער קולטור — אין איינקלאנג מיטן רייכען אמאָל און מיט די אוני־ווערסאלע אידעען פון מענשליכקייט, וואָס זענען קונציג אריינ־געקנאָטען געוואָרען אין זייער אידעאָלאָגיע.

טראכט זיך טאקי, ווי פון זיך אליין: אפשר איז גאָר נויטיג צו שאפען א באנייטען אידען, ניט קיין נייע סעקטע, נאָר א געלייטערטען אידען, וועלכער זאָל זיין אנדערש ווי דער היינטיגער איד און זאָל טראָגען מיט שטאָלץ די ירושה! . . .

אוודאי איז עס זעהר שווער דורכצופיהרען אין לעבען, איבערהויפט נאָך ווען דער סאמע כח פון אידענטום, דער רעפרעזענטאטיווער פיהרענדיגער איד, איז היינט צו טאָג ניטאָ, אָדער אויב ער איז יאָ דאָ, ווירקט ער ניט. איז טאקע דעריבער אפשר געקומען די צייט צו מאכען א חשבון הנפש.

פאר דעם צוועק איז אָנגעשריבען געוואָרען דער צווייטער טייל פון אָט-דעם בוך — אונטערן נאָמען: „זאקוטא — דער זעהער“, א פילאזאפיש-דיכטעריש ווערק, אין וועלכען עס איז אויסגעדריקט געוואָרען, אינם ראם פון א ביבלישער פאר־

טראכטונג, די סאמע עסענץ פון אידענטום, דאָס וואָס האָט ניט געקאָנט אויסגעדריקט ווערען אין קלאָרע, לאָגישע, ארגו־מענטאטיווע אָפּהאנדלונגען.

מיינע פריינד! — נעמט אָן מיין וואָרט, אז דאָס דאָזיגע בוך איז געשריבען געוואָרען אין לייד. אסך יאָהרען פון טראכ־טען און פיהלען זיינען אריינגעבראָכט געוואָרען צווישען די שורות. דאָך איז די ארבייט ניט פארענדיגט. עס איז בלויז אָן אָנהויב, און א פארזוך.

אויב ניט איך — זאָלען אנדערע קומען און פארענדיגען.

עס איז אזא ברייטער קרייז, אז עס איז אפשר ניט מעגליך איהם אויסצוקריצען אליין.

אייערווארעמע פריינדשאפט צו מיר, און אייער איבער־געבענהייט, אין די יאָהרען פון אסךליידען, האָט, אָבער, מיך געשטארקט און דערמוטיגט. גלויבט מיר אויפ'ן וואָרט, אז אין מיין הארצען איז ניטאָ קיין איין ווינקעל וואו מיין וועזען איז ניט אויסגעפילט פון אָט דער דאנקבארקייט וואָס איך פיהל צו אייך.

פריינדשאפט איז א הייליג וואָרט, און נאָך הייליגער אלס געפיהל. עס קומט אריין אין סכום פון די ריינסטע מענשליכע געפיהלען. עס איז די ליבשאפט וואָס ווערט אונז געשאָנקען צו פארזיסען אונזער לעבען, און מיט אָט דעם געפיהל איז לייכטער דורכצושפאנען א שווערען, לאנגען וועג אויף דער ערד. אָבער די פריינדשאפט וואָס באגלייט אייך דארף זיין אָט־יענע, וועלכע טראָגט אין זיך ריינקייט און גוטסקייט, ליב־ליכקייט און געטריישאפט, אין לייד און אין פרייד, און אָט דעם געפיהל צו אייך וועל איך לאנג ווארעמען — אזוי לאנג איך וועל לעבען.

נ. קראוויץ,
יאנואר 6, 1938.

אידענטום — א וועלט־קולטור

אונזער דור איז א פארבלאָנזשעטער, בארויבט פון אינהאלט און ציל. מיר ווייסען ניט וואָס מיר זענען און ווער מיר זענען. אונזער אַמאָליגען יחוס־בריף פארלאָרען, קוקט עס אוים ווי מיר זאָלען לײדען פאר גארניט, און אפילו די וואָס האלטען זיך ביים אָלטען מאכען דעם איינדרוק ווי זיי לײדען פאר אן אָפּגעמעקטען, צורינ־צעלטען דאָקומענט.

אוודאי זענען מיר אידען. האָבען מיר דען א ברירה? מיר ווערען דאָך פאקטיש און פראקטיש געצוואונגען. דער אנטיסעמיטיזם אין אָלע לענדער, בפרט דער אריעריזם אין נאצי־לאנד, וואָס האָט אזא טיפע השפעה אויף דער וועלט, שטויסט אונז צוריק צו אונזער פאָלק. ס'איז צוואנג, דרוק, פארפאָלגונג. מיר בויגען אונזערע קעפּ פאר דעם אומפארמיידליכען, ווי שווער און אונאנגענעם עס זאָל ניט זיין, ווי עס איז טאקע. אָבער איז פאראן, אויסער דעם צוואנג, אויך א דראנג, אן אינעווענינגסטער? האָבען מיר אויך אן אייגענעם צוואנג, חוץ דעם דרויסענדיגען, דעם פון שונא ארויפגעדריקטען? האָט די קולטור־ירושה אונזערע, אן און פאר זיך, א ווערטה, אן אייגענע באדייטונג, אן אייגענעם זין? וואָלטען מיר זיך געהאלטען מיט'ן אידענטום, ווען למשל, מען זאָל אונז צורוה לאָזען און אונז גערנווייליג אריינגעהמען צווישען די פול־בארעכטיגטע, די מעכטיגע, די זעלבסט־זיכערע?

אויף די אָלע שאלות, וואָס זיינען בעצם איין און די זעלבע שאלה, האָט אונזער דור קיין גענוגענדען ענטפער. דער אָרטאָדאָקסישער איד, דער ציוניסטישער איד, דער אידישיסטישער איד, דער סאָציאליסטישער און קאמוניסטישער איד — יעדער פון זיי גיט אן אנדער ענטפער, הגם זיי האלטען זיך, כידוע, אָלע בלויז ביי איין פאזע פון אידישען לעבען. די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק, פון ציוניסטישען שטאנדפונקט, איז אבהענגיג אן אויפבוי פון לאנד — דאָס סאמע פאזיטיווע ליגט אין ארץ ישראל און דאָס נעגאטיווע קאָן און זאָל פארוואנדעלט ווערען אין שעפערישען מאטעריאל דורך דער נעגירונג און ליקווידירונג פון גלות; דער אָרטאָדאָקסישער איד

זעהט אַלעם דורך די שפּאַקולען פון גלויבען, און אויך ער דיינקט אז זיין לעבענס־אנשויאונג איז די ריכטיגע, און ווען אונזער יוגענד איז ניט רעליגיעז־אידיש, באוויינט ער דעם חורבן פון פאָלק; דער אידישיסטישער איד — זעהט אַלעם דורך דעם עקאָנאָמישען איבער־בוי פון אונזער לעבען אין אַלע לענדער, דורכ'ן געזונט־מאַכען פון גלות, דורכ'ן קאַמף פאַר רעכט, דורך דער אידישיסטישער קולטור; דער קאָמוניסטישער איד געפינט האָפנונג און טרייסט אין דעם אַל־געמיינעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען פרייהייט־אידעאַל און דענקט, אז מיט דער באפרייאונג פון דער מענשהייט, וועט אויך, ווי אין סאָוועט־רוסלאנד, אזוי גלויבט ער, ליקווידירט ווערען די אידען־פראגע, אזוי גוט ווי די אידענטום־פראגע.

ס'איז קלאָהר, אז די פארשיידענע שטאנדפונקטען און אנשוי־אונגען האָבען ניט, קיין איינע פון זיי, אָט יענעם אינהאלט, וואָס זאָל אָנפילען דעם חלל. שפראך, לאנד, גלייכבארעכטיגונג, קאָמו־ניזם, קאָנען ניט גיבען קיין זין, צו לעבען און ליידען, דעם גאנצען פאָלק. דאָס פאָלק, אלס גאנצעס, געפינט ניט אין קיין איינער פון די שטאנדפונקטען קיין „גענוגענדען גרונד" אָנצופיהרען אַ מורא'־דיגען, פארצווייפעלטען קאַמף פאר עקזיסטענץ, אַ קאַמף ביז מסירות־נפש. אמת, יעדער אידעאַל, פון די אויסגערעכענטע, און אנדערע וואָס זענען ניט אויסגערעכענט געוואָרען, קאָן אפשר זיין אַן אָנהאלט פאר איין טייל פון פאָלק, פאר איין גרופּירונג און ריכטונג. פאר קיין פאַל אָבער ניט פאר די מיליאָנען אידען איבער גאָר דער וועלט, וועלכע לעבען אונטער פארשיידענאַרטיגע באדינגונגען, יעדער קיבוץ איז אויף אַן אנדער אופן איינגעוועבט אין די נאציאָנאַלע באָדענס פון אזוי פיל באזונדערע פעלקער, מיט אנדערע קולטורען, מיט פארשיידענע לעבענס־שטייגערס, מיט אנדערע טעמפּאָס, און עקאָ־נאָמיש־פּאָליטישע סיסטעמען. ס'איז קלאָהר, אז אַן אַלגעמיינער שטאנדפונקט, וואָס זאָל זיין ביכולת צו פארבינדען אַלעמען דארף אויסגעארבייט ווערען, אַ שטאנדפונקט מיט שעפערישער השפעה אין זיך, פארשטענדליך פאר אַלעמען, וואָס זאָל געלערענט ווערען פון פאָלק, אנערקענט ווערען פון אַלעמען.

דערווייל, איידער אזא שטאנדפונקט ווערט געבראַכט צום לעבען, קעמפט יעדער גרופּירונג פאר איהרע צילען, און אַלע צוזאַמען

צורייסען דאָס פאָלק אויף שטיקער, און פארשיידענע שטאנדפונקטען און מעטאָדען, אויסטייטשונגען און פירושים, ווערען געבאָרען. דעריבער — די בלאָנזשעניש, די קאַלטקייט, דער כאָאָס אין אונזער לעבען.

אונזער דור גויטיגט זיך היינט צו טאָג, מעהר נאָך ווי ווען עס איז פריהער, אין איין ליניע, איין נאציאנאלען באדען אויף וועלכען די פארשיידענע גרופּירונגען זאָלען זיך קאָנען שטעלען, הגם זיי וועלען, אין אנדערע פרטים, בלייבען אפשר סיווי באזונדער און אָפּגעטיילט. די ליניע דארף זיין אזעלכע, וואָס זאָל אנערקענט ווערען פון אלעמען, אָהן אונטערשייד. איהר סאמע אינהאלט דארף זיין דער ענטפער אויף דער גרויסער, הארבער אידישער פראגע: וואָס איז א איד? די פראגע הענגט איבער אונזערע קעפּ היינט צו טאָג און גיט אונז קיין רוה ניט. זי פאָדערט, מאָנט, אן ענטפער. זי לאָזט זיך ניט פארשטעלען, איגנאָרירען, און זי רופט אונזער אינ־טעליגענץ אָפּצוגעבען זיך גופא א חשבון־הנפש. ניט האָבענדיג קיין תירוץ, לאָזט זי הינטער זיך א חלל, א מורא׳דיגע פוסטקייט, א לייד־דינקייט, וואָס פרעסט אויף יעדער ברעקעל ענערגיע. זי מאכט אומ־גליקליך דעם עלטערען דור און תוהו־ובוהו׳דיג בלייבט אונזער יו־גענד. שטעהען מיר דעריבער היינט צו טאָג אויפ׳ן שיידוועג און אלע לאָמפּען, וואָס האָבען אמאָל אזוי צויבערליך באלויכטען אונזער וועג, ווערען איסגעלאָשען. דארף מען אויפנעמען די דאָזיגע נויט־ווענדיגקייט, זי פארשטעהן.

פארשטעהענדיג די נויטווענדיגקייט, וועלען מיר אפשר פּרובירען זיך אויסגלייכען אויף איין פונקט און מיר וועלען צייטווייליג אָנ־נעמען אלס די איינציגע ליניע פאר אונזער דור: קולטור!... אָבער כדי איין צוגאנג און איין באציאונג זאָל דערמעגליכט ווערען, מוז מען אוועקשטעלען די פּראָגראם אזוי, אז דער גאנצער סכום פון היסטאָרישען מאטעריאל זאָל אוועקגעלייגט ווערען אויף דער וואָג־שאָל פון אמת; מען מוז דורכלייטערען דעם עבר און איהם פאר־בונדען מיט דער געגענווארט, מיט דער צוקונפט; און אפשר מוז מען גאָר געפינען די סאמע קערנדלעך, וואָס וואלגערען זיך אויף די וויסטענישען, זיי צונויפקלייבען און פארזעען אין באדען, און, אויב

זיי זענען סיווי דאָ, ווי מיר גלויבען, זיי באוואסערען און מאכען אויפסניי צו וואקסען.

אוודאי איז עס א שווערע אויפגאבע. מיר וועלען דאָ פּרובירען מאכען דעם אָנהויב. אפשר וועט זיך אונז טיילווייז איינגעבען. אויב ניט — אנערקענענדיג סיווי די נויטווענדיגקייט — וועלען מיר כאָטש אָנרעגען אנדערע צו פּרובירען נאָך אמאָל און מיר וועלען האָפען, אז עס וועט זיך זיי איינגעבען.

— 1 —

אונזער געשיכטע

אַ פאַרבלאָנזשעטער דור — די וואונדערליכקייט פון דער אידישער געשיכטע — די רעפּרעזענטאַטיווע אידען אין אַלע דורות — די קאָנטינואיטעט — די פעלשער פון אידענטום און זייער דערקענונג — דאָס פאָלק אַלס עם־עולם — ליידען און עקשנות — פריי־דענקער און ראַדיקאַלען — דער וואונדער בלייבט אַ וואונדער — דער נבייאישער שוואונג פון אידענ־טום — דער קוואַל פון וועלכען דורות האָבען געשעפּט אינהאַלט.

די אידישע געשיכטע איז, בלי ספק, איינע פון די וואונדער־ליכסטע, אויב ניט די וואונדערליכסטע.

די טויזענד־יעהריגע שנאה צו אונזער פאָלק זאָגט עדות, אז נאָך פון די עלטסטע צייטען אָן ביז אונזער צייט, אונזערע איינגע־שלאָסען, האָבען מענשען ניט פארשטאנען און, דעריבער אפשר, פאר־האסט די אידען. אַלע תחבולות האָבען, אָבער, ניט געהאָלפען די וואָס האָבען געוואָלט און געשטרעבט צו פארניכטען דאָס פאָלק אָדער עס צו אסימילירען, פארשלונגען. עס איז געבליבען לעבען ניט גע־רוקט אויף די גזרות און רדיפות.

איז דאָס אליין ניט קיין וואונדער? אנדערע פעלקער, שטאר־קערע אפשר, עלטערע, האָבען ניט געקאָנט דורכליידען אפילו קיין הונדערט־חלק פון אזעלכע ליידען. די געשיכטע האט צו דערצעהלען

וועגען די באבילאניער, פערזיער, גריכען, רוימער, וועלכע האבען געשפילט אזא גרויסע ראָלע אין אלטערטום. זיי האָבען אלע געהערשט און באוויזען אויפצובויען ריזיגע אימפעריעס, וועלט־מלוכות. דאָך זיינען זיי אונטערגעגאנגען. זיי האָבען אָנגעהויבען פון דער נידער, ארויפגעשטיגען צו דער העכסטער שטופע פון גלאנץ און הערשאפט און דערנאָך געגומען דעגענערירען, ביז זיי זענען געפאלען באזיגטע אויף דער וועלט־בינע און זייערע ציוויליזאציעס און קולטורען זענען פארשלונגען געוואָרען.

אידען האָבען אויסגעהאלטען אסך קריזיסען, מען קאָן אפילו זאָגען: איין פיער־טויזענד יעהריגען קריזיס, און זיינען יאָ געבליבען און לעבען נאָך היינט צו טאָג, ווען עס קומט זיי אוים צו באגעגנען זיך פנים אל פנים מיט אזעלכע הויך־אנטוויקעלטע קולטורען.

צו זאָגען אז אונזער פאָלקס אריכת־ימים קומט טאקע פון דער שנאה, פון דעם נעגנערשאפט, אדער געגנויער — פון דעם צו־להכעיס־געפיהל צו עקזיסטירען להיפוך די רדיפות, איז זינלאָז און, מילד גערעדט, שטימט נים מיט׳ן היסטאָרישען אמת. ווארים פארוואָס האָט בלויז דאָס אידישע פאָלק גראד ארויסגעוויזען אזא צו־להכעיס און נים קיין אנדער פאָלק אָדער פעלקער? אפילו אָנגענומען, אז עס איז צו־להכעיס און עקשנות, דארף מען דאָך אויך געפינען פאר דעם א דערקלערונג. האָט דאָך געמוזט זיין א זין אין דעם עקשנות, א בארעכטיגונג, א ליבשאפט צום אייגענעם, אן איבערגעבענהייט. איז טאקע דער אמת׳ער אמת, אז אזא אייגענס איז טאקע געווען ביי אידען און, משמעות, אז עס איז געווען, לויט׳ן אידישען שטאנדפונקט, די ווערט די מיה און ליידען, ווען מענשען פון פלייש און בלוט האָבען זיך נים גערעכענט מיט פיזישע און גייסטיגע ליידען, האָבען געטראָגען די גלות לאַטע און אויסגעשטאנען גירושים און אינקוויזיציעס, דורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנם און דאָך געצערטעלט זייער אייגענס, עס אנגעפילט מיט קדושה און זויבערקייט, עס אויפגעהיט פונ׳ם שמוציגען דרויסען, עס געטראָגען דורך שניי־שטורעמס און זומפען און נים אָפגעגעבען, נים פארקויפט עס, נים פארביטען.

זענען די קוואלען געווען טאקע אזעלכע מים־חיימדיגע, אז טרערען און בלוט זענען נים געווען בכח אָפצושטעלען די דאָזיגע מענשען צו שעפען פון זיי?

עס זעהט אוים אז אזוי איז עס טאקע געווען אין אלטערטום, אין מיטעלאלטער, און אפילו אין דער רענעסאנס־עפּאָכע. אין די אַלע צייטען זעהען מיר פאר זיך די דערשיינונג. מיר זעהען ישעיה׳ן שרייען אויף די גאסען פון ירושלים און רופען זיין דור צום קוואל. מיר זעהען עקיבא׳ן שטארבען באחד. מיר זעהען דעם רמב״ם וואנ־דערען פון לאנד צו לאנד. מיר זעהען דעם בעל שם ביי זיין עבודה, און רבי אליהו גאון זיך מפקיר זיין פאר א קוצו של יוד. אָבער איז עס היינט צו טאָג אויך אזוי? אמת, די שנאה צו אונז איז אפשר ניט קלענער, אויב ניט גרעסער, ווי אמאָל. אידען זענען דאָס ציל־ברעט פאר דעספּאָטען, דעמאָגאָגען און כוליגאנעס. רעגירונגען, שטאָטען, אויב ניט גאנצע פעלקער, עוסקען זיך מיט זיי. די שנאה צו זיי, צו אונז, ווערט אויסגענוצט אלס בליץ־אָפּלייטער פאר׳ן פאָלקס־צאָרן, וואָס רייסט זיך ארוים פון צייט צו צייט געגען די טיראנען; אָנפאלען אויף אידען, פּאָגראָמען, ווערען דורכגעפירט צו שטילען די ווילדע אינסטינקטען פון צעיושעטע מענשען־חיות; שטאַט־פילאזאפיעס, פאר דער דערשטיקונג פון סאָציאל־עקאָנאָמישע באוועגונגען, וואָס שטימען ניט מיט׳ן הערשענדען קלאס, ווערען אויפגעבויט אויף איהרע יסודות—קלאָרער גערעדט, די שנאה צום אידען איז געוואָרען א וועלט־פּסיכאָז און אפילו פאר די ליבעראלען און פריידענקער פון אונזער דור א פּראבלעם פון ערשטען ראנג. איז אָבער אונזער אייגען לעבען, אלס פאָלק, פאר אונז גופא, א דער־שיינונג פון וועלט־פארנעם? קוקען מיר אליין אויף זיך אלס טרעגער פון וועלט־אידעען, פאר וועלכע עס איז די ווערט און א כבוד צו ליידען?

אייגענטליך וואָלט עס געדארפט אזוי זיין. אונזער אייגענער קוק אויף דער געשיכטליכער אנטוויקלונג פון אונזער פאָלק וואָלט געדארפט זיין הויך, טיף און ברייט גענוג, אז ער זאָל זיין בכוח ארומצונעמען אונזערע נשמה׳ס, זיי אָנווארעמען און אָפּפרישען, זיי גיבען כח צו ליידען, כדי צו קענען פארזעצען די ארבייט. אָבער לאָמיר זיך מודה זיין, אז דעם וועג האָבען מיר געהאט אמאָל, אין די פארגאנגענע דורות, אין דער פינסטערער געטאָ. היינט צו טאָג, ווי עס שיינט, איז דער וועג פארוואקסען געוואָרען מיט דערנער און פארזעעט געוואָרען מיט שטיינער. די זון געהן קוים אויף אויף אונזערע געצעלטען. מיר האָבען אזוי פיל פארשיידענע אידען, אז קיין איין איד איז ניטאָ.

כ׳מיין, דער איד־טיפּ וואָס זאָל זיין כאראקטעריסטיש פאר׳ן גאנצען פאָלק. עס קוקט אויס, אז אין זאמד וואָס איז אָנגעטראָגען געוואָרען פון די ווינטען איז ניט לייכט צו געפינען א וועג. ער ווערט, דער וועג, ווי ווערהאָגליך עס זאָל ניט זיין, באלד פארשאָטען, און מיר האָבען טויזענד וועגען און וועגעלעך, אָבער בשום אופן ניט קיין איין שליאך, א ברייטען און אויסגעטראָטענעם. און ווען איהר ווילט דווקא געפינען דעם אידען, אין זיין אָריגינעלער פאָרם, מוזט איהר אפשר קוקען ארויף צו די שטערן פון אידענטום, אז זיי זאָלען אייך באלייכטען דעם וועג אין א פינסטערער נאכט.

לאָמיר זשע טאקע געהען נאָך די שטערן — די רעפּרעזענטאטיווע אידען אין אלע דורות. ווארים ארויפקוקענדיג זעהען מיר די נביאים, די תנאים, די גאונים. זייערע קאנסטעלאציעס האָבען פאר אונז א באזונדער צויבער. זייערע לעבענס זענען ניט געווען אומזיסט, און זייער שיין דערגרייכט נאָך אלץ צו אונז. זיי אלע צוזאמען מיט׳ן גאנצען פאָלק שאפען די אידישע געשיכטע, די וואונדערליכסטע פון אלע אין אויסדויער, אין אינטעלעקטועלער קראפט, אין עמאָציאנעלען דראנג, אין מסירות נפש, אין אוניווערסאלער פארטראכטקייט און פארטרוימטקייט.

רעדענדיג וועגען דער אידישער געשיכטע, מיינען מיר נאטירליך ניט די געשריבענע, נאָר די ניט־געשריבענע, די געלעבטע געשיכטע, די רעאלע, דעם לאנגען קאראוואן פון פאסירונגען און געשעהניסען, וואָס ציט אויף א שליאך פון קרוב צו פינף טויזענד יאָהר; די אידעאישע געשיכטע, וואָס האָט צו דערצעהלען וואונדערליכע מעשים און עמאָציעס פון א פאָלק, א געפּלאָגטס פון די עלטסטע צייטען אָן ביז צו אונזער צייט, א פאָלק וואָס האָט געלעבט פאר אן אידעע, זי געוואָלט דערהאלטען און טאקע פולשטענדיג רעאליזירען, און אפשר ניט איין אידעע, נאָר א קייט פון אידעען, געבונדען און שטייף־באהעפט, וואָס שניידט אין דער צוקונפט אריין, טרעטענדיג אויפ׳ן זעלבען וועג ווער ווייסט אין וויפיל וויטערדיגע יאהרהונדערטע — די געשיכטע פון עם־עולם, די געשיכטע פון אייביגען פאָלק אויף דער ערד.

מיר ווייסען, נאטירליך, וועגען די אפטריניגע, די וואָס האָבען ניט געקאָנט אויסהאלטען די פּראָבע און האָבען באשלאָסען צו

פארלאָזען פאָלק און שטאם, זייער גלויבען און אידיש לעבען. די, אָבער, וואָס האָבען ליב דאָס אידישע לעבען, אין זיין גאַנצקייט, וועלען ניט קענען געפינען קיין בארעכטיגונג פאר די פּחדנים און משומדים. קוקט נאָר אריין אין די טיפענישען פון שטראָם אויף א מינוט און איהר ווערט דערשטוינט. איהר זעהט פאר זיך פערזענ־ליכקייטען, וועמעס בארירונג פילט אָן אייער הארץ מיט ליבע און שטאָלץ. פאר אייערע אויגען דערשיינען די גייסט־טעמפּלען, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרען פון אזעלכע ארכיטעקטען ווי משה, יחזקאל, רמב״ם, רש״י און פילע אנדערע. זיי אלע זויבערע נשמה׳ס און געלייטערטע אין לייד, טרעגער פון גרויסע לאַסטען, היטער פון ריינסטען פייער און וואסער, גיבורי הרוח. פילט איהר ניט, אויב אייער נשמה איז אָפען איינצוזאפּען אין זיך די שיינקייט פון וועלט־אל, טיפען יראת־הכבוד? און ווען איהר פיהלט, מוזט איהר דאָך זאָגען: אכן בית אלהים הוא! ס׳איז א טעמפּעל, א געהייליגט אָרט, אָפּגעגרעניצט אין דער גרויסער ברייטער וועלט פון מאכט און אומרעכט, אין דער וועלט פון דעראָבערונג און אונטערדריקונג, פינסטערניש און פארשקלאַפונג, און יעדער פון די דערמאָנטע און ניט־דערמאָנטע האָט מיט זיין „איך” אויסגעבויט אָן אייגענעם טעמפּעל, א באזונדערען בית־המקדש.

אוודאי שטעהען פאר אייך ניט בלויז מענשען פון דער וויטער אָדער נאָהענטער פארגאנגענהייט, נאָר, אויב איהר ווילט, מענשען פון דער צוקונפט. ווארים ווען אונזערע בעסטע חלומות וועגען מענשען וועלען האָבען פארווירקליכט געוואָרען, און גייסט וועט אָנפילען די ערד, ווי „די וואסער וואָס דעקט צו דעם ים”, וועלען קיין איידעלערע גייסטער ניט דארפען זיין דעמאָלט. גייסט־פּרינצען זענען זיי און מלכים אין דער קעניגרייך פון שיינקייט און גוטסקייט, און — ווארף בעסער ארונטער די שיך פון דיינע פיס, מענש, ווען דו קומסט אין באריהרונג מיט אָט אזעלכע סימבאָלען פון העלער געטליכקייט, סימבאָלען אין מענשליכע געשטאלטען.

אין אמת׳ען, הערען משומדים! — דער יחוס־בריף איז אזא פיינער, אז מיר ווערען פשוט פארבליפט פון זיין גלאַנץ און איהם אוועקוואַרפען און זיך מתחתן זיין מיט אנדערע פעלקער, להכעיס

אונזער בלוט און געגען אונזער אָפּשטאַם, איז א פארברעכען געגען זיך, געגען לעבען, א דערנידריגונג.

אָבער — צוריק צום פונקט:

דער וואונדער ליגט אין דעם דווקא וואָס די דאָזיגע פּערזענ־ליכקייטען האָבען מיט זייער אייגען לעבען אויפגעשטעלט גייסט־בנינים און זיי תמימות׳דיג אויסגעצירט מיט זייערע מעשים, איינגע־קנאָטען אין זיי היילינקייט. זייער גרויסע עובדה איז באשטאנען אין דעם וואָס זיי האָבען מיט זייער ערנסט און גרויסקייט געהאט א השפּעה אויף אנדערע, זיך גופא אריבערגעטראָגען אין אנדערע, וועלכע האָבען ממשיך געווען די ארבייט. זיי האָבען אויפגעבויט קופּאלען צו דערלאנגען דעם הימעל, געהענדיג אויף די שפּיץ־פינגער אויף אן איינענער סטעזשקע, אויסהיטענדיג זיך ניט צו באַרירען קיינעם, נאָר צו פארשטארקען דאָס ליכט פון דער וועלט און עס פאראייביגען אין מיטען א ים פון רשעות און פינסטערניש. איינער האָט געבויט און דער אנדערער האָט צוגעבויט — שטיקער פון זיין לעבען, צומאָל איינגאנצען, אריינגעבויט. צווישען זיי, ווי ווייט איינער פון אנדערען זיי זאָלען האָבען געווען, האָט די צייט ניט געשפּילט קיין ראָלע, אויך רוים — ניט. עס איז געווען אזוי ווי איין שטראָם, אויסגעצויגענ ווי דער נילוס, וואָס באפרוכפּערט, און דער טייך האָט געבראכט, מיט זיינע וואסער־שטראָמען, לעבען פאר אלעמען.

די רעפּרעזענטאטיווע אידען — דער נילוס, אלע ווי איינער, ווארים אלע האָבען אויפגעשפּילט דעם זעלביגען טיפּ. דאָס לאנד, ביז צו זיינע ווייטסטע גרעניצען — אלע אידען, וועלכע האָבען זיך נשמה׳דיג אידענטיפיצירט מיט׳ן פאָלק.

אָט אין דעם ליגט גראד די וואונדערליכקייט, די אמת׳ע, פון דער אידישער געשיכטע, אין דער קאנטינואיטעט, אין דער פארבינ־דונג, דורך די צייטען, פון אלע שטראָמען אין איין שטראָם, וואָס האָט געהאט איין בעט צו פליסען און איז פון קיינעם ניט פארביטען געוואָרען.

ווען די צדוקים האָבען געוואָלט פעלשען דעם באזונדער שטעמ־פּעל פון אידענטום, זענען געקומען די וואָס האָבען געוואוסט און פארשטאנען און האָבען דעם שווינדעל ארויסגעשטעלט, און אלע

האָבען איהם דערזעהן. ווען עס זענען געקומען די קראים און האָבען אין נאָמען פון דער תורה געוואָלט אָפּמעקען די ענדערונגען וואָס דאָס אידישע לעבען האָט אריינגעטראָגען אין משך פון די צייטען אין דער אידישער וועלט־אנשויאונג, איז געקומען סעדיה גאון און זיי באוויזען ווי פאלש זייער וועג איז, און דער סוף איז געווען, אז די וואָס האָבען זיך מיט דער באזונדער קאנטינואיטעט פון אידישען פאָלק ניט געקאָנט פארבינדען, זענען ווי פון זיך אליין אויסגעשפּיגען געוואָרען, ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון גילוס, און זענען געבליבען דרויסען פון פאָלקס־לעבען.

אָט די קאנטינואיטעט איז דער וואונדערליכסטער כאראקטער־שטריך פון אונזער לעבען אלס פאָלק.

די קאנטינואיטעט, אלס שטייף־געשלאָסענע קייט, האלט אָן אָפילו נאכדעם, און נאָך אפשר פיל שטארקער ווי פריהער, ווען דאָס פאָלק פארלירט זיין לאנד, ווערט צוזעעט און צושפּרייט איבער אלע וועלט־טיילען און שבעה ימים און ווערט פאקטיש אויס נאציע אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט. צובראָכען און צוריסען איז דאָס פאָלק, און אין די הענט פון שלעכטע מושלים. זיין מצב איז א שוידערליכער. עס איז אומגליקליך אין אלע הינזיכטען, און די גאנצע תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהם. דאָס מאטעריעלע לעבען איז אזוי פינסטער און אזוי אָנגעזאפּט מיט צרות און דער־נידריגונג, אז דער אמאָליגער פּרינץ איז ווירקליך פארוואנדעלט געוואָרען אין א הונט, א היימלאָזען, וואָס ווערט געטריבען און געיאָגט און האָט ניט קיין מקום־מנוחה.

פונדעסטוועגען, ווי אומגלויבליך דאָס זאָל ניט אויסקוקען, געהט אויף די זון און זעצט זיך, און געהט נאָך אמאָל אויף, אויף זיינע באזונדערע טיילען, ווי צוריסען און דערווייטערט זיי זענען ניט איינער פון אנדערען אין צייט און אין רוים. און אן אייגענע זון איז עס, א אידישע, א באזונדערע אין עסענץ, אין עצם. איהר ליכט און גלאנץ ווערט קיינמאָל געמינערט און איהר שטעמפּעל ווערט ניט אָפּגעמעקט. צו איהר קוקען ארויף דורות נאָך דורות, און זיידע צום אייניקעל, ווי טאטע צום קינד, זענען געבונדען און באהעפטעט. רופט עס רעליגיע, תורה, אויב איהר ווילט אפילו אָבערגלויבען, פאנאטיזם — דער זין ענדערט זיך ניט אויף א האר היסטאריש,

פסיכיש, מענשליך. אהן לאנד, שפראך, און שטאט — די הויפט סימנים פון א נאציאנאלען לעבען — געהט אן דאס פאלק מיט זיין אייגענער עקזיסטענץ, נעמט אויף זיין גרויליגען גורל צווישען די פעלקער באהבה, זייענדיג גרייט אויף כל המינים קרבנות און פילענדיג די גערעכטיגקייט פון זיינע לײדען ביז די טיפסטע טיפע־נישען פון זיין נשמה, אזוי ווי עס זאל זיין איבערצייגט, ווי עס איז טאקע אין פולען זינען פון וואָרט, אז די גאנצע וועלט איז אומגערעכט, נאר איין־איינציג פאלק איז גערעכט. זעלבסטפאר־שטענדליך, אז דערצו דארף מען האבען אסך גייסטיגען כח, און דאס דאזיגע וואונדערליכע פאלק וואס האלט אן די גאלדענע קייט און קאנטינואיטעט אין דעם סאמע זין פון זיין העלדישקייט און אויסדויער, באזיצט אט דעם דאזיגען וואונדערליכען כח.

מיר זעהען פאר זיך א וואונדערליכע גרייטקייט צו לײדען גע־מיינשאפטליך פאר׳ן אייגענעם, און א פארביטערטע דאך אקטיווע האפנונג, אן אנגעזאפטע מיט צרות דאך א פול־באלאדענע מיט זיכערקייט אינ׳ם טאג פון גערעכטיגקייט און משפט. אן עקשנות וואס איז כמעט איבערמענשליך, און נאציאנאלער בטחון און אמונה. אנו, פרואווט געפינען נאך אזא פאלק אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט, נאך אזא וואונדער־וואנדער פאלק. איהר וועט ניט געפי־נען. נאר איין עקזעמפלאר האט דאס לעבען ארויסגעגעבען, איין געשטאלט, איין באזונדערע, אייגענארטיגע קאפיע. און דא קומען מיר צום צווייטען וויכטיגען פונקט אין אונזער געשיכטע:

קאנטינואיטעט דורך איין־איינציגקייט — דער ריכטיגער זין פון דעם „אתה בחרתנו” פאלק, אן עקזיסטענץ פון א פאלק וואס האט זיך זעלבסט אויסדערוועהלט צו רעאליזירען אן אידעע.

פארשטענדליך, אונזערע כלומרשטע אויפגעקלערטע וועלען באלד ארויספאהרען אויפ׳ן פערדעל, וואס טראגט דעם נאמען „נאציאנאל־שאוויניזם”, און וועלען אייך פארשרייען און ממש פארטויבען:

„שאוויניסט וואס איהר זענט — ווי שעמט איהר זיך ניט?” אזוי צו גלויבען און צו דיינקען דארף מען זיין א בלינדער נאציא־נאליסט, א פאשיסט, א רעאקציאנער, א פינסטערלינג!” האב איך טאקע אומיסטען אויסגעשעפט אלע „עפיטעטען” פון דעם שניט. אלע צונעמענישען, כדי עס זאל ניט בלייבען אויף יענער זייט גארניט.

איז אָבער דער אמת ניט מיט די וואָס שרייען און טומלען און קאָנען באנוצען עפּיטעטען. און זיכער ניט מיט די וואָס ווילען אריינ־דריקען די גאַנצע מענשליכע אנטוויקלונג אין א פּאָר סאָציאלע פאָר־מולעס. ווארים די געשיכטע, ווי איהר פּראַקטיש דאָס לעבען, רע־כענען זיך ניט מיט די אויסגעדיינקטע אנשויאונגען, פונקט ווי דער וואנדערענדער איד, מיט זיין טלית און תפילין, מיט זיין תורה, זיין שול, זיינע צדקה־אינסטיטוציעס, מיט זיין באזונדער לעבענס־פילאזאפיע, האָט זיך לחלוטין ניט גערעכענט מיט דעם וואָס אנדערע, שטארקערע פון איהם, זיכערע, האָבען געטראַכט. ווארים די היסטאָ־ריע פון דער וועלט און, משמעות, דאָס לעבען פון עם עולם, דאָס אידישע לעבען, האָבען געהאַט זייערע אייגענע וועגען, און מיט זידל־ווערטער קאָן מען זייער שטים ניט פארטויבען און זייערע פאקטען ניט פארשיבען, און עס איז גענוג ארויסצוברייינגען בלויז דעם עצם פאקט פון דער אידישער עקזיסטענץ פאר קרוב צו צוויי טויזענד יאָהר, מיטפיהרענדיג מיט זיך די קולטור־אוצרות, וואָס זענען אויפגעקליבען, אנטפלעקט און אויפגעהאלטען געוואָרען אין און פאר אזוי פיעל דורות, כדי צו פארבלאַסען די מאדערנע באצייכנונגען מיט וועלכע עס אפּערירען, אזוי קונציג־פרעך, אונזערע ראדיקאלען און כלומרשטע פריידענקער.

זאָלען זיי, למשל, זיך אונטערנעמען צו דערקלערען דעם וואונ־דער און זאָלען זיי, חוץ די צונעמענישען און אָנגעבלאָזענע אויסדרוק־פאָרמען, מוחל זיין און אונז דערוויזען ווי אזוי און אין וועלכען זכות אזא פאָלק ווי אונזערס האָט געקאָנט אויסהאלטען דעם דרוק פון לעבען און וואו איז געפונען געוואָרען דער ברונים פון וועלכען דורות האָבען געשעפּט, לכל הפחות, פאר זיך גופא אזוי פיל קריסטאל־ריינע, מחיה'דיגע וואסער, צוריקשלאָגענדיג די רשעות, וואָס האָט געשטורעמט זייער פעסטונג פון אלע זייטען, און פון וואנען האָט זיך גענומען אָט־די גייסטיגע פעסטונג גופא.

וועלען זיך אונזערע אויפגעקלערטע שטעלען אזא אויפגאבע — און אויב זיי זענען עהרליך צו זיך מוזען זיי אזוי טאָן — וועלען זיי אפשר דארפען געהן אויפ'ן זעלבען וועג און זיי וועלען, אין זייער לייד, געפינען דאָס זעלביגע. אויך זיי וועלען אפשר מוזען באוואונ־דערען די עקזיסטענץ פון אונזער פאָלק און מודה זיין אויפ'ן אמת

פון זאכען און דערשיינונגען. ניט אומזיסט האָט דער חכם פון אלטערטום, דער פילאזאף פון אטען, געזאָגט, אז דער פאָטער פון פילאזאָפיע איז באוואונדערונג. קוקט איהר אויף דערשיינונגען און וואונדערט זיך אויף זייער עקזיסטענץ און צונויפקייטלונג, טראכט איהר, זוכט איהר זייערע סודות און זין, מוזט איהר אומבאדינגט קומען צו באשטימטע שלוסען.

און דער שלום פון אלע שלוסען איז, אז דעם סאמע תמצית פון אידענטום געפינען מיר אין די רעפּרעזענטאטיווע אידען, אין דעם גילום־שטראָם ווי אויבען אָנגעוויזען, אין דער קייט וואָס איז אויסגעצויגען געוואָרען דורך די דורות, און דער עיקר אין דעם ווי אזוי זיי האָבען אויסגעלעבט זייער לעבען. אין זייערע פּאלאצען אריינצוקומען דארפט איהר האָבען ניט בלויז דעם אויסדויער פון געלערטען — דאָס איז אפשר א נויטיגער עלעמענט — נאָר די מענשליך־מאראלע קראפט, דעם פּאָעטישען שוואונג און דעם נביאי־שען קוק און מוט. איהר דארפט זיין אליין א לאסט־טרעגער, א פאקעל־טרעגער, הארעווען אויף זיך, אויסוועהטאָגען און אויס־ליידען אן אייגענעם „איך”. ווארים אויך אין דעם האָט זיך דער רעפּרעזענטאטיווער איד אונטערשיידט פון אנדערע פעלקער־טיפּען — זיין לעבענס שטרעבונג איז געווען אויסצוהאקען פון זיך א באזונדער פּערזענליכקייט מיט שטייפע, פעסטע שטריכען. ניט גענוג איז צו פארשטעהן די ווערטער, נאָר קענען אויפ׳ן וואונק אויפכאפּען די סאמע פּרינציפּען און זיין אן אייגענער אין די קארידאָרען ווי אין די זאלען. מען דארף קענען לעבען דאָס לעבען פון פאָלק און איינזאפּען אין זיך זיין רייכע קולטור, אָטעמען זיין אָטעם, האָפען זיין האָפנונג און שטרעבען זיינע שטרעבונגען. מען דארף זיין אליין א איד, ניט בלויז אין נאָמען, כדי צו פארשטעהן דאָס אידישע לעבען און עס אינטערפּרעטירען פאר אנדערע. ווארים קיינע אנדערע מאָסען, פּרעמדע, קאָנען און זאָלען ניט אָנגעווענדט ווערען אויף אונז, ווי עס ווערט געטאָן פון די וואָס האָבען מיט׳ן אידישען לעבען קיין שייכות ניט, אָדער וואָס זענען נאָר לכתחלה אנטאגאניסטיש.

אזוי האָט מען עס פארשטאנען אין אלע צייטען און אזוי מוז עס פארשטאנען ווערען אין אונזער צייט, אויב — און דערביי

טאַר גאַר קיין אויב ניט זיין — מיר ווילען געפינען דעם אמת אין אַט דער בלענדענדער פענאמען, וואָס הייסט „אידיש פאָלק”.

— 2 —

אלמענשליכקייט אין אידענטום

גרויסע פערזענליכקייטען ביי אנדערע פעלקער. — דער אייביגער בונד און די התחייבות. — דער דיכטער, אידעאליסט און נביא. — די געגעבענע קוואנטיטעט, — די אוניווערסאלע אידעע פון איין־גאָטהייט. — דער נאציאָנאלער זכרון פון אידישען פאָלק. — פראָגרעס און פרייהייט. —

מ'דארף לגמרי ניט זיין בלינד צום אמת און זאָגען, אז ביי אנדערע פעלקער, אנטוויקעלטע אין גייסט, זענען ניט געווען קיין רעפּרעזענטאטיווע מענשען.

דער מענשליכער מין האָט ביי אלע פעלקער ארויסגעבראכט פון זיך גוטע עקזעמפּלארען, מענשען געהעכערטע אין זייער סביבה. די געשיכטע פון דער מענשהייט איז אָנגעפיקעוועט מיט אידעאל־פּונקטען, און די דאָזיגע מענשען האָבען געדיענט און דיענען אלס באגייסטערונג און ביישפּיל פאר'ן מענשליכען גייסט פון אלע דורות. אין גריכענלאנד, אין רוים, אין מיטעלאלטער, זענען געווען מענשען פון אמת און מענשליכקייט, קעמפער פאר גערעכטיגקייט און פרייהייט. מיט געבויגענע קעפּ שטעהען מיר פאר אזעלכע פערזענליכקייטען ווי סאָקראטעס און סענעקא, ווי קאטאָ און דיאָגענעס, ברונאָ און גאלילעי, פּאסקאל און טאָלסטאָי. מיר פיהלען ממש בחוש, אז די דאָזיגע מענשען האָבען געהאט איבער זיך ספּעציפישע אויסגעהאָ־רעוועטע געשטאלטען, באזונדערע נשמות האָבען געשוועבט איבער זיי, און כוחות, אומדערקלערליכע, האָבען זיי באגייסטערט און באַ־פרוכפּערט.

אָבער אן אונטערשייד איז צו געפינען צווישען די אידישע

רעפּרעזענטאטיווע מענשען און די דערמאַנטע, אָדער ניט־דערמאַנטע, און דער אונטערשייד ליגט, ווי געזאָגט, אין דער קאָנטינואיטעט צוויי־שען די פיהרענדע אידען.

דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך פון גרויען אלטערטום אָן געהאט איין איינגעשניטענע, כּמש אין פלייש און בלוט איינגעבדרענטע מאָראל, און די טרעגער פון אָט דער מאָראל זענען געווען די רעפּרע־זענטאטיווע אידען, וועלכע, רייהע נאָך רייהע, געקייטעלטע צוזאמען, האָבען געטראָגען הויך די אידישע פאָהן דורך זייער אייגענעם „איך", דורך זייער אייגענער פּערזענליכקייט, אונטער א טיעף־מענשליכער התחייבות.

ווי פון א צויבער־גלאָק אין א ווייט־פאנטאסטישער וועלט, פאר־שטעקט אין א קנויל פון מיסטעריעס, דער קלאנג פון וועלכען ס'ווערט ניט אָפּגעווישט פון צייט, איז אויסגעקלונגען געוואָרען דאָס וואָרט אין די מדבריות פון אזיע און עס האָט געהאט דעם שטארקסטען אָפּקלאנג אין די הערצער פון די קומענדיגע: א בונד, אן אייביגער, איז געשלאָסען געוואָרען, און די מענשען וואָס האָבען איהם געשלאָסען, האָבען געוואוסט אז זיי נעמען אויף זיך און זייערע קינדער א התחייבות, וואָס זיי וועלען קיינמאָל ניט קענען ארונטערווארפען פון זיך.

„איך שליס מיט אייך, מיט אייערע קינדער און קינדס־קינדער, אן אָפּמאַך", איז געזאגט געווארען ווען ס'איז אין מדבר אדער אויפ'ן ישוב — די צייט שפּיעלט דאָ ניט קיין ראָלע — און דאָס דאָזיגע וואָרט האָט ניט אויפגעהערט צו דונערען אין אלעקסאנדריע ווי א רוים, אין סטאמבול ווי אין קאָרדאָווא, אין וואָרמס ווי אין אמסטערדאם.

מוז דאָך זיין עפּעס פון אייביגען, פון טיעף־מענשליכען, פון געט־ליכען אויב איהר ווילט, אין אָט דעם וואָרט, באזונדערס ווען עס איז אויסגעשטאנען די ערגסטע אומשטענדען, די אומדערטרעג־ליכסטע רדיפות און נגישות; מוז דאָך, צי איהר ווילט צי ניט, זיין אין אָט דער וועלט אנשויאונג אזא אלמענשליכקייט, וואָס איז שטארקער אין ליבשאפט, אין שוואונג, אין עצם, ווי דאָס קערפּער־ליכע לעבען פון מענשען, וועלכע זיינען, בלי ספק, געדריקט און געשטיקט געוואָרען ביז צו אבסאלוטער נעגאציע, ביז צום טויט.

אין וואָס־זשע באַשטעהט אָט די אַלמענשליכקייט?

מיר האָבען ניט אין דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע קיין איין אַנדער קאָלעקטיוו, וואָס זאָל דיענען אַלס ביישפּיעל. מיר האָבען ניט קיין פאַרגלייך, און עס איז דעריבער שווער, אויב ניט אונמעגליך, אָהן אַן אַנאַלאָגיע, צו אַנאַליזירען אַזא קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. דער איינציגער קריטעריום אין אַזא פּאַל מוז זיכער זיין דער פּרט, דער איינצעלנער עקזעמפּלאַר.

כדי פון אַ נאָהענטען פּערספּעקטיוו צו זעהן און פאַרשטעהן דאָס לעבען פון אַזא פאָלק, משיג צו זיין ווי ווייט מעגליך זיין טיפקייט, געהען מיר צום איינצעלנעם, זוכענדיג ביי איהם אַ פירוש און אַ באַשייד.

צווישען די איינצעלנע, די וואָס האָבען געדראַוועט אייגענטליך ביחידות און דאָך פערזאָניפיצירט מיט זייערע מעשים דעם טיפּסטען דראַנג פון פאָלק, געפינען מיר אומבאַדינגט דעם דיכטער, דעם טרוימער־אידעאַליסט און, די העכסטע עקספּרעסיע פון מענשליכען גייסט, דעם נביא. ווארים ס'איז דאָך קלאָר, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַ מאָראַל־פאָלק, וואָס האָט געקעמפט פאַר אַן אמת און האָט ניט געהאַט, אַ חוץ אַ קורצע פעריאָדע פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט אין אייגענעם לאַנד, קיין קאָנקרעטע מאַטע־ריעלע זאַך פאַר וועלכער צו ליידען, קיין באָדען אונטער די פיס, אויסער אַ טעריטאָריע פון כולו גייסט און שטרעבונג, אינספּיראַציע און קדושה, און אַ באַגייסטערונג פאַר אַ ווייט־ווייטען באחרית־הימים'דיגען טרוים. ווער נאָך ווי דער אידעאַליסט און נביא קאָן אונז גיבען כאָטש אַ שוואַכע פאָרשטעלונג פון אָט אַזא קאָלעקטיוו? וואָס נאָך פאַר אַן אַנאַלאָגיע, חוץ דער דערמאָנטער, קאָנט איהר דורכפיהרען? זיי זיינען קודם־כל די סאַמע שעהנסטע עקזעמפּלאַרען פון מענשליכען מין, און זייער לעבען אַלס באַרופענע, אונטער אַ פּסי־כישען צוואַנג און דראַנג, איז אָנגעפּילט מיט אינהאַלט, אָנגעהויכט מיט זין.

טראַכטענדיג מיט זיי און דורך זיי, קאָנען מיר אַלץ די גאַנצע מיסטעריע אפשר גאָר נישט משיג זיין. דער קאָלעקטיוו בלייבט אַלץ טיילווייז אַ סוד. אָבער מיר קענען מעגליך דערזעהן פון דער־ווייטענס די זוימען פון דער וואונדערליכער דערשיינונג, וואָס

הייסט „אידיש פאָלק״, און דאָס וועט דערווייל זיין גענוג. עס וועט אונז געבען, לאָמיר זאָגען, א צייטווייליגען שליסעל צו אונזער לעבען.

אין אמת׳ען איז נישטאָ קיין גרעניץ צווישען דיכטער און אי־דעאליסט. דער ערשטער זוכט דאָס שעהנע, דער צווייטער שטרעבט צו פאַראייביגען דאָס גוטע, דאָס גערעכטע. און ביידע זייגען אין דער בחינה פון דערפילען א שליחות. דער אידעאליסט מוז צופעגען זיינע אינעווייניגסטע קוואלען לטובת די מענשען, איז ער שוין במילא אין דעם זין א געשיקטער. דער עצם כוח, וואָס באוועגט און רעגט אָן זיין גייסט, איז א געגעבענער, אזוי ווי די קוואנטיטעט אין א מאטעמאטישער פּראָבלעם. דער גייסט וואָס זוכט אויסדרוק, גאולה, איז די פּראָבלעם, פּונקט ווי די באוואוסטע קוואנטיטעטען זיינען מחייב די אומבאוואוסטע קוואנטיטעט, וואָס ליגט איינגעוויקעלט אין דער פּראָבלעם. אָט אזוי ארבעט טאלאנט, אָט אזוי ארבעט גייסט, און דעריבער קאָן קיין כוח, סיידען דער טויט, צושטערען זיין גאנג און אנטוויקלונג. דעם אידעאליסט ווערט צוגעטיילט א שטיק כוח, געגען וועלכען ער קאָן זיך ניט אנטקעגענשטעלען. זיין וועלט רייסט זיך צו אויסדרוק. דער כוח איז די געגעבענע קוואנטיטעט, דער אויס־דרוק איז די לייזונג צו דער פּראָבלעם, און אזוי לאנג ווי זיין לעבען, זיין גייסטיגער „איך״, איז ניט פאַראייביגט, איז קיין רוה פאַר איהם ניטאָ.

אנ׳אנדער כאראקטעריסטיק, און אפשר די סאמע וויכטיגסטע, איז די געשטאלט וואָס הייגגט איבער זיי. באשאָנקען מיט זעהונגס קראפט, דרינגען דורך די שטראַלען ווי אן עקס־רעי דרינגט דורך א וואנט פון פליש און בלוט. די דאָזיגע זעהונג רופט דאנטע „בע־אטריטשע״, די פּרינצעסין פון זיין הארצען, אין וועלכער ער האָט זיך כלומר׳שט פארליבט נאָך אין זיין יוגענט, און ווירגיל פיהרט איהם ביי דער האנט דורך די פינסטערע קאָרידאָרען פון לעבענס גיהנם. אנדערע פּאָעטען שליסען אן אייביגען בונד מיט דער מוזע. די נביאים געפינען ניט קיין בעסער וואָרט, ווי דאָס גרעסטע וואָס נעמט ארום דאָס גאנצע, דעם אוניווערז—גאָט. מיט גליהענדע הערצער זעהען זיי פאַר די אויגען אויפקומען די חזיונות פון דער נאכט, און גאָט רעדט פּונ׳ם נעפּעל. מיט אָט דעם כוח האָבען זיי געקאָנט זאָגען מיט געוויסענהאפטער זיכערקייט: „אזוי זאָגט גאָט, אזוי

פאָדערט דער אמת", און מיט דעם כוח האָט גאַלילעי אויסגעשריי־גען: „אָבער זי דרעהט זיך פאָרט!" און זשאָרדאנאָ ברונאָ איז געגאַנגען מוטיג צום שייטער־הויפען.

עס איז טאקע זעהר שווער ארויפצוהויבען זיך צום צווייטען שטאפעל פון לייטער, אריבערצוגעהן פונ'ם איינצעלנעם צום קאָ־לעקטיוו, פונ'ם יחיד צום כלל. ווען א פאָלק לעבט־איבער און האלט אָן פאר דורות א באגייסטערונג; ווען זיין גייסט ווערט איינגעהילט אין פלאמיגע וויזיעס, אויסגעגליהט אין אייגענעם פייער, און ווערט געטריבען צו קאָלעקטיווער האנדלונג אויף נאָך א שטארקערען אופן ווי דער אידעאליסט, מוזט איהר בלייבען שטעהן פארגאפטע פון דער מיסטעריע.

אנדערע פעלקער טראָגען אויך אין זיך נאציאָנאלע באגייסטערונג, וואָס דרינגט דורך זייער נשמה ביז דעם גרונד. פעלקער קאָנען ניט לעבען אין פוסטקייט. היסטאָרישער אריכת ימים איז ניט מעגליך אין א גייסטיגען וואקואום. ווארים נאָר א דאנק דעם איז מעגליך געווען פאר די פעלקער, וועלכע האָבען אויסגעלעבט אן אייגענע געשיכטע, צו לעבען און געדייהען, און אָהן דעם וואָלטען זיי זיכער אונטערגעגאנגען, ווי עס איז טאקע געשעהן מיט אייניגע פון זיי. כינעזער ווי הינדוסען, גריכען ווי רוימער, האָבען געהאט נאציאָנאלע נשמות, אייגענע גייסטער, „שרים אין הימעל", ווי דער תלמוד דריקט זיך אזוי געלונגען אויס. אָבער א נאציאָנאלע נשמה איז ניט אלעמאָל אן אוניווערסאלע נשמה. זי נעמט ארום בלויז דאָס אייגענע פאָלק און שיקט ניט איהרע שטראַלען אין דער ווייטער צוקונפט אריין. פאר אזא נשמה איז דאָ בלויז דער געגענווערטיגער מאָמענט, דער דור אין וועלכען מען לעבט, און א זעהר קורצע צוקונפט, אָפטמאָל אומבאדינגט א זעהר קורצער נאציאָנאלער זכרון. פאר אזא פאָלק שטעהט ניט לעבעדיג די אידעע מענש. נאָר דער באזונדערע טיפ מענש, און אפילו דער טיפ איז באהעפט צום באָדען, צו שפראך, צו שטאָט און צו לאנד. די טראדיציעס פון פאָלק פאראייביגען אָט־די דערמאָנטע פאקטאָרען. זיי דריקען ניט אויס אוניווערסאלע אידעען פאר דער גאנצער מענשהייט, ניט אין דער געגענווארט, ניט אין דער צוקונפט, און אוודאי ניט אין דער גאָר וויט־ווייטער צוקונפט.

די באגייסטערונג וואָס פליסט ארויס פון אן אוניווערסאלער אידעאָלאָגיע, אָבער ,איז ניט פון דעם מאטעריאל געקנאָטען. דאָ ווערט אויסגעלייגט א ברייטער שליאך איבער מענש, וועלט און גאָט. געגענוואַרט און צוקונפט — פארבונדען, פאראייניגט. אויף דעם באָדען ווערען געבוירען די טערמינען פון אייביגקייט, אונ־ענדליכקייט און געטליכקייט. דער אוניווערסאלער טיפ קוקט אין דער ברייט און אין דער טיעף — קוקט אין זיך. די סאמע גרעסטע אויפגאבע איז ניט בלויז אויפצובויען א לעבען פאר זיך, נאָר דיענען אלס ביישפיעל פאר אנדערע פעלקער. פון זיין עצם געבוירט און אורשפרונג ווערט געשאפען א ספעציפישער בליק אויפ׳ן לעבען פון מענשען, א דרך החיים מיט א בחירה, א פילאזאפיע פון לעבען, ניט קיין אידעאישע, נאָר א רעאלע, א מעשים׳דיגע. דאָס לעבען ווערט דערהויבען צו אזא הויכער ניוואָ, אז דאָס פאָלק דערשפירט נאָך פון סאמע אָנהויב זיין וועלט־ראָלע און פארבינדט זיינע אידעען מיט דער מענשהייט. די מאנאָטעאיסטישע אידעע, די איינגאָטהייט, די פאראייניגטע הערשאפט אין אוניווערז, דער פאָדעם וואָס ציהט זיך צווישען דער אָרגאנישער און ניט־אָרגאנישער וועלט, וואָס שטעהן ביידע אונטערן צייכען פון שעפערישקייט, איז ביכולת אויפצושטעל־לען א העברעע פילאזאפיע פון לעבען און צופיהרען די פרינציפען פון מענשליכער מאָראל צו זייער עקסטרעמען אמת־פונקט.

דאָס אידענטום שטעלט זיך דעריבער להיפוך דער אינסטיטוציע פון געצענדיענעריי, שקלאפעריי און דעספאָטיזם.

אלע דריי אינסטיטוציעס זענען פעסט איינגעוואָרצעלט, אלגעמיין אנערקענט און כמעט אומבאשטרייטליך. נאָך אזוי שפעט ווי אין די צייטען פון פלאטא ווערט שקלאפעריי אנערקענט אפילו פון די דענקער. אין זיין „רעפובליק", אין דער קעניגרייך פון פילאזאפען, זענען נאָך אלץ די מעהרסטע מיטגלידער פון שטאט מענשען, וואָס ווערען סימבאָליזירט דורך די ביליגסטע מעטאלען. אין די טעמפלען פון בבל, אין פערסיע, פיהרט מען נאָך אלץ אויף די געמיינסטע ניאוף־דיענסט צו די געטער, און רציחה איז דערלויבט אומעטום.

דאָס קעמפערישע נביאישע אידענטום טרעט ארויס געגען דער נאנצער וועלט. גערופען צום משפט, שטעהען די געצענדינער, פארשקלאפער און דעספאָטען פאראורטיילטע. זייער שטראָף איז א

פּאַראַויס־באַשטימטע. פעלקער און לענדער קאָנען ניט לעבען ווען זיי האַלטען אויף אַזאַ סיסטעם. דער נביא דונערט איבער די גאַסען וועגען די עלטסטע פון יהודה און די הערשער פון שומרון, וועלכע ווערען פּעט אויפ׳ן חשבון פון אָרימען פאָלק, און וועגען די נאַרישע זיהן פון ישראל, וועלכע בוקען זיך צום האָליז און צום שטיין, און גיסען אויס אויף די במות זייער לעבען וואָס איז פול מיט טפּשות, זנות, רשעות און שקר. ער, דער נביא, דאָס געוויסען פון פאָלק, שטעלט אוועק א וואָג פאר׳ן גערעכטען לעבען און א מאָס פאר׳ן אוניווערסאַלען, אייביגען, געטליכען אמת. ער איז ניט נאָר מוסר־זאָגער, שטראָפער און רעבעל, ניט נאָר באַקלאָגט ער די ברודיגקייט פון דער געגענוואַרט, נאָר ער איז אויך טרוימער און טרייסטער. קוקענדיג איבער די גרעניצען פון דער פינסטערער צייט זעהט ער אויך דעם אונטערגעצייכענטען חשבון, דאָס גוטע וואָס וועט און מוז קומען נאָכדעם. די גאַנצע וועלט, אַלע פעלקער דערהויבען, געלייטערט. דער אמת זיגט. אַנדערש קאָן ניט זיין. גערעכטיגקייט באַדעקט די ערד ווי וואַסער — די ימים. אַט אַזוי שטויסען מיר זיך אָן אָן דעם אידעאַליסט־דיכטער, אָן דעם „נביא לגויים נתתיך”, אָן דעם וועלט־מענשען, וועלכער דריקט אויס מיט זיך די סאַמע עסענץ פון דער אידיש־אוניווערסאַלער אידעע.

פון דאַנען — די אויסדערוועהלונג פון אידישען פאָלק אַלס ביישפּיעל פאר אַנדערע. די רעפּרעזענטאַטיווע אידען מאַכען דערביי דעם גרעסטען עקספּערימענט אין דער מענשליכער געשיכטע. דער עקספּערימענט קומט צו שטאַנד דורך א קערענדיגען, שעפּערישען אָנהויב. די אינסטיטוציע פון שקלאַפעריי ווערט אויפגעריסען און עקספּלאָדירט דורך איין רעבעלען־פאָלק, וואָס ציהט צו א לאַנד, וואו פרייהייט ווערט רעאַליזירט. דאָס דאָזיגע פאָלק הויבט אָן צו פיהרען אן אייגענעם חשבון פאר דער גאַנצער מענשהייט, אפילו פאר די באַרבאַרישע שבטים אין עק וועלט. עס גלויבט אין זיך און איז איבערצייגט, אַז גייסט דאַרף ניט אַרויפגעצוואונגען ווערען, און אַז ווען עס איז וועלען אַלע פעלקער קומען קיין ירושלים. עס איז אוודאי נויטיג צו געדענקען אַלעס, צו שטאַרקען דעם אייגענעם זכרון, און ממשיך זיין די אַרבעט ווייטער. ניט אומזיסט האָבען אידען אין משך פון די צייטען געליטען און געגלויבט, אַז זייערע

ליידען זיינען פון זיי אליין פאראורזאכט. ווארים וואָלטען זיי אליין געווען ראוי צו בעסערס, געלייטערט מאָראליש, וואָלט די ארומיגע רשעות און פינסטערניש ניט געהאט קיין שליטה, זי וואָלט משמעות ארויסגעטריבען געוואָרען פון דער מענשליכער געזעלשאפט.

דער היסטאָרישער זכרון פון פאָלק איז באמת דער סאמע סוד פון זיין קיום, און האָט אויפגעהיט ניט בלויז די פאסירונגען פון זיין לעבען, די דעראינערונגען פון זיינע ליידען, נאָר דער עיקר דעם תמצית'דיגען „פארוואָס" — די אידעען און דעם נביאישען יסוד פון אידענטום.

אָט דער זכרון האָט ניט געהאט קיין איבערדריים אין קיין צייט און אין קיין לאנד. ווי צוזייהט און צושפרייט אידען זענען ניט געווען, פאראנקערט צייטווייליג דאָ און דאָרט, אין די לענדער פון מערב און אין די לענדער פון מזרח, אויף אלע קאנטינענטען, און ווי פארשידענארטיג זייער לעבען האָט זיך געמוזט צופאסען צו די באדינגונגען, האָבען זיי אָבער זיך דאָך געהאלטען ביי זייער אייגענם. דער זכרון פון פאָלק האָט געשאפען א ניט־איבערגעריסענע קייט, און די האָפנונג האָט געגעבען כוח צו אדאפטירען זיך אין פארשיידענע לענדער, צופאסענדיג זיך צו אזוי פיעל באזונדערע קולטורען און דאָך ניט אויפהערען ארויסקוקען אויף יענעם טאָג, ווען דאָס פנים פון דער ערד וועט זיך ענדערען און זיבען זונען וועלען אויפגעהן און אויף אייביג פארטרייבען די פינסטערניש.

די גאָלדענע קייט איז באשטאנען, נאטירליכערווייז, פון א סך ריינגען און אין יעדער רינג איז געווען איינגעפאסט א רעפרעזענטאטיווער איד.

זיי, די איינצעלנע אידען אין משך פון דורות, האָבען אויפגעהאלטען די גאנצקייט. זיי האָבען איינגעקריצט זייערע געשטאלטען אין דעם נאציאָנאלען זכרון. ס'איז ניט געווען קיין פראגע, צי דער אידישער שטאנדפונקט איז א גערעכטער, אָדער אומגערעכטער. די נעגאטיווע זייט איז גאָר לחלוטין ניט געווען בנמצא, זי האָט דעריבער קיין מעגליכקייט קיינמאָל ניט געהאט צו פארכאפען די פסיכיק פון פאָלק. יחידים, קליינע און שוואכע, זענען אפשר דאָ און דאָרט אריינגעפאלען אינ'ם אָפגרונד פון פעסימיזם. עס איז אָבער געווען א פריוואטער, אן אינדיווידועלער, א פערזענליכער יאוש, ניט קיין

-אציאָנאַלער. זענען זיי טאַקע געגאַנגען פאַרלאָרען. דאָס פאָלק אַלס גאַנצעס, ווי מיר זעהען עס אין דער געשיכטע, האָט ניט איבערגעלעבט קיין פאָלשטענדיגע ירידה. צומאָל זענען פאָרגעקומען קורצע מאָמענטען פון מוטלאָזיגקייט, אָבער די קערנדלעך וואָס זענען פאַרזעעט געוואָרען, האָבען ארויסגעשפּראָצט פון דער ערד, און ווידער אַ מאָל — זעהען מיר דאָס פאָלק געשטאַרקט און דערמוטיגט. די גייסטיגע ירידה, נעמענדיג בלויז איין ביישפּיעל, אַלס רעזולטאַט פון דער פאַרפיהרערישער שבתי־צבי באַוועגונג, איז ניט בלויז ליקווידירט געוואָרען, נאָר האָט פאַקטיש נאָך באַוויזען ארויסצוברענגען דאָס פאַרקעהרטע — חסידות. דאָס פאָלק האָט, ווי געזאָגט, ניט נעהאַט פאַר זיך דעם „ניט־געדעכט". זיין שטאַנדפּונקט, זיין לעבען, זיין אַנשויאונג איז געווען פּאָזיטיוו און אַקסיאָמאַטיש. סקעפּטיציזם איז באַטראַכט געוואָרען ווי זעלבסטמאָרד, און אַ זעלבסטמערדער, אַ מאבד עצמו לדעת, איז געלעגט געוואָרען ביים סאַמע פּלויט פון בית־עולם. דאָס פאָלק האָט קיין זעלבסטמאָרד ניט געוואָלט און ניט געקאָנט באַגעהן, און האָט ניט געוואָלט דערלויבען אַוועקגעלעגט צו ווערען אויפ'ן וועלט בית־עולם, וואו עס זענען באַגראָבען געוואָרען אַ סך אונטערגעגאַנגענע פעלקער.

אָבער מיר, קינדער פון אַ תהו־ובהו'דיגען דור, צומישט אין אונזערע געדאַנקען, וועלכע ווערען געמאַטערט פון פאַרשיידענע שאלות, מעגען און דאַרפען זיך זעלבסט דערקלערען, ניט נאָר דעם אידישען שטאַנדפּונקט פון האָפנונג, גלויבען און פּראָגרעס, נאָר אויך דעם אוניווערסאַלען פּראָגרעס, די אַנטוויקלונג פון גייסט צו העכערע הויכען ניט געקוקט אויף די צייטווייליגע זיגזאַגען און ירידות.

זינט די פּרימיטיווע צייטען געהט אָן די דאָזיגע אַנטוויקלונג, פאַלענדיג צומאָל צוריק און דאָך שטייגענדיג העכער, אַזוי ווי זי וואָלט האַלטען אין איין ארויפגעהן צום באַרג־שפּיץ פון אַלגעמיינער מענשליכער באַפרייאונג. אָהן אַזאַ גלויבען איז גאָר שווער צו לעבען. דור נאָך דור האָבען מענשען זיך מקריב געווען פאַר אידעאַלען. וואָס האָבען זיי געוואָלט, און אין וואָס האָבען זיי געגלויבט? עס האָט זיכער געלעבט אין זייערע איידעלע גייסטער די איבערצייגונג, אַז זיי דערנעהענטערען דעם בעסערען, דעם ליכטיגערען, טאָג פאַר זיך און זייערע מיט־מענשען, און טאַקע פון דעם אַליין זעהען

מיר ווי גערעכט און אמת'דיג צו זיך דאס אידענטום איז געווען נאך אין די ערשטע עטאפען פון זיין געשיכטע און אויך — שפעטער. אידען האבען געגלויבט אין דעם נצחון פון אמת אלס א לעבענס־פרינציפ פאר אלגעמיינער דערהויבונג, פאר מענשליכער לייטערונג, פרידען און גליק. דאס שלעכטע וועט אונטערגעהן און די פינסטער־ניש וועט זיך אפטאן.

אידען האבען געגלויבט אין פראגרעס!

די רעפרעזענטאטיווע אידען האבען ניט נאר געגלויבט, נאר הא־בען גלייכצייטיג מקיים געווען די דאזיגע דערהויבונג, האבען אקטו־אליזירט זייערע אידעען, זיי איינגעקנאטען אין לעבעדיגען לעבען ביי־טאג און ביינאכט. ווארים וואס קאן דען זיין דער העכסטער באגריף פון אויבערמענש, אויב ניט איידעלקייט, זעלבסטקאנטראל און אומ־איינגעננוצינקייט, באהעפטענדיג זיך מיט'ן וועלט־אל, זוכענדיג גאט— די העכסטע שטופע וואס דער מענש אין זיינע טיעפסטע איבערלעבע־נישען קאן דערגרייכען? די שעהנסטע מאמענטען וואס די בעסערע מענשען, אין אלע צייטען, האבען, דורך ראנגלעניש און אינווענינגסטע מלחמות, געזוכט?

אזא אויפגאבע האט קיין פאלק פאר זיך ניט געשטעלט.

אנדערע פעלקער האבען זייער נאציאנאלע באגייסטערונג, לויט די אומשטענדען, פארשווענדט צו דערגרייכען אנדערע צילען. זיי הא־בען געזוכט רוים און רויב. דאס דרויסענדיגע, דאס פרעמדע, האט זיי אינטערעסירט מעהר ווי דאס אייגענע, דאס אינערליכע. צוגע־בונדען צום באדען, ווערען זיי באגייסטערט פון די פרייע שטרעקעס צו אונטעריאכען אנדערע, שוואכערע, פעלקער. זייער ענערגיע ווערט אזוי ארום פארשווענדט אויף דעסטרוקטיווער ארבעט, — געגען אנ־דערע, הויפטזעכליך אויף מאטעריעלע געווינסען — פאר זיך. זיי־ערע בעסטע מענשען, די פעהיגסטע, ווערען גענעראלען, שטאאטסלייט, אימפעראטארען, און אפילו זייערע קינסטלער זיינען צוגעבונדען צו דער ערד.

די געשיכטע פון דער מענשהייט ווייזט אונז אן אויף צוויי בא־זונדערע שטראמען וואס פליסען זייט ביי זייט. איין שטראם, דער גרויסער, שטורמדיגער און בלוטיגער, פארהילכט די וועלט מיט קריגס יובלען און וועה געשרייען. דער צווייטער איז אין דער פארם פון א

קליין, שוואך טייכעלע, וואס פליסט אין דער שטיל צווישען גראזען. דאס איז דער אוניווערסאלער שלום־רוף. די פעריאדען פון פרידען זיינען קורצע און אפגעהאקטע. דער גאט פון מלחמה, וועלכער פער־זאניפיצירט רציחה אויפ'ן שטארקסטען און ברוטאלסטען אופן, שפרייזט, דוכט זיך, דורך אלע לענדער און מיליאנען מענשען דיענען צו איהם, פארעהרען זיינע פריסטער און אידעאליזירען זיין אכזריות. קומען די קינסטלער און באזינגען די העלדישקייט. ווען אן אדלער־טרוימער באווייזט אויפצוהויבען זיך אויף זיינע פליגלען, און ווען א דיכטער באזינגט דאס לעבען, שפילט מארס די ערשטע פידעל.

האמער'ס „איליאדע" און „אדיסעי" בלייבען לעבען צוליב דער פארקערפערטער פארעהרונג פון קריגס־העראאיזם, אנטשפרעכענדיג די געפיהלען פון מענשען. אריסטאטעל'ס „מעטאפיזיק", פלאטא'ס „דיאלאגען", האבען כלל ניט אזא מזל ווי יענע ביכער, וועלכע שיל־דערען ריטער און מאסען־מערדער. פאר הונדערטער יאהרען, פאק־טיש ביז צום רענעסאנס, זיינען די גרויסע ווערק פון אלטערטום פארגעסען, כמעט אומבאוואוסט, פארזיגעלט. זיי האבען מיט'ן פראקטישען לעבען קיין שייכות ניט, און על־פי נס ווערען זיי טייל־ווייז געראטעוועט. אין'ם גרויסען שטראם פון בלוט און רויב ווערט די שטים פון גאט ניט געהערט. דארטען שווימען שיפען, וואס ווע־רען באטריבען פון שקלאפען. מענשען באגעגענען זיך מיט מענשען, און זייער איינציגע עובדה איז צו הרג'ענען איינער דעם אנדערען. לע־גיאנען, ווי היישעריקען, באפאלען גאנצע לענדער, און פארוואנדלען זיי, אונטער דער קאמאנדע פון געוואגטע צעזאר־טיפען, אין וויסטעני־שען. דער אטעם פון דער צייט און די סאמע נשמה איהרע איז: „מאכט איז רעכט", — „צוטייל און הערש".

אינ'ם שטילען טייכעל זעהט מען גאר עפעס אנדערש. דא דערקלערט מען דעם גרויסען פרינציפ פון לערנען לשמה, שארפען דעם מוח, איידלען דאס הארץ. עס ווערען געשריבען ספרים אפילו פאר פרויען, און דער ערגסטער עם־הארץ ווערט אויך ניט אויסגע־שלאסען פון דער תורה — אויך ער באטייליגט זיך אין דער אלגע־מיינער פאלקס ארבעט. אט אזא גייסטיגע איינהיילונג, ארויפגעבראכט צו אזא הויכער מדרגה, איז ניט צו געפינען ביי קיין פאלק, און בלויז

א דאנק דעם האָט דאָס דאָזיגע וואונדערליכע פאָלק געקראָגען דעם נאָמען „עם הספר״.

די אויסדערוועהלטקייט, דער „אתה בחרתנו״ געפיהל, איז אזוי ארום ניט קיין אויסדרוק פון גאוה, נאָר א פליכט באוואוסטזיניגקייט וואָס טראָגט אין זיך, מיט זיך, שווערע אויפגאבען און צילען.

די נביאים לעגען אוועק זייער באזונדערען שטעמפעל אויף אלע צייטען — אן אייביגער קאמף געגען געצענדינערייי אין אלע איהרע פאָרמען, געגען דעספּאָטיזם און שקלאפעריי, געגען מאכט און זנות, און ווי דער נביא — אזוי דאָס פאָלק. איידער דער נביא טרעט ארויס פאַר זיינע מיט־מענשען צו פאָדערען דערהויבונג, דער־הויבט ער זיך גופא, לייטערט זיך, טהוט אָפּ פון זיך דאָס שלעכטע. און ניט אנדערש דארף זיין, מוז זיין דאָס פאָלק: א ביישפּיעל קאָן עס נאָר זיין, ווען עס ווערט אליין געלייטערט און דערגרייכט א העכערע שטופע פון גערעכטיגקייט.

אידען האָבען קיינמאָל ניט געוואָלט אויף אנדערע ארויפצווינגען זייער גלויבען ,און ניט די נביאים, און ניט די תנאים האָבען אזעלכעס געפּרעדיגט. דער פאַל איז גאָר געווען פארקעהרט. וואָס זיי האָבען יאָ געוואָלט איז, אז ווען עס איז זאָל די העכסטע מאָראל, וואָס איז סאַי ווי אוניווערסאל, אנערקענט ווערען אונמיטעלבאר, און דער איין־גאָט באגריף זאָל פּאראייביגט ווערען דורך אָריגינעלע, זעלבסט־שטענדיגע אנטפלעקונגען. זיי זענען געווען זיכער, אז דער ענדציל וועט דערגרייכט ווערען.

היטען זיי, אין אלע צייטען, דאָס אייגענע פאָלק. זיי שאפען נאָך פון סאמע אָנהויב א קאסמאפאליטישען נאציאָנאליזם. דער קערן איז שטארק געגנוג אויסצוהאלטען די גרעסטע שטורמס פון דער צייט. אידענטום איז שטענדיג שעפעריש. עס מאכט ניט קיינע קאמפּראָ־מיסען אין די הויפט פּרינציפּען, הגם די פיהרער פארשטעהען זיך צו רעכענען מיט די אומשטענדען.

דעריבער איז שוין כלל קיין חידוש ניט וואָס דער עיקר־העיקרים אין דער אידישער מאָראל, און דער צענטראלער פּונקט פון דער אידישער קולטור איז: דער מענש! זיין לעבען און ליידען, זיין באציהונג צו זיינע מיט־מענשען און צו דער וועלט, זיין פרייד און לייד, זיין האָפנונג און אינספּיראציע — זיין גליק. זיינע ימים

טובים זיינען געסטען פאר רוה און פרידען. יעדע אידישע הויז — א פּאַלאַץ אין דער פינסטערער געטאָ. עס ווערען געשאַפען די זעלטענע אוצרות פון בטחון און מוט. דער הויפט ציל פון אידישען לעבען ליגט ניט אין רוים, ניט אין דער מאטעריע. און ניט בלויז איז עס אין גלות אזוי. נאָך אין די אלטע צייטען, ווען אידען זענען נאָך ניט געווען קיין וועלט פאָלק, האָבען זיי כלל ניט באוויזען אויסצובויטערען די אידישע מלוכה. ארץ ישראל איז געבליבען אלץ די זעלבע. שוין ניט רעדענדיג וואָס לויט דער אידישער מאָראל איז גאָר די מאנארכיע געווען א פרעמדע פלאַנץ, און די נביאים האָבען געוואָגט צו זעהן אין מלך א קוואַל פון שלעכטס.

דער מענש, דאָס מענשליכע אין מענשען, האלט אָן די טיעפסטע השפעה אויפ'ן אידישען גייסט, און די וואונדערליכע קאנטינואיטעט גיסט זיך אויס אין פארשידענע פאָרמען און געשטאַלטען, הגם אלעס האָט איין אָפּשטאַם. אפילו ווען דער פרעמדער גייסט, דער דרויסענדיגער איינפלוס רייסט דורך די הארטע שאָלעכטס פון דער אידישער ווירקליכקייט, איז מען איהם מאָמענטאל מגייר, און ווען ער ווערט אידיש, ווערט ער אריינגענומען אינעווייניג. ווען א אידעע לאָזט זיך ניט סינטעטיזירען, ווערט זי ארויסגעוואָרפען און דערקלערט אלס פרעמדע.

— 3 —

די צוויי הויפּט פאַזען פון דער אידישער קולטור

די אינדיווידועל־מאָראַלע דערקענטניס. — אָפּטימיזם. — אידישע רעליגיע און קולטור. — וואָס איז אזוינס קולטור? — קריסטענטום און אידענטום. — די קאמפּראמיסליכקייט פון קריסטענטום. — די גאולה פון אידישען פאָלק. — די אוניווערסאלע קולטור דערהויבונג.

די אידישע קולטור האָט צוויי פאַזען, וואָס זענען צונויפגעגאָסען צוזאמען, הגם יעדע איינע פון זיי האָט זיך באזונדער אויסגעדריקט אין דער סימבאָליק און פילאזאָפיע פון פאָלק, אין אידעען און מעשים

וואָס זענען דורכגעפיהרט געוואָרען אויף דער לעבענס טריבונע, אין דער גליהענדער פאַנטאַזיע פון די מאסען, אין דער נשמה פון גרויסען און זכרונות־רייכען פאָלק.

1. קודם־כל די אינדיווידועל־מאָראַלע פאַזע. יעדער איד טראָגט התחייבות׳ן אַלס מיטגליד פון פאָלק, שווערע און שטרענגע. פאַר איהם וואַקסען אויס פון קינדהייט אָן, און באַגלייטען איהם אויפ׳ן גאַנצען לעבענס־וועג, לעבעדיגע געשטאַלטען פונ׳ם אמאָל, ווירקזאמע געשטאַלטען, וואָס פאַרקערפּערען אין זיך דאָס סאמע אידישסטע אין אידענטום. געבויט איז די הנהגה ווי יעדע פאָרמע פון ערציהונג, אויפ׳ן פּרינציפּ פון אימיטאַציע. די אבות, די נביאים, די תנאים זיינען די פאָרם־טרעגער און יסודות־לייגער פונ׳ם העכסטען און שענסטען. אברהם — דער מכנים־אורח, יעקב — א איש תם יושב אוהלים, משה — דער עניו, געזעצגעבער, ליכטברענגער, און אזוי ווייטער. אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק ווערען זיי אזוי טיעף איינ־געקריצט, אז זיי ווערען מעהר ווי מענשליכע געשטאַלטען. די דער־האבענסטע מענשען־טיפּען אין אידישען לעבען דערגרייכען א הויכע מדרגה אויף דעם וועג. דער ווילנער גאון, רבי אליהו, געהט צו פאָלקאָמענהייט ווען ער רעאַליזירט איין מאמר: „והגית בה יומם ולילה", תורה־לערנען ביז צום גרונד, בייטאָג און ביינאַכט, און רבי ישראל פון מעזשביש — עבודה, דיענען גאָט דורך תפלה. אַלעם אנדערם ווערט ביי זיי א צושפּיל צום הויפּט פּונקט, צום ציל. די אידישע נשמה ווערט דורכגענומען שטענדיג פון א טיעפער פאַר־טראַכטונג איבער זיך, תשובה־טאָן, זוכען אין זיך דאָס גוטע און עס אזוי פאַרפעסטיגען, אז ווען אפילו די שטאַרקסטע ווינטען זאָלען בושעווען, וועט עס פון אָרט ניט געריהרט ווערען. די גאַנצע עובדה באַשטעהט אין אויסהאַרעווען אין זיך ווידערשטאַנד, מוט און גייס־טיגען כח, וואָרים דער אידישער מענש איז זיין גאַנץ לעבען אין עקספּערימענטאַלען צושטאַנד, זוכענדיג דעם וועג צו פאָלקאָמענהייט, אָבער דער וועג צו גאָט ליגט דורכ׳ן מענשען, ניט דורך אָפּטיילען זיך פון דער געזעלשאַפט; אזוי איז דער וועג אויסגעהאַקט געוואָרען מקדמונים, און אזוי איז ער געבליבען.

אודאי איז דער וועג מחייב א טיפען, פריידיגען אָפּטימיזם, אזא וואָס טאָר זיך ניט פאַרלירען אין מרה־שחורה, אין צער. אָפּטימיס־

טיש ווי דער איד דארף זיין, איז ער פול מיט האפנונג, אז דאס שלעכטע פירט צום גוטען און אלעס געהט אוועק מיט'ן שטראם פון דער צייט — דאס ערגסטע אפילו. צרות דערנידריגען איהם ניט, ליידען ברעכען ניט זיין מוט. פארקעהרט, מען פארווענדט די ליידען אידעאיש צו שטארקען דאס הארץ. האט איהר דען געפונען נאך אזא בטחון, ווי אידען האבען ארויסגעוויזען, אפילו ווען איהר וועט מיט ליכט זוכען אין דער געשיכטע? — מיר מיינען ניט, נא־טירליך, דא דעם נאציאנאלען בטחון אלס פאלק, נור דעם פערזענ־ליכען, אינדיווידועלען; את־דעם בליק אויפ'ן לעבען, וואס האט געטראגען אזוי פיעל העל ליכט אין זיך און האט באשיינט די פינס־טערניש. ס'איז אין איהם געווען גלויבען, זיכערקייט, טרייסט און דערמוטיגונג, אלעס וואס בינדט זיך צונויף מיט'ן נאטירליכען דראנג צו לעבען, מיט דער טרייב־קראפט בייצוקומען אלע שטרויכלונגען און שטערונגען און דורכגעהן דעם לאבירינט מוטיג און שטאלץ, ווי א באהערשער פון לעבען, ניט ווי א באהערשטער. ווערען טאקע די אידישע נערוועז געשטארקט, דער בליק — שטייף און זיכער, דער טראט — פעסט און געמאסטען. דאס אידישע הויז בויט זיך אויף מיט פרייד און איז באהעלט, הגם די פרנסה איז אפט געשלאגען און די יסורים זיינען גרויס. זיי האבען, אבער, קיין צוטריט ניט, קיין שליטה. דערויף זאגט עדות דער שבת, דער יום טוב און דער צערעמאניאל. דאס איז שוישפיעל, קונסט. פינסטערניש פארוואנ־דעלט אין ליכט, דחקות — אין שמחה, ארימקייט — אין עשירות, גלות — אין פרייהייט. די גנלע לאטע אויף דער פלייצע, די געטא, די רדיפות — רויך אויפ'ן ווינט. זיי ווערען צובלאזען ווי פעדערען, ווען דאס אידישע אין אידען ווערט אקטיוו. און ווען איז עס דען ניט געווען אקטיוו? אז מען האט א לעבען לאנג, אונאויפהערליך, געהארעוועט אויף זיך, איבער זיך, אויסצוארבעטען אן אומצובראכ־ענעם מוט, אן אומבויגזאמען כח. אויפ'ן וועג צו גאט איז יעדע פערזאן איבערגעשאפען, געשמידט געווארען אין א פערזענליכקייט, און אומבאדינגט געווארען א געזונטער גליד אין דעם פאלקס־אר־גאניזם.

מחמת דעם טאקע וואס די אידישע קולטור האט זיך געשטעלט פון סאמע אנהויב אויף די יסודות פון אינדיווידועלער מאראל, האט

זי דערהויבען די טערמינען פון גערעכטיגקייט, יושר, אמת, גוטסקייט צו הויכע לעבענס־פרינציפען. זי האָט פארשטאנען אוועקצושטעלען און באשטימען מאָסען פאר׳ן מענשליך־אידישען לעבען, געשטאלטען און פאָרמען קאנקרעטע, טיעף־איינגעקריצטע, ווי די נביא׳ישע, וואָס האָבען פאקטיש קיין גלייכען ניט צו זיך. די נביאים טיילען זיך אויס פון זייער סביבה און זיינען די רעוואָלטירער געגען די מענשען פון זייער צייט, פון אלע צייטען, געגען אומרעכט. די נביאים גיבען זיך אוועק, זאָגען זיך אָפּ פון מאטעריעלען לעבען, לעבען מיט גאָט. עס איז אָבער ניט דאָס רעליגיעזע וואָס טוהט־אויף אזעלכעס. רע־ליגיע איז צו שוואך און האָט קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכען אזא מדרגה, אז זי זאָל דורכדרינגען די באהעלטענישען פון דער מענש־ליכער נשמה, ווי דאָס איז געווען אין אידישען לעבען.

מ׳דארף גאָר ניט זיין קיין צו גרויסער דענקער צו קומען צום געדאנק, אז עס איז א פארגרייזטע אידעאָלאָגיע אָט דאָס וואָס מ׳האָט געדיינקט אין די פריהערדיגע דורות, אז רעליגיע, אָדער אמונה, איז אלעס וואָס די אידישע קולטור האָט געבראכט דער וועלט. אמת, מ׳מוז צוגעבען, אז דאָס אידישע לעבען פון געבורט ביז׳ן קבר איז באגלייט געוואָרען פון רעליגיעזער צערעמאָניאליטעט, אז די שול און דער חדר, די היים און די ישיבה, זיינען אינסטיטוציעס רעליגיעזע, און אז רעליגיע האָט געלייגט דעם טיפסטען שטעמפעל אויף דער אידישער נשמה.

אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס דאָס איז אָפען און קלאָהר פאר יעדען, דארף מען ניט פארגעסען, אז זי איז בלויז געווען איין צוויייג, זאָל זיין דער שטארקסטער, דער פרוכטבארסטער, אויפ׳ן אי־דישען בוים. קודם־כל, און מעהר פון אלעס, איז די אידישע קולטור געווען א לעבענס־וועג, א פילאזאפיע פון א פאָלק, אן אָפּגעגרעניצטע לעהרע, וואָס האָט איינגעשלאָסען אין זיך אייביגע באגריפען, וואָס זענען ניט געשטאנען אין רשות פון רעליגיע, אלס אזעלכע. זי האָט די אלע באגריפען און טערמינען אפשר פארבונדען מיט קדושה׳דיגע פעדים, ארויפגעלייגט אויף זיי פארעהרונג און געטליכקייט, אָבער אין עצם זענען זיי ניט געווען בלויז רעליגיעזע, נאָר טיף־מענשליכע.
די אידישע קולטור האָט געגעבען דעם אידישען מענשען אן אויס־געטראָטענעם, אויסגעפּרובירטען לעבענס וועג; זי האָט איהם דער־

הויבען און געשטארקט געגען די שווערע באדינגונגען, זי האָט איהם פון איין זייט פארבונדען מיט די בעסטע טראדיציעס פון זיין פאָלק און פון דער צווייטער זייט איהם פאראייניגט מיט דער מענשהייט. אָבער שווערע אויפגאבען האָט זי פאר איהם געשטעלט. ניט לייכט קומט אָן דעם אידען צו דערגרייכען די הויכע מדרגה, אויף וועלכער דאָס אידישע לעבען איז ארויפגעבראכט געוואָרען פון זיינע גייסט־רעפּרעזענטאנטען. די לאסטען זיינען שווערע, די התחייבות'ן — א סך, צו זיך, צום פאָלק, צו דער גאנצער מענשהייט. דאָס איז מעהר ווי רעליגיע אין איהרע שענסטע פאָרמען קאָן באווייזען. קיין רעליגיע אין דער גאנצער מענשליכער געשיכטע האָט עס ניט באַוויזען, אויך ניט — די אידישע רעליגיע אויף ווי ווייט זי איז בלויז רעליגיע. ווען זי ווערט אויסגעברייטערט און נעמט אָן די פאָרמע פון א קולטור, דרינגט זי אריין אין אלע טיילען פון מענשענ'ס נשמה, אזוי גוט ווי אין פאָלקס־לעבען. דעמאָלט ווערט זי מעהר ווי א טעאָרעטישער גלויבען. זי ווערט א וועלט־אנשויאונג, אָן אקטועלע, אקטואליזירטע, פילאזאָפיע, וואָס באהאלט זיך ניט אין געהיימע קעמערלעך, אין ספרים בלויז, נאָר געהט ארוים אויף דער ברייטער ביהנע פון לעבען און פארבינדט זיך מיט די ברענענדע פּראבלעמען פון טאָג.

מעגען מיר טאקע זאָגען, און זאָל עס טאקע באטאָנט ווערען: ניט די אידישע רעליגיע האָט געגעבען דעם אידישען לעבען א קולטור, נאָר די אידישע קולטור האָט געשאפען די אידישע רעליגיע. זי, ווי אלע אנדערע פאָרמען, איז א פּראדוקט, א רעזולטאט פון א באַשטימטען לעבענס שטייגער, וואָס איז געשאפען געוואָרען פון אונזער אומה.

ווארים וואָס איז דען קולטור ? — קולטור איז דאָס לעבען פון יחיד ווי עס ווערט אריינגעוועבט אינ'ם לעבען פון קאָלעקטיוו און פארבינדט זיך מיט איהם דורך זיינע מלבושים, זיין שפּייז, זיין עטיקעט, זיין צערעמאָניאל, זיין טראדיציע, זיין געשיכטע און זיין לעבענס־אנשויאונג. יעדער יחיד ווערט פאראלגעמיינערט, פארשלונגען טיילוויז פונ'ם איינפלוס פון דער געזעלשאפט, אָבער ער האָט דאָך זיין פארדינסט, ווייל ער ברענגט אריין זיין אייגענע פּערזענליכקייט אינ'ם שטראָם, אין וועלכען יעדער אינדיווידיואום ווערט איינגעטונ־

קען פון געבורט און אין וועלכען ער שווימט ארום לעבענסלענגליך, ווארים דאָס גאנצע איז דאָך ניט מעגליך אָהן די טיילען, פון וועלכע עס ווערט צוזאמענגעשטעלט, און כדי א פאָלק זאָל קענען לאנג לעבען, זאָל האָבען היסטאָרישען אריכת ימים, מוז געשאפען ווערען אָט יענער שטייגער לעבען, וואָס זאָל דערמעגליכען די פארבינדונג צווישען יחיד און קאָלעקטיוו.

נאטירליך, ביי אלע נאָרמאלע פעלקער שפּיעלען די הויפּט ראָלע פאָלגענדע קאנקרעטע פאקטאָרען: די שפראך, דער שטאט, דאָס לאנד. זיי האלטען אויף דאָס פאָלק. זיי צווינגען ארום זיין לעבען. די אידישע קולטור האָט ניט אזעלכע ארויסהעלפענדע פאקטאָרען, און דאָך האלט זי אויס די פּראָבע פאר טויזענטער יאָהרען. מוז זי דאָך באזיצען אין זיך געוויסע כח און ענערגיע, גענוג ווידערשטאנד, געגען די אומגינסטיגע באדינגונגען. דעריבער, מעגליך, שאפט זי פאר זיך אן אריינקוק אין דער נשמה פון אייגענעם פאָלק און אין דער זעלביגער צייט אן ארויסקוק צו דער ברייטער אויסערליכער אידעען־וועלט. נאָר אויף דעם באָדען האָט געקאָנט אויסוואקסען דער משיח'יזם.

2. דאָס פאָלק — די צווייטע פאזע. מיט'ן שפּראָץ פון נאַציאָנאלען פריהמאָרגען, ווען דאָס פאָלק איז נאָר־וואָס ארויסגע־גאנגען צו פרייהייט, האָט עס דורכגעפיהרט א רעוואָלוציע געגען שקלאפעריי, געגען דער פארוואָרצעלטער אינסטיטוציע פון אלטער־טום, אן אינסטיטוציע וואָס איז געווען ענג געבונדען און צוזאַ־מענגעוואקסען מיט געצענדינעריי. אונטער דער פיהרערשאפט פון א גרויסען געזעצגעבער־באפרייער, ווערט א גרויס פייער אויסגע־שלאָגען פון א צוגליהטען שטיק אייזען און די פונקען שפריצען אין אלע זייטען. אלס פועל־יוצא פון דעם נעמט דאָס פאָלק אויף זיך אָט יענע התחייבות, וואָס ווערט איינגעברענט אין זיין בלוט. דאָס געשטאלט איז קלאָהר: א פאָלק איז ארויס פון שקלאפעריי און טראָגט אין זיך א שארף־אויסגעשניטענעם באפריי־אידעאָל. „עבדי אתם" שרייט אויס א שטים, און דער ענטפער דערויף איז „ולא עבדים לעבדים". איהר זענט מיינע קנעכט, און ניט קיין קנעכט צו קנעכט. מערקט נאָר די ווערטער ווי זיי שלאָגען זיך אָן איינס אָן דעם אנדערען, און „מיינע" מיינט אז די אזוי גערופענע קנעכטשאפט ווערט אָנגעהאנגען אָן אן אידעאלען סוביעקט

און ווערט באפעסטיגט אויף אן אידעע. מענש ווערט פון דער מינוט אָן א בירגער פון דער וועלט, א מיטגליד אין אוניווערז. קיין אנדער סוביעקט האָט ניט קיין רעכט צוצונעמען ביי איהם די פרייהייט, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען פון געבורט און נאטור. עס ווערט מיט איין שטריך פון דער פעדער צובראָכען דער קרייז, וואָס שקלאַפעריי האָט אויפגעבויט ארום די איינצעלנע, וועלכע ווערען געצוואונגען אונטערן קנוט אויפצושטעלען פיראמידען, בויען שטעדט און פארצוימען טייכען מיט דאמבעס. אנשטאט דעם ווערען געעפענט ברייטע האריזאנטען. דאָס פאָלק גיט זיין אייגענעם קרייז ארום די פרייע און בראווע.

כדי ארויפצוהויבען זיך אויף אָט־דעם ברייטען שליאך, פונ'ם סאמע דנאָ פון לעבען צו דער הויך פון א קולטור־פאָלק מיט א געלייטערטען, אייגענעם לעבענס שטייגער, מוז דאָס דאָזיגע פאָלק דורכגעהן א שווערען פראָצעס פון געבורטס־וועהען. דאָס פאָלק וועהלט זיך גופא אויס אלס קולטור־פאָלק, אָדער, אין דער אלטער טערמינאָלאָגיע, אלס גאָט'ס פאָלק, ניט צו רעגירען, הערשען און טיראַניזירען אנדערע, ווי די גריכען האָבען געטייטשט דעם פּרינציפּ פון גריכענטום ווערזוס בארבארענטום, ניט ווי די רוימער האָבען עס געטאָן — דורך דעם אייזערנעם פויסט, נאָר דורך זעלבסט לייטערונג, ווי די נביאים האָבען דאָס געפאָדערט. מען דארף בלויז אויף א ווייל זיך אוועקלאָזען אויף די פליגלען פון דער פאנטאזיע און זיך אריבערטראָגען אין אלטערטום, ווען גאנצע פעלקער האָבען געשמאכט אונטער שקלאפעריי און טיראַניי; ווען אין די טעמפּלען פון בבל און אשור איז פראקטיצירט געוואָרען פראסטיטוציע אלס טייל פון געטער־דינסט; ווען מענשען האָבען געלעבט ווי די חיות אין וואלד און דעספּאָטען האָבען געשלעפּט ריזיגע ארמייען—צו פארשטעהן די התגלות, די אנטפלעקונג פון גייסט, וואָס איז רעאליזירט געוואָרען ערגיץ־וואו אין א ווינקעל פון דער מדבר. דאָס האָט געמיינט דער „אתה בחרתנו”. דער זוהן פון ישראל קאָן אנדערש ניט טראכטען וועגען די אנדערע פעלקער, ווי נאָר פון מענשען, וועלכע שטעהען נאָך אויפ'ן סאמע נידריגסטען שטאפּעל פון לייטער. און פארוואָס זאָל ער ניט געווען באטראכטען די אנטפלעקונג פון אמת ביי זיין פאָלק אלס דאָס העכסטע אין מענשליכען לעבען, אָדער די שענסטע

בלום אינ׳ם גארטען? אזא אנטפלעקונג קומט ניט צום אויסדרוק דורך פארגעניגען און ניט דורך דער אָנזעטיגונג פון תאוות. אידעען ווערען ניט געבאָרען מיט לייכטקייט, און וואקסען ניט ארוים פון דער לופט. יעדע אידעע איז א קלימאקס פון וועהען, און קומט דורך אן אינערליכער אויפטרייסלונג.

אידען אין אלטערטום זיינען ווירקליך רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זענען אריבערגעוואקסען זייער צייט. זיי שפּארען מיט זייערע אידעען אין דער צוקונפט אריין, און דעריבער ווערען זיי א דאָרן אין די אויגען פון הערשער און דעספּאָטען. דער גאנג פון לעבען איז טאקע זעהר לאנגזאם, אידעען ווערען ניט אריבערגעפלאנצט אזוי שנעל פון איין אָרט אין אנדערען, אָבער פאר דער אידעאָלאָגיע, ווי משה האָט זי אריינגעבראכט און פארפלאנצט, ציטערט מען אפילו אין אלטערטום. אין הונדערטער טויזענטער אנדערע הערצער לעבט דאָך דער גייסט פון רעוואָלט, און צו פארשידענע צייטען הויבט אָן די אינסטיטוציע פון שקלאפעריי און געצענדינעריי צו שאָקלען זיך פון איהר אייגענער וואָג. די אלטע וועלט קאָן פשוט ניט דער־ליידען דאָס קליינע און געוואגטע פאָלק. עס פארשפּרייטען זיך אזעלכע שווידערליכע מעשיות וועגען דעם לעבען, וואָס איז אויפגע־שטעלט געוואָרען אויפ׳ן ווינקעל־ראָג פון אזיע. ריזיגע מחנות ציהען זיך פון אזיע און אפריקע צו באהערשען דאָס דאָזיגע פאָלק און ברענגען דערצו במילא אז אן אויסגלייכונג אין גייסט זאָל צו שטאנד קומען. עס שפּילט דערביי ניט אינגאנצען די הויפּט ראָלע דער אומשטאנד וואָס ארץ ישראל ליגט אויפ׳ן סאמע מיטעלפּונקט פון דריי קאנטינענטען — איבער דער גאנצער אמאָליגער וועלט שפּרייט זיך אוים די אינטואיציע, אז דאָס אידענטום איז א געפאהר פאר אלע פעלקער. עס ווערט אזוי ארום געבאָרען די גרויסע שנאה, וואָס גיסט זיך ארוים אין דער פאָרם פון שטענדיגע אָנפאלען, פון אומאויפהערליכע מלחמות און דער סאמע עיקר ביי אלעמען איז צו טרעפען אין פינטעל, אין דער נשמה פון אידענטום און פטור ווערען מיט איין מאָל פון אָט־דעם רעבעלישען און אומרוהיגען גייסט.

ווארים דאָס אידענטום האָט נאָך פון סאמע אָנהויב באגריפען דורכאוים זיך צו שטעלען געגען דער גאנצער וועלט. אידען האָבען ניט איינגעשטימט מיט קיין פונקט, מיט קיין פּרינציפּ, פון אנדערע

פעלקער. זיי האָבען אויפגעריסען ניט בלויז די זייטיגע, צווייט־קלאַסיגע טראַדיציעס, נאָר האָבען אויך אָפּגעלייקענט די סאַמע יסודות. גלייכהייט, ווייל „אב אחד לכלנו" — איין פאָטער, באַשאַפער און האַר, די אוניווערסאַלע אידעע פון איין־גאָטהייט להיפּוך צום פּאָלי־טעאיזם, פיעל־געטעריי און די פאַרעהרונג פון די באַזונדערע נאַטור כוחות; גערעכטיגקייט להיפּוך דעספּאָטיזם, להיפּוך דער מאַנאַרכיע; פרייהייט,—„וקראתם דרור בארץ לכל יושביה"—להיפּוך דער דער־נידריגענדער שקלאַפעריי. מיט איין וואָרט: איין פאָלק געגען א גאַנצער וועלט, איין איינגע׳עקשנ׳טע אומה, קליין און שוואַך קוואַנ־טיטאַטיוו, דאָך שטאַרק קוואַליטאַטיוו, אן אומה מיט אן אייגענעם וועג און מיט א פּאַהן וואָס רופט צו פּראָטעסט, צו רעוואָלט.

ווי יעדע קאָנסערוואַטיווע סיסטעם וואָס איז איינגעוואָרצעלט אינ׳ם באָדען, וויל אויך די אַלטע וועלט באַין אופן ניט אויפגעבען איהרע פּאָזיציעס. זי קעמפּט מיט אַלע כוחות פאַר עקזיסטענץ, ווערענדיג בלייבען דאָס וואָס זי איז. די אַלטע וועלט מיט איהר שקלאַפענטום, עקספּלואַטאַציע און געצענטום דערשפּירט, אז דאָס אידענטום וועט קיינמאָל ניט שלום מאַכען מיט איהר. זי פאַרשטעהט בכלל ניט דעם אינהאַלט פון אידענטום. ווען אפילו, איינער פון די סאַמע ערשטע שונאים, טרעט אַרויס געגען אידענטום, שטעלט ער אַרויס א רייהע באַשולדיגונגען אַלס באַרעכטיגונג פאַר זיין האַס. די אידען זענען געווען קרעציג, דערפאַר זענען זיי אַרויסגעטריבען געוואָרען פון עגיפּטען. אין קדשי־קדשים איז באַהאַלטען אן אייזעל־קאָפּ, צו וועלכען אידען דינען. געוועהנליך דערקלערט מען אפילו׳ען אַלס ליגנער און בלבול־מאַכער. די דאָזיגע דערקלערונג פאַרענט־פערט אָבער ניט אַלעס. אין דער סאַמע לופט פון דער אַלטער וועלט, וואָס האָט בכלל ניט פאַרשטאַנען דעם גייסט פון אידענטום, און אידען זענען איהר געווען פרעמד, האָבען געמוזט געבאָרען ווערען אַזעלכע דערקלערונגען. ניט קענענדיג פאַרשטעהן ווי אַזוי א פאָלק דינט א אידעאישען גאָט, וועלכער איז פאַר זיי געווען א סינאָנים צום באַגריף „גאָרנישט", האָבען זיי געמוזט אויסטייטשען דאָס וואָס זיי האָבען געזעהען לויט זייער פאָרשטעלונג. דינען צו אן אייזעל איז געווען נעהענטער צו זייער געטער־קולט. דאָס איינציגע וואָס זיי האָבען באַמערקט איז דאָס, וואָס דער גאָט פון ישראל איז באַ־

האלטען. ווי אנדערש האָבען זיי געקענט פארשטעהן א גאָט, וועל־כער איז ניט מאטעריעל, ניט קערפּערליך, ניטאָ בכלל אין לעבען, נאָר איז כלו גייסט, א גאָט וועלכער האָט ניט קיין באשטימט אָרט און פילט דאָך אָן דעם אוניווערז? די מענשען פון אלטערטום, די אידעאָלאָגען פון געצענטום, זוכען אָן אָנווייז, א סימן, א קער־פּערליכען זכר. זיי ווילען געפינען א „מאָדום וויוועגדי", אזוי צו זאָגען.

עס דויערט א סך יאהרהונדערטע ביז וואנען די אלטע וועלט געפינט יאָ אזא מאדום. אָבער דאָס געשעהט ערשט דעמאָלט, ווען דאָס געצענטום איז שוין אזוי צופוילט און דעגענערירט, אז עס קאָן מעהר ניט אָנהאלטען זיינע אינסטיטוציעס. ערשט ווען די גריכיש־רוימישע וועלט האלט ביים אונטערגעהן, און עס קראכען איהרע יסודות, קומט דאָס קריסטענטום. די גאנצע דעמאָלטדיגע וועלט כאפּט זיך אָן אָן א געגעבענעם אָנהאלט. זי נויטיגט זיך אין א נייער, באנייטער, נשמה. די אידען, אָבער, בלייבען אלץ ביי דעם זייעריגען. פאר׳עקשנ׳ט און באזונדער.

קריסטענטום טראָגט אין זיך אין משך פון די ערשטע דורות אָן אינהאלט, וואָס איז כמעט דאָס זעלביגע ווי אידענטום. באלד אָבער ווערט געשאפען די מעגליכקייט פאר א קאמפּראמיס מיט׳ן געצענטום. קריסטענטום ווערט א וועלט־פּשרה. לייכט אָנצונעמען — דורך בלויז גלויבען, פארענטפערט עס געוויסע הארבע לעבענס קשיות. דער איד פון גליל ווערט צושוואומען אין א גייסטיגער געשטאלט פון „זוהן", וועלכער היילט וואונדען, פארלייכטערט וועה־טאָגען, מילדערט יסורים, און „דערלייזט". אויף דער ערד איז פינסטער, אומריין, שלעכט. בויט מען אויף א הימעלשע קעניגרייך, און מען טוט עס אזוי לייכט און אָהן שוועריגקייטען. דער טראָפּ ווערט געשטעלט אויפ׳ן גלויבען און אויף דער „דערלייזונג" וואָס קומט פון דער באהעפטונג מיט דער געשטאלט פון גאָט׳ס זון, וועלכער האָט זיך געבראכט אלס קרבן פאר די זינד פון די מענשען. די אידען, וועלכע טראָגען די אָריגינעלע קולטור און האָבען סימנים צו דערקענען און אונטערשיידען שקר פון אמת, קאָנען ניט איינגעהן אויף אזעלכע קאמפּראמיסען. זייער קולטור־וועג איז צו איינגע־וואקסען, אז זיי זאָלען זיך לאָזען באצויבערען פון א מיראזש. פאר

זייערע אויגען שטעהען לעבעדיג צופיל געשטאלטען פון אמאל, אז דער איד פון גליל זאל ביי זיי האבען א ווערט און זאל אנערקענט ווערען אלס גאט. זיי האבען אפילו ניט אנערקענט זייערע אייגענע אלס אזעלכע, ווי גרויס זיי זאלען האבען טאקע געוועזן, און, דער עיקר, קיינער פון די רעפרעזענטאנטען פון אידישען גייסט האט גאר ניט געוואגט ארויפצונעמען אויף זיך די גאט־געשטאלט, אפילו ניט די נביאים. פארקערט, יעדער פון זיי רופט זיך קודם־כל בן־אדם, און בן אלהים אין קאנקרעטען זין, ניט אין פיגוראטיווען, איז ניט מעגליך געברויכט צו ווערען. דער וואס וואגט יא דאס צו טאן, אדער פארוואנדעלט זיך אין א געשטאלט, וואס קאן אויס־גענוצט ווערען פון אנדערע פאר דעם צוועק, ווערט געבראנדמארקט אלס ממזר, פאררעטער, פעלשער. און ניט געקוקט דארויף וואס קריסטענטום טראגט נאך אין זיך די קערנדלעך פון אידענטום, קאנען זיי עם אנדערש ניט באטראכטען ווי געצענדינעריי.

עס איז מערקווירדיג, אז אין דער אמסטערדאמער אויסגאבע פון „יד החזקה“, אין פרק וועגען משיח׳ן, זאגט רבי משה בן מיימון, אז דער נוצרי קאן ניט אנערקענט ווערען פון אידען אלס גואל, ווייל מיר האבען א קבלה אז מיט׳ן קומען פון מלך המשיח וועלען אידען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, און אזוי ווי עס האט גראד פאסירט דאס פארקערטע — מיט׳ן קומען פון נוצרי זיינען אידען צוזעעט און צושפרייט געווארען, איז עס א סימן אויף פאר־קערט. די דאזיגע שטעלע איז, נאטירליך, פון די צענזארס אויסגע־שניטען געווארען. יעדענפאלס, אידען האבען ניט געקאנט באגריי־פען אזא „משיחיות“, ווי דאס קריסטענטום האט געהאט מיט זיך פארגעשטעלט, און ארויסקוקענדיג אויף דער וועלט האבען זיי בשום אופן ניט געקאנט מסכים זיין, אז די וועלט האט שוין דערגרייכט יענע מדרגה פון גייסט, ווען מען קאן רעדען וועגען „דערלייזונג“. זיי האבען געזעהן וואס עס טוהט זיך אין דער אלטער צופוילטער סיסטעם און ווי מענשען ליידען און קומען אפ. זיי האבען געזעהן די געפאלענקייט, די צופוילטקייט און דעם אומגליק. די מענשהייט קאן ניט ארויפקומען אויפ׳ן ברייטען שליאך פון קולטור דורך דער קורצער „וויא דאלאראסא“, נאר עס דארף דויערען טויזענדער יאה־רען, און דאס פאלק מיט אזא אנטוויקעלטען היסטארישען זכרון

זעהט א לאנגען, לאנגען וועג פון לייד אויסגעשפרייט. זיכער קאָן עס ניט מאכען קיין פשרה, ווארים אזוי גיך ווי דו מאכסט מיט׳ן געצענטום שלום, פארלירסטו די אייגענע ריינקייט. קאמפראמיס מיינט ארונטערלאָזען פון פרייז, פארמינערען דעם אינהאלט, גיבען א פאלשע וואָג און מאָס, און אידענטום איז די לעבענס־פילאָזאָפיע, וואָס דערלויבט קיין פארמינערונג, אויך ניט קיין פארגרעסערונג. זי האָט איהר וועג, איהר גאנג, איהר זין, איהר אינהאלט, קלאָהר און דייטליך, פארפעסטיגט, פארוואָרצעלט.

עס קומט דעריבער פאָר דאָס פארקערטע — אנשטאט שלום מאכען מיט דער וועלט און געהען האלבוועגס צו איהר, געהט מען צוריקוועגס, געהט מען צו זיך, מען פארצוימט נאָך שטארקער אלע וועגען און פאר הונדערטע יאָהרען פארבויט מען דעם צוגאנג און ארויסגאנג מיט סיגים און גדרים, מיט חומרות. די אידישע טע־ריטאָריע פון גייסט ווערט געהיט, כדי דאָס פאראידישטע געצענטום — קריסטענטום — זאָל בלייבען דרויסען און זאָל אנערקענט ווערען אלס פעלשונג. דער „נביא", חוץ דעם וואָס ער ווערט ניט אריינ־גענומען, ווערט ער נאָך געוואָרפען אין דער פרעמדער, צום דרויסען, און דער קאמף פאר׳ן אייגענעם געהט אָן נאָך מיט מעהר ברען, עקשנות און אויסדויער.

אוודאי נעמט קריסטענטום אָפּ די וועלט און אידענטום בלייבט באזונדער! . . . עס קאָן אנדערש ניט זיין. קריסטענטום איז לייכט און האָט, משמעות, אין זיך עטוואָס וואָס קאָן זיך פארמישען מיט די דעגענערירענדע קולטורען. אידענטום איז שווער, הארט. עס איז אין זיין עסענץ ווייט אוועקגערוקט פון די ראנגלענישען אין דער גריכיש־רוימישער וועלט, דעמאָלט די קולטור־טרעגערישע, די מעהר אנטוויקעלטע, און בינדט זיך ניט צוזאמען מיט די בלוט־פאר־גיסונגען און מלחמה׳ס און מיט די קולטען פון יופיטער און ווענוס, מיט׳ן דעספּאָטיזם און שקלאפען־סיסטעם, מיט די טעמפּלען פון שכרות און זנות. יעהאָווא איז א שטרענגער גאָט, און דער איד — א שטרענגער מענש, א ניט־גלויבענדער. אין זיין לעבענס־שטייגער שפּילט די הויפּט־ראָלע דער שכל־הישר און ניט דער אינסטינקט. יעדער געבאָט האָט א פארבינדונג מיט׳ן רעאלען לעבען, און די מדות טובות, וואָס זענען מאָסען פאר מענשליכער אויפפירונג, זענען שכל־

דיגע — אַלע ביז איינער. ווייל דער גאָט פון ישראל איז פאַרבונדען מיט'ן שכל — וידעת. ער איז געגען קנאה, נקמה, שנאה. ער איז פול מיט רחמנות, דאָך פאַרהאַסט ער די געמיינע און פאַרדאָרבענע און בלויז צו זיי איז ער אן אל קנא ונוקם. ער זעטיגט זיך קיינמאָל ניט אָן מיט ריינליכקייט און גוטסקייט — ער פאָדערט אָפּגעהיטקייט אויף שריט און טריט, אין שפּייז, אין קליידונג, אין ריינקייט פון גוף און נשמה, אין מחשבה און טאַט, פון'ם וויגעלע ביז'ן קבר; צעזאַר קריגט ביי איהם קיין דערלויבניש אויף דעראָבערונגען און מאַסען־רציחות, און קאַליגולאַ — אויף זיינע משוגעת'ן, פּיגוראַטיוו גערעדט. קריסטוס — דערלויבט. ער איז גוט און פרום און פאַרגיט יעדען איינעם, אפילו דער אויסגעלאַסענער, אפילו דעם ערגסטען, ער פאַרקערפּערט מילדקייט און פאַראייביגט — רחמנות, אָהן אונטערשייד און פאָדערט די צווייטע באַק, ווען מען שלאָגט דיך. אָבער דאָס איז אַלץ אין וואָרט. אין רעאַליטעט, אָבער, לאָזט ער זיך גאַנץ וואויל פאַראייניגען מיט אַלעם אין לעבען. מעכטיגע קעניגע דאַרפען בכלל ניט אָפּשטעלען זייערע מלחמה'ס. פאַרקערט, עס איז נאָך באַקוועמער איצט צו טאָן וואָס מען דאַרף און וואָס מען וויל. דער גלויבען ווערט אויסגענוצט אָפּט אַלס מיטעל.

אידענטום איז אַזוי אַרום „אַ דורכפאַל" אַלס וועלט־רעליגיע! . . .

אמת, עס איז געווען אַ „גוטע" געלעגענהייט; אָבער זי איז פאַרלאָרען געגאַנגען, ווארים אידען האָבען, ווייזט אויס, געפילט בחוש, אַז ווען זיי וועלען געהען איינגעמען די וועלט אויף דעם שטייגער, וועלען זיי ניט איינגעמען נאָר איינגענומען ווערען. דערפאַר בלייבט די אידישע לעבענס־פילאָזאָפיע ריין, אומבאַרירט, און אומבאַפלעקט. אין איהרע קאַרדינאַלע פונקטען איז זי באַזונדער, זי לאָזט ניט צו קיין פרעמדע עלעמענטען.

ניט געקוקט, אָבער, וואָס דאָס אידישע פאָלק בלייבט אָפּגעזונדערט און מישט זיך אפשר גאָר ווייניג אין דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער אויסערליכער וועלט — עס איז דאַנקבאַר ווען עס ווערט גאָר צורוה געלאָזט, ווייל די וועלט ניט בלייבען גלייכגילטיג. די עקזיסטענץ גופא פון דעם דאָזיגען קשה־עורפדיגען פאָלק איז אַן אָפּלייקענונג פון דעם אַרומיגען לעבען און גלויבען. ווי אַן אייביגער

עדות שטעהט דער איד אין אלע לענדער און זאָגט איין גרויסען „ניין!"

מיט זיין אופן פון לעבען רופט ער די וועלט צום געגענזאַץ פון געצענדינערישען לעבען, צו דער באַפעסטיגונג פון גערעכטיגקייט און פרייהייט, וואָס איז פאַראייבינט אין דער אוניווערסאַלער אידעע, אין דעם גלויבען אין א העכערער מאָראַל פון רעכט און יושר, אין העכ־סטען באַגריף פון קולטור. זיינע אינסטיטוציעס פון צדקה און משפט זיינען אן אָפּלייקענונג פון דעם הערשענדען פּרינציפּ: „מאַכט איז רעכט"; זיין געשוואָרענע טרייהייט צו לערנען איז א באַוויז, אז נאָך אלעמען איז די אנטוויקלונג פון געדאנק איינע פון די העכסטע דערגרייכונגען און איידעלסטע שטרעבונגען להיפוך דעם קולט פון בלוט־פאַרגיסונג, וואָס איז דער סאמע מהות פון די אלטע קולטורען; געפיל און געדאנק ווערען ארויסגעשטעלט פון אָט דעם מאָדנעם פאָלק אלס הויפּט־פאַקטאָרען אין לעבען, און לעבען לעבט עס אָהן א באָדען אונטער די פיס, אָהן א לאַנד, אָהן א שטאַט, אָהן אן ארמיי.

דאָס דאָזיגע פאָלק וויל, משמעות, באַווייזען, אז אין דער ווייט־ווייטער צוקונפט וועט אפשר די גאנצע וועלט זיין איינס און מענש געגען מענש וועט ניט וואגען אויפצוהויבען א האנט. קיין פאָלק וועט ניט אויפהויבען א שווערד געגען אנדערען, און די מענשהייט וועט זיין — הענש. די ערד וועט פאַרזעעט ווערען מיט גוטסקייט און איידעלקייט — משיח'ס צייטען.

עס איז אודאי דאָ א פאַרבינדונג מיט'ן לאַנד פון די אבות. קיינמאָל האָט דאָס פאָלק ניט פאַרגעסען זיין שבועה. אָבער די פאַר־בינדונג איז אויך אן אנדערע ווי ביי די פעלקער. עס איז א טיפע, גליהענדע ליבשאַפט — און „ציון במשפט תפדה". דאָס וועלט־פאָלק דערהויבט ארץ ישראל צו א וועלט צענטער, ווי רבי יהודה הלוי האָט זיך אויסגעדריקט, און ער האָט געטראָפען אין ציל, דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער פון מיטעלאַלטער. די גאולה פון ישראל וועט קומען, אָבער די וועלט וועט דעמאָלט שוין שטעהען אויף א העכערער מדרגה און די אומגערעכטיגקייט וועט פאַרשווינדען. די גאולה פון וועלט־פאָלק הענגט אויף אן אייגענער גייסטיגער דער־הויבונג און אין דער זעלבער צייט אויף דער גאולה פון דער וועלט.

אָט אזוי איז דאָס אידענטום געגאנגען ביז צום עקסטרעמען פונקט, צו דער גרויסער, גרעסטער, האָפנונג — צום משיחיזם, וואָס פאראייניגט זיך מיט די באוועגונגען פון אלע זייטען סאָציאל, קולטורעל, פּאָליטיש און אפילו עקאָנאָמיש.

די אידישע רעליגיע, אויב מען קאָן זי בכלל אָנרופען „רעליגיע”, איז פון דעם שטאנדפּונקט די וועלטליכסטע רעליגיע. איהר סאמע גרעסטע אויפגאבע איז צו שמידען פערזענליכקייטען, שטייפע, הארטע, אויסגעגליטע כאראקטער־טיפּען. זי האָט געהאָלפען ארויסצוברייגגען אזעלכע טיפּען אין דער פארגאנגענהייט און זי ברייגגט זיי נאָך ארויס אפילו היינט צו טאָג, ווען די צייט האָט א היבש ביסעל אָפּגעווישט איהר גלאנץ.

און די אידישע קולטור האָט פאקטיש אָפּגענומען די וועלט. זי איז ארוים די זיגערין, ווייל איהרע הויפּט־פּרינציפּען ווערען אלגעמיין אנערקענט אין דער געזעלשאפט, הגם זיי ווערען נאָך פולשטענדיג ניט דורכגעפיהרט. אין דער נשמה פון דער מענשהייט קומט נאָך אלץ פאָר דער מורא׳דיגער קאמף צווישען פינסטערניש און ליכט, צווישען דער חיה און דעם מענשען. אָפט מאָל האָט די חיה די אויבערהאנט, און חורבן און אומגליק איז דער רעזולטאט. אָבער עס זענען דאָ צייטען, ווען דער מענש דערוואכט און דאָס גיט אונז די האָפנונג, אז ווען עס איז וועט דער מענש טאקע אויף שטענדיג האָבען די אויבערהאנט. דאָס איז די האָפנונג, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרען אין און דורך דעם אידענטום. דער גורל האָט גראָד געוואָלט אז דאָס אידישע פאָלק זאָל ווערען די גייסטיגע מאָס פאר דער וועלט. מחמת אידען זענען טאקע די שוואכסטע אין פיזישען זין פון וואָרט און פלאָנטערען זיך פאר די פיס פון פארשיידענע פעלקער, זענען זיי די וואָס ברייגגען דערצו, ווי פראנץ ווערפעל זאָגט, אז די מענשהייט זאָל זיך פיהלען שולדיג, און זיי זיינען דעריבער דער געוויסען פון דער וועלט.

די ליניע וואָס איז געצויגען געוואָרען פון אלטערטום איז נאָך ניט פארענדיגט, דער טרוים איז נאָך ניט פארווירקליכט געוואָרען און אידען זענען נאָך אלץ די הייוועז אין דער ברייטער מענשליכער געזעלשאפט, זיי זענען די אומרוהיגע גייסטער אין דער היינטיגער

קולטור. עס איז די ווערט צו זיין א איד, אָבער א איד דאַרף מען קאָנען און וועלען זיין — אן אמת׳ער איד, ניט קיין פּראַזען־איד, ווי דאָס רעפאָרם־אידענטום מיט זיין מיסיע־לערע האָט געפּרעדיגט, פּיה־רענדיג אסך צום שמד, נאָר א איד פון כולו טאָט, א ניי־איבערגע־שאַפענער מענש, און אזעלכע געזעלשאַפטען פון באַנייטע אידען, צו־ריקגעקערטע צום קוואַל, צו די הויפּט־אידעען, וואָלטען געדאַרפט גע־שאַפען ווערען געגען דעם שקר פון אונזער איינענער צייט.

שלום - וואָרט

וואס זשע מיינט אַ איד? וואָס מיינט אזעלכעס דאָס וואָרט „קולטור?" — עס מיינט זיכער ניט שפּראַך, אידיש. עס מיינט זיכער ניט בלויז אידישע ליטעראַטור: מענדעלי, פּרץ, שלום עליכם, ווי פילע ווילען אונז איינריידען, אדער זיך זעלבסט איינרעדען. עס מיינט אפילו ניט בלויז ארץ ישראל, אלס היימלאַנד, „פּאַטריא מיא", מיין פאַטערלאַנד. עס מיינט אויך ניט — בלויז — אידישע רעליגיע, די דאגמאַטיק אירע, און אירע געבאָטען, די אויסערליכע. עס מיינט אויך ניט — סאַציאַלע ענדערונגען, ליבעראַליזם אפילו אין שענסטען זין, און עס מיינט אודאי ניט די הוילקייט און פּוסטקייט פון די אויך־מיר אידען.

וואס עס מיינט יא איז: מענש, וועלט און גאָט — וועלט־אַל.

קודם־כל וויל אידענטום, ווי געזאָגט, אויסשמידען מענשען, מיט שטייפע כאַראַקטערען, פּערזענליכקייטען, מענשען פון פּרינציפּען און אידעאַלען, פאַרהאַרטעוועטע מענשען־טיפּען, מיט אַ באַשטימטען, אויס־געשניטענעם לעבענס־וועג, מיט א פילאָזאָפיע, מיט געלייטערטע גע־באָטען. עס איז אפשר ניטאָ קיין שאַרפערער ביישפּיעל, ווי אוועק־צושטעלען פאַר׳ן מאָדערנעם מענשען די דריי געבאָטען, טיף־מענש־ליכע יעדער פון זיי, וואס דער רמב"ם האָט ארויסגעשטעלט אונטער איין פּרינציפּ, אלס אפּגרענצונג פון דער אידישער טעאָרעטיק און פּראַקטיק פון לעבען. דער געניאַלער מחדש האָט אויסגעשמידט יענע היסטאָרישע פראַזע, וואס איז געבליבען לעבען ביז היינט צו טאָג: „טויט—און ניט צוברעכען דעם פּרינציפּ" (יהרג ואל יעבר). צום ערשטען קומט די אידעע פון ניט עובר זיין אויפ׳ן געבאָט פון „שפיכות דמים". דאס מענשליכע לעבען איז הייליג און טייער. בלוט פאַר־

גיסונג איז די צושטערונג, די אפּלייקענונג פון לעבען, און בלוט רוהט ניט. עס פאדערט באצאָלונג, גערעכטיגקייט, שטראָף. בלויז אין אויסנאם־פאַלען ווערט עס דערלויבט, אבער אויך ניט גערענווילי. די אידעע, אלס אזעלכע, וויל זיך אויך דעמאָלט ניט אונטערגעבען. די דאָזיגע אידעע איז א וועלט אידעע — געגעבען פון לעבען, פון נאַטור. די צווייטע אידעע — די אידעע פון געשלעכטליכער ריינ־קייט, גאנצקייט פון דער פאמיליע. דאס העלפט שאפען די געזעל־שאפט, די מענשליכע וועלט (גילוי עריות). אינטואיטיוו האט דאס אידענטום דערפילט, אז געשלעכטליכע ריינקייט איז דער סאמע באזיס פון מענשליכען צוזאמענלעב, און די וויסענשאפטליכע פארשונגען פון דער מאדערנער פסיכאלאגיע, שוין ניט רעדענדיג פון זיגמונד פרויד באזונדער, שטיצט דעם דאָזיגען געבאט. געשלעכט איז ווירקליך א שטאַרקער פאקטאָר, און די היים שפּילט א ראלע אין אויסשמידען פערזענליכקייטען.

דער דריטער פּונקט איז א געשוואָרענער קאמף געגען געצענדי־נעריי אין אלע אירע מיאוסע און פארדארבענדע פארמען. ווארים עס איז דאָך קיין אונטערשייד ניט, צי א מענש דינט צום האלץ און צום שטיין, אדער צום גאלדענעם קאלב. אזא דינען געהט צוזאמען אומ־פארמיידליך מיט פאלשקייט, ליגען, אפּנארען, מיט ביטערקייט, מיט זעלבסטזיכטיגקייט, מיט פארדאָרבענהייט און געמיינהייט. געצענדי־נעריי מיינט ניט דוקא דינען צו אפּגעטער ווי די פארצייטיגע מענשען האָבען עס געטאן — עס מיינט דינען צום שקר. מיר קאנען געפי־נען אפּגעטער אויף פארשיידענע געביטען. וואס איז די נאציע, אויב ניט אן אפּגאָט? וואס איז די ראסע? וואס איז די אימפּעריע? וואס איז מיליטאַריזם? און וואס איז די היינטיגע דיפּלאָמאטיע? די פּריסטער זיינען אפשר אנדערש אנגעטאן. אייניגע אין מונדירען. אנדערע—אין שווארצע קליידער מיט הויכע צילינדער־הוטען. אנדע־רע — אין פּראַפּעסארישע קליידער. און גאר אנדערע — אין שווארצע מאנטלען אין די קירכען . . .

דער סאמע אטעם פון געצענדינעריי איז ליגען און פאנאטיזם און די אבסאָלוטע נעגאציע פון אידעען, אוניווערסאלע אידעען, און געפינט איהר דען ניט דאס זעלביגע אין די מאדערנע געצענדינע־רישע פארמען?

אידען זאָגען דער וועלט, — אז דער חותם פון גאָט איז אמת, און דער זין פון לעבען איז אמת, אידעע, די פארשטאַרקונג פון וועלט־ליכט דורך קולטור, דורך מאָראַל, דורך — מענשליכקייט.

אידענטום איז היינט צו טאג אין געגענזאַץ צו דער מאשין־ציוויליזאציע, מיט איהר עקספּלואַטאַציע און פארדאָרבענקייט, פונקט ווי עס איז געווען געגען געצענטום אין יענע אלטע, מיאוסע פארמען. עס איז אבער פאר דעם גוטען און שענעם — פאר די וויסענשאַפטען, פאַר די קונסטען אין זייער געלייטערטער פאָרם, פאר דער איידעל־קייט פון מענשליכען גייסט, פאר דער אנטגילטיגער באפרייאונג פון דער מענשהייט.

בלויז אויף דעם שטאַנדפּונקט שטעהענדיג וועט געפינען דאס פאלק אן אינהאַלט, אַ זין, און א באַדען, הגם אין אנדערע הינזיכטען וועלען אלץ זיין פארשיידענע ריכטונגען און שאטירונגען.

די אלגעמיינע אנערקענונג, אבער, פון אָט די איינצעלנע אוני־ווערסאלע אידעען, אידיש־וועלטליכע אידעען, וואס זיינען פרינצי־פּען פון אידענטום, און וואס זענען געווען די נשמה פון די רעפּרע־זענטאַטיווע אידען אין אלע דורות — זיי וואס האָבען געטראגען מיט מסירת נפש די אידישע וועלט־אידעאָלאָגיע ביז צו אונזער צייט — וואלט געגעבען אויך א זין אונזער קולטור און אונזער לעבען אויף דער ערד, הגם זי דאַרף קיינמאָל ניט אָפּלייקענען אנדערע אידעען, וואס האבען געבראכט צום לעבען פארשיידענע אנדערע באוועגונגען. וואס יענע זאָלען ניט זיין, און ווי אזוי זייער שטרעבונג צו רעאַלי־זירונג זאָל ניט אָנגעהן, אבי זיי שטעהען ניט אין ווידערשפּרוך צו אָט די אוניווערסאלע אידעען, שטעהען זיי שוין במילא ניט אין ווי־דערשפּרוך צום אידענטום אלס אזעלכען.

אויף די דריי זיילען באפעסטיגט האָט דאָס אידענטום ווידער אמאָל אן אריינקוק אינעווייניג און אן ארויסקוק צו דער וועלט, און דורות מיט דורות וועלען זיך געבען די הענט, שליסענדיג איין בונד, איין אפּמאַך און איין פאראייניגט לעבען, אלס וועלט־פאָלק.

די צוויי מאָמענטען : קריג און פרידען — אין דער מאָדערנער ציוויליזאַציע

צווישען די פאָרשער פון 19־טען יאָהרהונדערט מעג מען, מיט רעכט, אריינרעכענען סי. אָסבארן וואָרד, וועלכער האָט אָנגעשריבען א מאנומענטאל ווערק אין צוויי בענדער אונטערן טיטעל : „דהי ענשיענט לאולי", אין וועלכען ער גיט אין א גראַפישער אויטאריטאַטיווער פאָרם די געשיכטע פון ארבייטענדען מענשען אין אלטערטום ביז'ן אָנקום פון קריסטענטום.

ס'איז דאָ ניט דאָס פּלאַץ און ניט די גינסטיגע געלעגענהייט צו פארנעמען זיך באריכות מיט דער דאָזיגער וואונדערליכער און גלענצענדער ארבייט ווארד'ס און אָנווייזען אויף דעם עשירות'דיגען בייטראג פון אויטאָר. איין אידעע, אָבער, וואָס וואָרד באריהרט אין זיין ווערק איז וויכטיג, כדי צו פארשטעהן בעסער און קלאָהרער די פארבינדונג צווישען אידענטום און דער מאָדערנער קולטור.

אָסבאָרן וואָרד מאכט אן אינטערעסאנטען אונטערשייד צווישען די סעמיטישע פעלקער און די אזוי גערופענע אריער־פעלקער, אן אונטערשייד אין זייער פּסיכיק און דעריבער אויך — אין זייער היסטאָריע און אנטוויקלונג.

דער אריער־מענש האָט פון די עלטסטע צייטען אָן פארעהרט מאכט און פארהייליגט קאמף. די אמאָליגע שבטים האָבען זיך געוואָרפען אין קריג ווייל דורכדעם, האָבען זיי געגלויבט, דערגרייכען זיי די העכסטע שטופע פון מענשליכקייט און פאלקאמענהייט ; אפילו נאָכן' טויט דערגרייכען זיי דאָס העכסטע גליק — דאָס אייביגע לעבען, ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט.

דער סעמיטישער מענש, פארקעהרט, האָט געהאלטען פון פריידען. צו איהם האָט פון אייביג אָן אפּעלירט דאָס רוב דאָס גייסטיגע, אויב ניט אין זיינע העכסטע פאָרמען, איז אין די נידריגערע פאָרמען. פאנטאזיע, סענטימענט, רחמנות — דאָס זיינען געווען זיינע ליבלינגען. דורך די מיטלען האָט ער אויסגעדריקט זיין נשמה. זיין „איך", זיין לעבען.

אין דער צייט וואָס דער אריער־מענש איז געווען אומרוהיג, קעמפעריש, אגרעסיוו, און פרידענס־צייט איז ביי איהם געווען די אומנאָרמאלע דערשיינונג, די פענאָמען, אזוי צו זאָגען, איז עס ביים סעמיטישען מענשען געווען פונקט פארקעהרט — ביי איהם איז קריג געווען די אומנאָרמאלע צייט.

דאָס האָט געבראכט דערצו — און דאָ קומט אריין די גרונד־אידעע פון אסבארן ווארד — אז די סעמיטישע ראסע האָט אריינ־געבראכט אין דער וועלט דעם קאָאָפּעראטיווען סיסטעם, וואס שטעהט אויפ'ן שטאנדפונקט פון פרידליכען צוזאמענלעבען, פון שלום און גוטסקייט, פון מאָראל און עטיק, שטילער, צניעות'דיגער, געדעכטער אויפפיהרונג. די אריער ראסע האָט אריינגעבראכט דעם „קאמפּע־טאטיווען" סיסטעם. ד. ה. דעם קעמפערישען און שטרייטענדען, אָדער קאנקורירענדען סיסטעם. ביים סעמיט איז אויסצייכנונג באשטאנען אין גוטסקייט און מאראלישקייט. ביים אריער — אין אונטער־יאָכען דעם שונא, פארקויפען איהם פאר א שקלאף, אויפ'ן בעסטען אופן, און אויפ'ן ערגסטען אופן — אָפּשינדען זיין הויט, אָפּהאקען זיין קאָפּ און איהם אויפהענגען אויף א סלופּ, כדי צו דערווייזען ווי העלדיש ער איז. ביידע סיסטעמען זענען אריינגעטראָגען געוואָ־רען אין דער היינטיגער ציוויליזאציע און קעמפען איינע געגען די אנדערע נאָך היינט צו טאָג פאר אויבערהערשאפט.

דער איד אין זיין שטעלונג צו מענש און וועלט, שטעלט ווירק־ליך מיט זיך פאָר דעם ערשטען טיפּ. דער דייטש, אונטער'ן נאצי רעזשים, איז א באוואוסטזיניגער אויסדרוק פון דעם אריערטום, ווי היטלער וויל טאקע דערווייזען דער וועלט, און ווען זיי האָבען זיך באגעגענט, האָבען זיי דערקלערט איינע די אנדערע אלס שונאים.

אין דעם זין קאָן מען זאָגען אז די היינטיגע וועלט ווערט צוטיילט אויף צוויי:

די „אידישע" (אדער סעמיטישע) און די ניט־אידישע.

די אידיש־סעמיטישע וועלט שטעלט מיט זיך פאָר די קולטור פון רעכט און גערעכטיגקייט. די קונסטען און די וויסענשאפט זיינען די זיילען אויף וועלכע די דאָזיגע וועלט איז אָנגעליינט. די וויסענשאפט האָט פארשענערט די וועלט און זי נאָהענט געמאכט דורך די וואונדערליכע אנטדעקונגען פון 19־טען יאהרהונדערט. די

ימים און די יבשה זיינען פאקטיש דעראָבערט געוואָרען ניט פאר איין מענשען, נאָר פאר אַלעמען, און איינקלאַנג מיט׳ן געזעץ פון פרייהייט, און וואס ווייטער וועלען די ברכות פון באשאף אַלץ מעהר איינגעטיילט צווישען די איינוואוינער פון דער ערד. די קונסטען האָבען פאַרפיינערט דאָס מענשליכע לעבען. די שעהן־ליטעראטור האָט צועפענט דאָס מענשליכע הארץ. די סקולפּטור, די מוזיק, די ארכיטעקטור, און אנדערע האָבען יעדע פון זיי בייגעטראָגען צום לעבען און צו זיין פארשענערונג. אָבער דאָס איז ניט גענוג. די סעמיטישע פּסיכיק וויל זיך ניט באַניגענען מיט דעם וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרען. זי וויל ארויסרייסען די וועלט פון די ווענינע און זי איבערגעבען אין די הענט פון די פילע — אין די הענט פון אַלע אָהן אויסנאהם.

ווארים עס איז דאָך קלאָהר, אז דער לאָגישער אויסגאנג פון דער אידעע איז די פולע באפרייאונג פון מענשען. דאָס איז געווען די משיח־אידעע אין איהר טרוימערישער, וויזיאָנישער פאָרם און דאָס איז די שטרעבונג פון דער סעמיטישער נשמה.

אין גענויערע ווערטער דארף געזאָגט ווערען: סעמיטיזם שטרעבט צו פאַרווירקליכען די פאַרבינדונג און פאַראייניגונג פון דער מענש־הייט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און ביים העכסטען שטאפּעל — קולטורעל.

און אַלץ דורך — פרידען. ווייל אנדערש קאָן דאָך דאָס ניט צו שטאַנד קומען. די סאמע אידעע פון קאאפעראטיוועו, אידיש־מענשליכען וועג איז פרידען צווישען פעלקער, וגר זאב עם כבש.

דער אריעריזם, אין זיין ריכטיגער פאָרם — דורכ׳ן פאשיזם, שטרעבט צום פארקעהרטען. קודם כל מוז די וועלט זיין צוהאַקט אויף שטיקער, און שנאה, קריג, און מאכט זיינען די הויפּט־פאַק־טאָרען. וועל עס איז שטארקער, דער זיגט. צום שטארקען — געהער דער רויב. דער אריעריזם בויט אויף נאציעס, כדי זיי צו פארוואנד־לען אין אימפּעריעס, און די אימפּעריעס אין באהערשער פון דער וועלט, אין דעראָבערנדע מאכטען. און אין די נאציעס, אין די אימפּעריעס, וויל ער אַלץ אויפהאַלטען דעם קאמפעטאטיוועו, דעם קריגערישען גייסט. די שטארקע רעגירען איבער די שוואכע. און ווען יענע ווערען א געפאהר, טוהען זיי מיט זיי וואָס מען דארף טאָן. מ׳שיקט זיי אוועק אין קאנצענטראציע־לאגערען, אויף אינזלען,

אין געפענגענישען, אָדער מען הרג'עט זיי. ווארים עס איז דאָך קלאָהר. דער פּרינציפּ איז מאכט, און יעדער וואָס שטעלט זיך אנט־קעגען איז געגען דעם געזעץ, געגען דער גערעכטיגקייט, ווי זיי פאר־שטעהען זי, געגען דעם אמת . . .

די אידען האָבען פּאקטיש קיין אנדער ברירה ניט. זיי ווערען געשטויסען אין דעם פּאַלאַץ פון פרידען, ניט בלויז דורך דעם דרויסענדיגען שונא, נור אינערליך, פּסיכיש. זיי קענען אנדערש ניט פאר־שטעהן די וועלט און פארשטעהען זי טאקע נאר אזוי.

רוים — געגען ירושלים. אספּסינוס געגען רבי יוחנן בן זכאי, און דער אלטער תנא בעט יבנה וחכמיה. א שטילע סביבה, לערנען די תורה, זיך פארטיפען אין זיך, טראכטען וועגען מענש, וועלט און גאָט. אספּסינוס לאַכט אין הארצען פון אלטען תנא. ער קוקט אויס ביי איהם נאַריש, קינדעריש, בטל'ניש. אָבער רבי יוחנן ווייסט וואָס ער וויל און בעט, בעט. גיט מען איהם נאָך. ער קריגט זיין וואונש און ער פאראייביגט דאס אידענטום מיט אט־דער בקשה.

ביידע כוחות — דער כוח פון מאַכט און דער כוח פון רעכט — האָבען געקעמפט צווישען זיך אין משך פון דער גאנצער מענשליכער געשיכטע און די אידען איז אויסגעקומען צו ליידען פאר דעם מעהר ווי אלע אנדערע פעלקער.

ווארים פון דער נאטור ארוים איז דער מענש ניט געבארען אלס קאאפּעראטיווע באשעפעניש. בלויז קולטור און ציוויליזאציע קאן איהם מאכען אזוי. פון נאטור איז יעדער מענש אן עגאָאיסט — ער איז צו זיך נעהענטער ווי אלעם אנדערש, און די גאנצע קריגע־רישקייט פון אַריער איז באזירט אויף עגאָאיזם אלס הויפּט־פּרינציפּ. מאָראל און קולטור וויל אבער מאכען פון מענשען דאס וואס ער איז ניט — וועניגער עגאָאיסט, מעהר אלטרואיסטיש, צו פארשטעהן דעם צווייטען „איך", אריינצולעבען זיך אין זיין לעבען, איהם העלפען, העלפען זיך און יענעם געמיינשאפטליך. פריינדשאפט און ליבשאַפט זיינען דירעקטע רעזולטאטען פון אָט דער עטיק. אין דעם זין האָט דאָס אידענטום, אין גייסטיגען זין פון וואָרט, געזיגט איבער רוים. די מאָראל איז אלגעמיין אנערקענט אין איהרע הויפּט פּרינציפּען. צווי־שען מענש און מענש געפינען זיך ריכטער, וועלכע דערלאזען ניט קיין

עוולות און קיין פארברעכענס. עס האט זיך איינגעשטעלט א צו־זאמענלעב וואס איז מעהר אדער ווניגער זיכער.

וואו די סעמיטישע עטיק באגעגענט איהר שארפסטע געגנער־שאפט איז ניט אין דער געזעלשאפט, נאר צווישען פאלק און פאלק. דא קומט די אימפעריע, וואס האפט אויף רויב און רציחות, ווייל אנדערש קאן זי ניט פארכאפען קיין גרעסערע טעריטאריע און באַגעגענט זיך מיט דער מאראל פנים אל פנים. די „האלסייל"־רציחה — מלחמה — וויל זיך ניט רעכענען מיט קיין פארשריפטען פון דער מענשליכער קולטור און וויל גאר אפמעקען יעדע גרעניץ. אנדערש קאן די אימפעריע ניט אויפגעבויט ווערען. איהר גאנץ לעבען איז געבויט אויפ׳ן טויט פון אנדערע. דא שטעהט דער איד אויפ׳ן סאמע גרעניץ. צוזאמען מיט אלע קולטור מענשען, מיט דער בעסערער מענשהייט איז ער א נאטירליכער שונא פון דעם עקספלואטאטאר און אימפעריאליסט. און פון דאנען די גרויסע שנאה פון נאצי צום אידען.

זעלבסטפארשטענדליך, אז דער אנטגילטיגער נצחון אין דער גע־שיכטע פון דער מענשהייט וועט ניט זיין פאר׳ן אריער־טיפ. ער האט סיי ווי אויסגעלעבט זיין צייט. אין די אור־וועלדער פון אזיע און אפריקא איז דער סענטימענט אפשר געווען בארעכטיגט. אין באר־בארישען צושטאנד — אפשר אויך. אבער בארבאריזם קאן ניט ווידער אויפלעבען. ער האט ניט קיין פלאץ אין דער געזעלשאפט, און ער האט ניט קיין פלאץ צווישען די פעלקער.

אט אזוי זיינען מיר געקומען צום פונקט: אידענטום אלס אזעלכעס, און די קולטור פון מענשען, שטעהען להיפוך דעם קריגע־רישען, אימפעריאליסטישען דראנג.

דער קאמף פאר מאכט

ווען עמיצער וויל אונז באווייזען, אז דער מענש האָט דער־גרייכט א העכערע מדרגה פון קולטור, ווייזט ער אונז אָן אויף פארשיידענע זאכען אין אונזער לעבען.

די גרויסע טעכנישע דערפינדונגען: די ראדיאָ, טעלעפאָן, טע־לעגראף, און פילע אנדערע: דער פראָגרעס אין די וויסענשאפטען; די פרעסע; די ליטעראטור — די אלע עשירות'ען זיינען ווירקליך צו באוואונדערען. אפילו מיר, וועלכע האָבען זיך שוין אזוי צוגע־וועהנט צו געניסען טאָג־טעגליך פון זיי, ווערען דערשטוינט, ווען מיר טראכטען פון זיי. ווירקליך, כדי דער מענש זאָל דערגרייכען אזא מדרגה, האָט ער געדארפט דורכמאכען א לאנגען וועג פון אנטוויק־לונג. רימען מיר זיך מיט אונזערע דערגרייכונגען, שטאָלצירען — מיט אונזערע דערפינדונגען און מיר זיינען צופרידען . . .

אָבער איז אונזער צופרידענקייט א בארעכטיגטע אויך נאָכדעם ווי מיר שטעלען אוועק די שווערע שאלה: „זיינען מיר אליין בעסערע מענשען געוואָרען?"

דאָ קומט דער צווייפעל, און די פארצווייפלונג, אויב אונז איז דערלויבט צו געברויכען א שטארקער וואָרט.

די טראגעדיע פון 1914—1918 האָט זיכער אָפּגעלייקענט אלע לויב־געזאנגען פאר'ן טעכנישען פראָגרעס פון 19־טען יאָהרהונדערט, און די מלחמה, וואָס ברייט זיך אויס אין דער וועלט פון היינט, גיט אונז לגמרי ניט קיין בעסערע אויסזיכטען.

דער גרויסער קאמף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט, פאר לעבען און מענשליכקייט, דארף ערשט, ווי ס'שיינט, געפיהרט ווערען דורך גרויסע וועהען און טיפען פיין, און ערשט דעמאָלט וועט דער מענש באטראכט ווערען אלס קולטור־מענש.

היינט צו טאָג אפשר שטעהען מיר אויף די ערשטע שטאפּלען פון קולטור־לייטער.

— 1 —

דער מלחמה־גייסט

ס'איז קיין ספק ניט, אז ווען מ'פיהרט דורך א וועלט־אָפּשטי־

מונג, אַן אינטערנאַציאָנאַלען רעפערענדום, אזוי צו זאָגען, וועגען דעם וועלכע איז די שאַרפסטע פראגע, וואָס בויערט היינט א טאָג מיליאָנען מוחות אין אלע לענדער, וואָלט דער ענטפער געווען: מלחמה!

שוין 22 יאָהר זיינען אוועק זינט די וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען, און 20 יאָהר — זינט דער וואפענשטילשטאנד, דאָך הענגט דער געשפּענסט איבער׳ן מענשען און יאָגט איהם נאָך ווי א שאָטען. ניטאָ נאָך אזא מורא וואָס וואַרפט פון זיך אזוי פיעל שוואַרצע בילדער, בילדער פון טויט און אומגליק: און עס איז גאָר קיין חידוש ניט. גענוג אַרויסצושטעלען עטליכע ציפערן פאַר די אויגען און דער קאָפּ הויבט אָן צו שווינדלען פונ׳ם חורבן, וואָס די וועלט־מלחמה האָט פאַראורזאכט אין אייגענטום און לעבען — 12,886,020 געפאַלענע אויף די שלאַכטפעלדער, 20 מיליאָן מענשען פאַרוואונדעטע, און ווען מען רעכענט צונויף די שאָדענס אין אייגענטום און אין מסחר, דערגרייכט די פּרייז וואָס די מענשהייט האָט באצאָהלט פאַר דער מלחמה—338,000,000,000 דאָלאַר, א סומע וואָס איז גאָר ניט אזוי לייכט אַרויסצוגעמען אויפ׳ן געדאַנק, און וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? געגנער פון מלחמה וועלען קנייטשען די שטערנס: פאַשיזם! . . . ס׳איז אָבער ניט אלעס. די וועלט־מלחמה האָט אונז איבערגעלאָזט א הויקער — די מעגליכקייט פאַר א צווייטער וועלט־מלחמה, און גראָד איז די מורא באַזירט אויף פאַקטען, ווארום דער מצב אין דער איצטיגער וועלט, סאָציאַל און עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און פּסיכאָלאָגיש, איז א ערב־מלחמה׳דיגער. דער וועלט־וואָגען ווערט געשלעפּט פון אלע זייטען, אהער און אהין, און ווי וואונדערליך דאָס זאָל ניט אויסקוקען — פּינקטליך פאַרקעהרט ווי אין קרילאָוו׳ס משל — שטעהט ער דוקא ניט אויף איין אָרט, נאָר ווערט מיט שוועריג־קייטען געשלעפּט, דורך די אינטערנאַציאָנאַלע בלאָטעס און פּלאָנ־טערנישען, אין אָבגרונד אריין.

טעאָרעטיש איז מלחמה די ערגסטע משוגעת וואָס דער טייפעל אין מענשען האָט אויסגעטראַכט. אין איין שעהנעם פריהמאָרגען — אין דער העלער שיין פון זון — שטעלען זיך מענשען אוועק קוילענען און הרג׳ענען איינער דעם אנדערען, און אָהן שום רחמנות געהט אָן די שחיטה. ציוויליזירטע מענשען, קולטור־מענשען; מענ־

שען, וועלכע האָבען פאַר יאָהרענלאַנג געשלאָגען פון באָדען שפּייז פאַר׳ן קערפּער; בעלי־מלאכה׳ס: שמידען, שוסטער, שניידער, מע־כאַניקער, טישלער, און לאַסט־פיהרער, פאַרלאָזען זייערע רוהיגע, פרידליכע היימען — זייערע „פאַמיליע־פּאַלאַצען“ — און לאָזען זיך אַוועק אויף די וועגען צו באַגעגנען די „שונאים“ פון זעלביגען מין. שפּיזען, שווערדען און ביקסען שניידען פרישע לייבער, און קאַנאָנען ברענגען מענשליכע לעבענס, וועלכע פאַלען צו דער ערד; אייגענטום וואָס האָט גענומען דורות אויפצוזאַמלען און אויפצובויען ווערט צושטערט, פאַרניכטעט און אָפּגעווישט פון דער ערד; טויט און אומגליק, נויט און דחקות באַווייזען זיך ווי געשיקטע פון גיהנם, און די משוגעת פאַרכאַפּט מיליאָנען. היינט נאָך דער חורבן אויף די ימים, ווען צועפּענטע מיילער שפּייען מיט טויט פון ריזיגע שיפען ארויס, און עראָפּלאַנען פליהען פון אויבען און וואַרפען גיפטיגע באָמבעס. וואָס אַנדערש קאָנט איהר דאָס רופען, אויב ניט משוגעת?

דאָך האָט די דאָזיגע משוגעת אָנגעהאַלטען פאַר לאַנגע פיער יאָהר, און זינט דעמאָלט גרייט זיך די וועלט — צום צווייטען טייוועלשען שפּיעל, וואָס וועט נאָך אפשר אריבערשטייגען דעם משוגענעם שפּיל פון 1914 — אין גרויזאַמקייט און חיהשקייט.

ווען איהר פרעגט דעם איינצעלנעם מענשען, דעם פרידליכען בירגער, אין פאַרשיידענע לענדער, זיין מיינונג וועגען מלחמה, איז נאַטירליך, אַז איהר וואָלט געקראָגען דעם טעאָרעטישען ענטפער, ווי ער איז דאָ אויבען ארויסגעבראַכט געוואָרען. קיין מוטער וויל ניט מקריב זיין איהר זוהן אויפ׳ן בלוטיגען מזבח, און קיין פאָטער — אויך ניט. קיינער וויל ניט נעבטיגען אין די טראַנשעען און ווערען „מאַטעריאַל“ פאַר קאַנאָנען־פייער, און אודאי וויל קיינער ניט דורכ־געהן די ליידען, וואָס זיינען אומפאַרמיידליך פאַרבונדען מיט מלחמה.

אין דער פּראַקטיק, אָבער, לייגט זיך אויס די וועלט־לאַגע גאָר אַנדערש — דאָ געפינט גאָט מאַרס פּרוכטבאַרען באָדען און די בעסטע מעגליכקייטען צוצוגרייטען די קומענדע מלחמה; פאַקטיש, אַלע מלחמה׳ס, וואָס האָבען געבושעוועט איבער דער ערד, זינט דער מענש איז אַרויס פון די אור־וועלדער און פון די היילען.

וואָס זשע דערצעהלט אונז די פּראַקטיק?

מיר זעהען פאר זיך מענשען פון פארשיידענע ראסען, גלויבענס, נאציעס, אויך פון פארשיידענע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע ריכטונגען און שאטירונגען. די מענשהייט איז ניט איין גאנצקייט פאר וועלכער איין אוניווערסאַלע אידעע שטעהט לעבעדיג פאר די אויגען און איז פארהייליגט, דאָס הייסט, אומבאשטרייטבאר אנערקענט, אַט, לאָמיר זאָגען, ווי די פשוטע אידעע, דער אקסיאמאטישער פּרינציפּ, אז דאָס מענשליכע לעבען איז נאָך אלעמען דאָס העכסטע און סיהייליגסטע, אפילו איבער דער ראסע, גלויבען און נאציע. מענשען, אלע מענשען, אויפ'ן אינטערנאציאָנאלען געביט, האָבען זיך נאָך קיינמאָל ניט געאייניגט אויף איין געדאנק, זאָל זיין דער קלענסטער, דער אומבאדייטענדסטער. פארשיידענע שטאנדפּונקטען, אָבער קיין איינער וואָס טראָגט אין זיך דעם אנערקענטען אמת פאר אלעמען — קיין אוניוורסאלער פּרינציפּ פון לעבען. דער היינטיגער מענש, הגם ער האָט אויגענשיינליך אזוי ווייט פּראָגרעסירט, איז א מיטגליד אין א גרויסער מענשליכער משפחה בלויז ווען ער פיהרט א פרידליכען לעבען, אָבער אין דער זעלבער צייט לעבט ער אין נאָך צוויי וועלטען — צוויי באזונדערע וועלטען, וואָס זיינען לכתחלה אָפּגעטיילט, און טרעט ער אריבער די שוועל אין איינער אָדער דער צווייטער, ווערט ער אן אנדער מענש — א קאניבאל, א פּראדוקט פון דעם מלחמה־דיקטום: „אויב כ'וועל דיך ניט הרג'ענען, וועסטו מיך הרג'ענען — מיין אייגענע זעלבסט־דערהאלטונג פאָדערט דיין פארניכטונג". און מלחמה'ס זיינען נאָר מעגליך אזוי לאנג מענשען ווערען ארויסגעפיהרט פונ'ם הויז פון פרידען און אריינגעבראכט, אָפּט דורך געוואלד פלוס מיליטעריש־אויפגעבלאָזענעם עקסטאז, אין דער וועלט פון טויטליכען דונערקלאַפּ.

די צוויי וועלטען נויטיגען זיך אין א באזונדער באטראכטונג, די נאציע.

יעדער מענש, לויט דערציהונג און שטאם, ווערט געבאָרען און איינגעפאסט אין עטליכע רעמלאך — אינטימע און נאציאנאלע. עס זיינען קודם־כל דאָ טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער און קרובים. די דאָזיגע קרייזען זיינען אינטימע, נאָהענטע צום הארצען. דער סאמע נאָהענטסטער קרייז איז: די פאמיליע, די היים, וואו דאָס קינד דערקענט דאָס לעבען, און דורך די אויגען פון אנדערע.

אין דער היים און אין שולע דערוואוסט עס זיך וועגען דער נאציאָ־נאַליטעט און נאציע און דאָ, מיט׳ן וואוקס פון קינד, ווערט אויפ־געבויט דער נאציאָנאַלער בנין ארום דעם, די וועלט פון פאָלקס־באגריפען, נאציאנאַלע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס, מנהגים, און טראדיציעס, פסיכישע רעגונגען און אויפרעגונגען; עס ווערט אויך, אין דער זעלבער צייט, געשאפען די קאנצעפציע פון דער דרויסענדיגער, „פרעמדער" וועלט, וואָס ווערט אוועקגעשטעלט אנטקעגען די אייגענע באגריפען, און דערביי וואקסט אויף דער נאציאָנאַלער שטאָלץ און אויפגעצויגען בהדרגה׳דיג דער פאטריאָטישער געפיהל, וואָס איז גאַנץ אָפט איינגעשלאָפען און דערוואכט בלויז דורך א באזונדער רעגונג און פאסירונג: מיטגלידער פון שטארקע, הערשענדע פעלקער קוקען פון אויבען ארונטער אויף די וואָס שטאמען פון שוואכערע פעלקער, און ווען דער נאציאָנאַלער שטאָלץ ווערט באריהרט אויף וועלכען ס׳איז אופן, איז נויטיג נאָר אביסעל שארפע אגיטאציע און געלונגענע פראזעאָלאָגיע, אז ער זאָל ארויסזעצען אין דער פאָרם פון נקמה און שנאה — צוויי פאקטאָרען, וואָס פיהרען דירעקט צו מלחמה, ווי די געשיכטע האָט עס ניט איינמאָל באוויזען. גאַנץ אָפט אנטפלעקט זיך דערביי דער מאראלישער באגריף, דער געדאנק — זעלבסטפארטיידיגונג. דאָס באלײדיגטע פאָלק, פון זיין שטאנדפונקט באליידיגט, האלט ביי זיך גופא, אז דער אָנפאל איז ניט קיין אָנפאל, ניט קיין אגרעסיווער אקט, נור אלעס ווערט געטאָן לשם זעלבסט־פארטיידיגונג און נאציאָנאַלען שוץ. די מלחמה ווערט דעמאָלט געפיהרט אויפ׳ן גרונד פון „גערעכטיגקייט", מיט א הינטערגרונד פון בלומרשטער מאָראליסט, א פאלשע, דאָך באוויזקט פון דער נאציע־וועלט, וואָס איז אונטער א התחייבות, פארזיגעלט מיט דער קדושה פון בלוט. רציחה, וואָס איז אן און פאר זיך א פארברעכען, און בלוט־פארגיסונג, וואָס איז געזעלשאפטליך פארבאָטען און מאָהנט א הארבע שטראָף נאָך און מיט זיך, ווערט גע׳כשרט אינ׳ם פייער פון פאטריאָטיזם און אין די וואסערן פון דער נאציע. די נאציאָנאַלע וועלט פאָדערט ניט קיין „קרבנות" — לחלוטין ניט. זי פאָדערט, אָבער, אז חובות זאָלען באצאָהלט ווערען, און יעדער פרט אין שול־דיג דער געזעלשאפט א חוב. מיט דער הילף פון געזעץ און שטאַט, מיט דער סאנקציע פון אלע אנדערע פרטים, ווערט יעדער איינער

געשטויסען אין דער רייה, אויב ער איז ניט גרייט דאָס צו טאָן מיט'ן גוטען ווילען, אָבער די גרעסטע צאָהל מענשען, בירגער פון גרויסע און קליינע לענדער, געהען ברצון הטוב אויפ'ן שלאַכטפעלד, ווימענדיג, אז די צווייטע וועלט, וואָס איז דרויסען פון זייער פאמיליעקרייז, איז א טייל פון זייער לעבען באוואוסטזיניג, און נאָך מעהר — אומבאוואוסטזיניג, עמאָציאָנעל.

אלע פעלקער־שנאה'ס, דער אנטאגאניזם און אפילו די עקאָנאָמישע קאנקורענץ; יעדער מלחמה אלס רעזולטאט פון דעם; די דיפלאָמאטישע קאמפליקאציעס — שטאמען אומפארמיידליך פון אָטדער נאציע־וועלט, וואָס איז גאָר ניט קיין אומבאדייטענדער פאקטאָר אינ'ם לעבען פון איינצעלנעם מענשען.

עס איז, אָבער, אויך נאָך דאָ אן אנדער וועלט — די ראסע:

דאָס איז די שנאה פון בלוט געגען בלוט, וואָס ווייזט זיך ארויס צו פארשיידענע צייטען און ברייננגט ניט ווייניג אומגליק. די שנאה פון ווייסען צום יאפאנעזער אין קאליפאָרניע; די שנאה, ווידער, פון יאפאנעזער צום ווייסען אין כינע; די שנאה צום אידען, וואָס איז אזוי אלגעמיין; די שנאה פון „נאָרדיק" צו דעם סעמיטישען ראסען־טיפ — זיינען אלט־באקאנטע פאקטען און נויטיגען זיך ניט אין קיינע פירושים. דאָס איז א באזונדער וועלט פון אנטיפאטיעס, וואָס זיינען איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין מענשליכען הארצען אין משך פון דער געשיכטע און ניט די צייט, ניט די באדינגונגען פון לעבען, אויך ניט די מאדערנע טעכניק און וויסענשאפט, האָבען באוויזען זי אָפצומעקען אָדער אָפשוואכען. פון אָט דער שנאה זיינען די ערגסטע ליידענדע — דער איד און דער נעגער.

אלע מלחמה'ס אין משך פון דער געשיכטע האָבען געהאט, אויסער די עקאָנאָמישע באדינגונגען און אורזאכען, זייער מקור אין די נאציאנאלע און ראסען־אספיראציעס פון די פעלקער; מענשען האָבען זיך ניט גע'הרג'עט איינער דעם אנדערען אָהן קיין סבה — דער גרונד איז אלע מאָל געבשרט געוואָרען און די וואסערען פון דער נאציע אָדער ראסע. דער רוימער איז געגאנגען אין די וויטסטע טיילען פון דער דעמאָלטיגער וועלט צו אונטעריאָכען אנדערע שבטים און פעלקער, ווייל ער איז ארויסגעפיהרט געוואָרען, אלס דערוואקסענדער מענש, אין דער וועלט פון דער נאציע — די הערשאפט

פון רוים אין וועלכער ער האָט געגלויבט און דורך וועלכער ער האָט זיך אויסגעלעבט. אזוי גיך ער פארלאָזט זיין פאמיליע און היים, און קומט אריין אין דער ארמיי, ווערט דער רוימישער סאָלדאט א שליח פון דער נאציע און זיין לעבען ווערט איינגעשלונגען פון פאָלק. אויף דעם נאציאָנאלען באדען איז טויט און לעבען — אלצאיינס. דער רוימער, דער גריך, און פאר זיי דער באבילאניער, דער אסיריער, דער פערזיער, געהען העלדיש שטארבען אויפ׳ן שלאכטפעלד, ווייל זיי גלויבען אינ׳ם העכערען אידעאל — זייער נאציע איז באשטימט פון נאטור און פון לעבען צו הערשען איבער אנדערע, צו לעבען אויפ׳ן חשבון פון קלענערע, שוואכערע פעלקער — אויפצובויען אן אימפעריע, א וועלט־הערשאפט, וועמעס גרעניצען ענדיגען זיך מיט דער ברייט און לענג פון דער ערד. מלחמה׳ם זיינען רויב אויפ׳ן גרעסטען מאסשטאב, מאסען־מאָרד פאר׳ן אויפבוי פון גרויסע, רייכע שטאטען.

אזוי איז עס געוועזן אין משך פון דער געשיכטע, אזוי איז עס היינט צו טאָג.

מיר ווילען דעריבער דאָ אריינקוקען אין קורצען:

וועלכע פעלקער זיינען היינט צו טאָג די וואָס געהען אויפ׳ן שליאך פון אימפעריע־בויער?

באטראכטענדיג אזעלכע פעלקער ווילען מיר שוין אין דער זעלבער צייט וויסען און פארשטעהן וועלכע פעלקער עס דינען היינט צו טאָג צום גאָט פון מלחמה: מארס, און ווי אזוי די קומענדע מלחמה וועט געפיהרט ווערען, ווען זי וועט קומען — א טראגישע וועלט־פאסירונג, וואָס קאָן און זאָל דערוואַרט ווערען מיט זיכערקייט.

— 2 —

דער אויפבוי פון דער דייטשער אימפעריע

דעם 5־טען אקטאבער, 1937, האָט פרענקלין דעלאנא רוזוועלט געהאלטען א רעדע אין שיקאגא, וואס וועט, בלי ספק, בלייבען היס־טאָריש צוליב דער ברייטקייט פון זיין וויזיע, דער טיפקייט פון דער הומאניטארישער פארשטענדניס פאר די פאקטען פון אונזער איצטיג

לעבען און — נאָך מעהר — צוליב דער קלאָרקייט מיט וועלכער ער האָט באלויכטען די לאגע פון דער וועלט.

ס'איז ניט קיין חידוש וואס די מעכטיגע רעדע איז דעמאלט געפאלען ווי א באמבע אין טאקיא, אין בערלין און אין רוים. די טרעגער פון מאכט און ברוטאַליטעט האָבען זיך דערשראָקענע איבערגעקוקט צווישען זיך און איינעם דעם אנדערען געפרעגט: מיינט ער טאקע אונז? און באלד דארויף האָט א פארשטעהער אויף דער ווילהעלמשטראסע געזאָגט: „ער האָט זיכער ניט געמיינט דייטשלאנד; מיר ווילען שלום". און איינער, אויפ'ן באפעהל פון פרינץ גאלעאצא טשיאנא, אָדער טאקע אויפ'ן אָנווייז פון איל דוטשע, בעניטא מוסאָליני אליין, האט געווארפען תמימות'דיג צוריק א לייכט־באַפליגעלטע באמערקונג אויפ'ן כאראַקטעריסטישען אופן פון דער מאַדערנער דיפּלאָמאַטיע: „אונז מיינט ער זיכער ניט: מוסאָליני האָט גערעדט וועגען שלום; זיין באזוך מיט עטליכע חדשים צוריק אין בערלין האָט ניט געהאט קיין אנדער צוועק". די איינציגע וואס איז געווען שטאַרק דערשיטערט איז געווען ניפאן (יאפאן), דאס לאנד פונ'ם „זון פון דער זון", דאס לאנד פון מיקאדא, ניט פארשטעהענדיג ווי אזוי האָט גאָר אמעריקא באשלאָסען אזוי צו רעדען דורך איהר אויטאריטאטיווען פארשטעהער. די „טאָקיא טיימס", למשל, איז ארויס מיט א לייט־ארטיקעל, אין וועלכען זי האט געמאכט אן „ענטדעקונג": — עס זיינען דאָ, זאָגט זי, צוויי סאָרטען לענדער: די „ניט־האָבענדע" לענדער און די „האָבענדע". אמעריקא, ענגלאנד, כינא האָבען אסך. אנדערע — צווישען וועלכע יאפאן ווערט איינגעשלאָסען — האָבען ניט, זיי פעהלט טעריטאריע, און עס איז ניט מעהר ווי יושר'דיג, אז די וואָס האָבען ניט זאלען צונעמען, דעראָבערן, פארכאפּען ביי די וואָס האָבען אזוי פיעל טעריטאָריע. קאָן זי זיך ניט באגיין מיט ווייניגער פּראָווינצען, לאמיר זאגען, אהן שאַנטונג, האָפּעי, כאהאר, טאקע די פּראָווינצען וואו עס געהט אָן דער קריג פאר עקספּאנסיע, פאר אויסשפּרייטונג? די יאפּאנעזער פארשטעהען בכלל ניט פארוואָס דער פּרעזידענט פון אמעריקא האָט זיי פארגעוואָרפען די זינד פון הרג'ענען אומשולדיגע מענשען, פרויען און קינדער, וועלכע פאלען פון באָמבעס און ווערען אויסגעמישט מיט דער ערד, די זינד—פון הייזער צושטערטע, און הונדערטע שטעדט רו־

אינירטע. דאס איז דאך אן אומפארמיידליכער רעזולטאט פון די מלחמה־אפעראציעס. ווי אזוי דען זאָל יאפאן פארכאפען די טעריטאָריע, אז זיי שטעהן איהר פארט אין וועג? עס איז, אזוי צו זאָגען, די כינעזישע מענשען־וואנט וואס לאזט זייערע לעגיאנען ניט מארשירען פארויס, און די „אימפעריע פון מיקאדאָ" קאן ריכטיג ניט אויפגעבויט ווערען אזוי לאנג די כינעזער וועלען אויפהאלטען זייער גאנצקייט. איז שוין א חידוש פארוואס די רייז־פעלדער אין דער שאנטונג־פראָווינץ זיינען באפארבט געווארען מיט בלוט?

אזוי האָט מן הסתם געקוקט אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, ווען די קליינע בעלגיע איז אטאַקירט געווארען, דער קאמאנדיר פון דער דייטשער ארמיי, דער לודענדאָרף־הינדענבורג טיפ. וואָס הייסט בעלגיע'ס „נייטראַליטעט" דארף אפגעהיט ווערען — אז זי שטעהט פארט אין וועג פון דער דייטשער ארמיי וואס וויל און דארף פארכאפען פאריז, די הויפט־שטאָדט פון שונא — פראנקרייך? האָט מען חרוב געמאכט קאטעדראלען, און געשאסען פון 36־אינטשיגע קאנאָנען, און געשפרייט טויט און פארניכטונג אויף דער ציווילער באפעלקערונג אין אנטווערפען, און אנדערע האפען־שטעדט, אָהן קיין צוריקהאלט. זיי שטעהען אין וועג — פארניכט זיי, וויש זיי אפ, און ווען די גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט אויפגעגרוילט פון דער ברוטאליטעט, האָט דער פאָן מאלטקע־אדער ביסמארק־טיפ ניט פארשטאנען: מה רעש? מיט וואס האָט דען דייטשלאנד חוטא בעגל געווען!?...
וואָס דען האלטען מיר מלחמה, אויב ניט צו זיגען איבער פראנקרייך און ענגלאנד, און פאר'ן ציעל איז בעלגיע — גארניט. זי איז שוין דערצאָבערט, און יושר און גערעכטיגקייט, און נייטראליטעט, מיט אינטערנאציאנאַלע אפמאכען, זיינען גלאָט זשעסטען.

די באציהונג פון יאפאן צו כינא און צו אמעריקא'ס פראטעסט איז דיזעלבע ווי דייטשלאנד'ס באציהונג צו בעלגיע — צו איהר באציהונג צו די פארפליכטונגען ניט צו געברויכען קיין גיפטיגע און טויטליכע גאזען, אדער צו אנדערע לימיטאציעס אויפ'ן גרונד פון שלום־פאקטען.

פאפירען זיינען ניט בכוח אָפצושטעלען דייטשלאנד'ס וואוקס און דראנג צו זעלבסט־אויפבוי דורך אויפשטעלען א וועלט־אימפעריע, צו וועלכער זי איז בארעכטיגט צוליב איהר סופעריאָריטעט. זי וועט

זיך טאָקע ניט אָפּשטעלען, און ווייזען וועט זי דער וועלט, אַז זי איז בכח צו טאָן דאָס צו וועלכען זי איז באַשטימט געוואָרען פון גורל.

און טאָקע צוליב דער אידענטישקייט און ענגער עהנליכקייט צווישען דייטשלאַנד פון 1914 און יאַפּאַן פון 1937, אין זייער בייר־דענ׳ס פּסיכאָלאָגישען אויפשטעל פון געדאַנקען און געפיהלען, איז כדאי צו מאַכען אַ קורצען שפּאַציר איבער דעם געדאַנקען־גאַנג פון דייטש, איטאַליענער און יאַפּאַנעזער. די בכורה אין דעם זין וועלען מיר געבען דעם דייטש.

עס ליגט פאַר מיר אַ מערקווירדיג בוך, וואָס איז דערשינען אין 1914. געשריבען איז עס פון פּראָפעסאָר דזשיי. איי. קראַמב, פּראָ־פעסאָר פון געשיכטע אין קווינ׳ס קאַלעדזש, לאָנדאָן, וועלכער האָט נאָך מיט עטליכע יאָהר פאַר׳ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה גע־שריבען וועגען דייטשלאַנד׳ס אויפשטייג און דער עיקר וועגען דעם דייטשען געדאַנקען־גאַנג און קוק אויף זיך, אויף דער וועלט, אויף דער ענגלישער אימפּעריע — אויף איהר צוקונפט. פּראָפעסאָר קראַמב (ער איז געשטאָרבען דעם זעלבען יאָהר) איז געווען איינער פון די טיפסטע קענער פון דער דייטשער ליטעראַטור, פילאָזאָפיע און גע־שיכטע, און ער איז אויך געווען אַ פאַרעהרער דייטשלאַנד׳ס. ער האָט טיף שטודירט דייטשלאַנד׳ס פּסיכיק, איהרע גרונד־שטריכען, און האָט מיט זיין ווערק, געשריבען אין קריסטאַל־ריינעם סטיל, מיט דער אָביעקטיוויטעט פון אַן אמת׳ען פאָרשער, געוויזען ענגלאַנד וואָס אין דייטשלאַנד טהוט זיך. עס איז דעריבער אינטערעסאַנט, אין דער איצטיגער צייט, מיט 23 יאָהר שפּעטער, ווען מיר זעהען ווי דאָס דריי־לינג־דיקטאַטורען — יאַפּאַן, נאַצי־לאַנד און איטאַליע — געהען אַרויס פון זעלבען שטאַנדפּונקט, צו פאַרגלייכעןביידע צייטען. אַלס באַלויכטענדער פאַקטאָר איז פּראָפעסאָר קראַמב׳ס אַנאַליז איינער פון די בעסטע, און זיין פאַרטיפונג שניידט דורך דעם געדיכטען נעפּעל פון היטלער׳ס שקרים, מוסאָליני׳ס פּאָמפּעזע דערקלעהרונגען, און יאַ־פּאַנ׳ס מאַרשען. עס זעהט זיך קלאָהר און בולט דייטשלאַנד׳ס גע־דאַנקען־גאַנג אויסגעשפּרייט אויפן אָפּעניגישען האַלב־אינזעל, אין אי־טאַליע, — אפילו אַזוי וויט ווי אויף די אינזלען פון וויטען מזרח, אין יאַפּאַן, און אודאי — אין נאַצי־לאַנד גופא, דער יונקעריזם האָט פּשוט געשפּרייט זיין השפּעה אויף אַלע דריי לענדער און האָט זיי

פאראייניגט אין איין איינציגען ציל: דעם אומוואַרף פון דער ענגלישער אימפעריע . . .

פראָפעסאר קרעמפּ פרעגט: ווי אזוי קאָן מען פארשטיין דייטשלאנד, איהר שטרעבונג און איהר פּסיכיק? און ער ענטפערט אויפ׳ן דייטשען שטייגער „ווילסטו דעם דיכטער פארשטעהן, מוזטו אין זיין לאנד געהן”. פארשטעהן דייטשלאנד, מוז מען שטודירען איהר געשיכטע, איהר לעבען, איהרע שטרעבונגען, איהר געדאנקען־גאנג, און ער ווייזט אונז באלד אן אויף א גוטען מקור פון וואנען מיר קענען זיך איינפארשטעהן אין דערמאנטען פּראבלעם, גענעראל פאָן בערנהארדי׳ס בוך „דייטשלאנד און דער קומענדער קריג”, א בוך פון א סאָלדאט־פאָרשער, אָ מענש מיט אָ טיפער פארשטענדניס פאר דייטשלאנד׳ס נשמה — א דייטש אין פולען זין פון ווארט. ווי זשע טאקע שטעלט זיך גענעראל בערנהארדי פאָר די דייטשע געגענווארט און צוקונפט? ער שטעלט זיך עס פאר אומגעפעהר אזוי: „ווי פיעלע דייטשע אָפיצערען — זאגט אונז פראָפעסאר קרעמפּ אויף זיין כאַראַקטעריסטיש־קלאָהרען אופן — האָט ער געמאכט א פארזוך ניט בלויז צו פארשטעהן זיין פראָפעסיע אלס אָ סאלדאט, נור אויך דעם „פארוואָס” פון דער פראָפעסיע; שטודירענדיג די היסטאריע, די ליטעראטור, די פּאָליטיק, און אפילו די פילאָזאָפיע פון דער נאציע, זוכענדיג דעם ענטפער אויף דער פראגע: וואָס איז דייטשלאנד? . . . און אונטער׳ן ווארט „דייטשלאנד” פארשטעהט ער די לעבעדיגע, פאראויסשטרעבענדע קראפט וואָס קומט ארונטער אין דייטשען בלוט פון אן ענדלאזער צייט צו דער געגענווארט פליסענדיג פארויס צו דער צוקונפט. וואס זשע איז דער געגויער ווערטה, די פרעציזע באדייטונג פון דער קראפט אין איהר איצטיגער דערשיינונג — וואס א י ז — דייטשלאנד? און ער האט א פאלקאם־באשטימטען ענטפער: עס איז קאמף; עס איז מלחמה, און די דירעקציע פון דעם קאמף? עס איז די איזאָלאציע פון רוסלאנד; די צושטערונג פון דער אנטאגאניסטישער קראפט וואס ווערט גערופען פראנקרייך אז זי זאל דעם קאָפּ ניט קענען אויפהויבען; און נאכדעם וועט דייטשלאנד שטעהן פנים אל פנים מיט ענגלאנד, די „שטונדע” צו וועלכער דייטשע אָפיצירען אין זייער שאווינסטישער טענדענץ טרינקען זייער כוס, וועט האָבען דעמאלט געשלאגען” („דייטשלאנד און ענגלאנד”, זייט 10).

אָט דאס איז, אזוי צו זאגען, די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק, דער סאמע טיפסטער דראנג פון דער נאציאנאַל־דייטשער נשמה — אָט דאס זאָל זיין דער אריערייזם פון היטלער און ראָזענבערג: קאַמף, מלחמה, דעראבערונג, הערשען און באהערשונג, און אָט דער דראנג האָט זיין אויסלויף־פּונקט ביי די בריטישע אינזלען, וואו עס ליגט דאָס סאמע הארץ פון דער ענגלישער אימפּעריע. דער ענדציל איז דער אומווארף פון דער מעכטיגער אימפּעריע און די גרויסע ירושה, וואס וועט זיכער אריינפאלען אין די הענט פון דייטשלאנד. אָט אזוי האָט מען געקוקט אויף דייטשלאַנד׳ס גורל זינט דעם 19־טען יאהר־הונדערט, און מיט די יאהרען איז דער גלויבען פארשטארקט געוואָרען, האָט פארכאפּט וואס מעהר יענע אומבאוואוסטזיניגע, פינסטער־באהאלטענע כוחות אין דייטשען פאָלק און האָט זיך אויסגעדריקט אין א ראציאָנעלער, געגנוי־אויסגערעכענטער, שטייף־סיסטעמאטישער, וויסענשאפטליך־פּאררונדעטער צוגרייטונג: מלחמה. די שטונדע וועט דאך זיכער שלאָגען. דער שטראָם פון דער צייט וועט ברייננגען צום קאָנפליקט — דארף מען זיין צוגעגרייט, זעלבסט זיכער, גענוי איינגעאָרדענט אריינצוקריגען די ירושה און זיין גלייך צו דער געלע־גענהייט, זי קענען האלטען און אויסנוצען.

נאטירליך, די איבערצייגונג, אז דייטשלאנד איז די יורשטע פון דער ענגלישער אימפּעריע, די באַרופענע פון שיקזאל, די גערופענע פון דער געשיכטע, און אז מען דארף זיין גרייט, איז נאך ניט גענוג. קאָן מען נאך אויפבויען א מאָראלען גרונד פאר א מלחמה געגען ענגלאנד, א יושר׳דיגע בארעכטיגונג, אן אויסגאנג־פּונקט, וואָס זאָל זיין אי פּראקטיש אי גערעכט? אודאי קאָן מען. די פילאָזאָפיע פון „מלחמה־יושר“, די בארעכטיגונג, האָט צוגעשטעלט דער היסטאָרי־קער טרייטשקע און א רייהע אנדערע, וועלכע האָבען געפונען דעם אמת. דייטשלאנד, האלט טרייטשקע, איז באשאָנקען פון דער נאטור מיט דער פעהיגקייט צו רעגירען א וועלט־אימפּעריע, ניט ווייניגער ווי ענגלאנד. א פינפטעל פון דער ערד ליגט אין ענגלישע הענט, אבער ווי אזוי האָבען דען די ענגלענדער געקראָגען די אויבערהערשאפט אי־בער אינדיען, עגיפּטען, קאנאדע, אויסטראליע, און אנדערע? מיינט איהר דאָך דורך קריג, קאמף, העראָאיזם און גלאָריע. ניין, עס הויבט זיך ניט אָן! טרייטשקע, אָנקען, סיבעל, מאמסען און אנדערע,

יעדער פון זיי גרויסע היסטאָריקער, האָבען באוויזען, אז ענגלאנד האָט איהרע דעראָבערונגען געקראָגען דורך שווינדעל, אָפּנאַרעריי, שפּיצלעך, און דורך היפּאָקריטסטווא. דייטשלאנד האָט אמאָל גע־האט אן אימפּעריע, זי האָט זי אָבער פארלוירען. דאָך לעבט אין איהר דער אינסטינקט. זי איז בארעכטיגט דערצו. עס איז אן אינ־סטינקט וואָס איז אזוי איינגעוואָרצעלט אין איהר ווי אין דער ענגלי־שער נשמה. בפרט נאָך אין דער איצטיגער צייט, ווען דייטשלאנד איז געוואקסען אזוי גרויס, איהרע וויטאלע כוחות זיינען געקומען צום עכטען אויסדרוק און ברייגען ארויס אן איבערפלוס פון כוחות, וואָס האָבען ניט קיין אנדער אויסגאנג, ווייל דייטשלאנד איז פאר־שפּארט פון אלע זייטען, איינגעקרעמפּט אין סאמע צענטער פון אייראָפּא. יאָהר נאָך יאָהר, טענה׳ט יונג־דייטשלאנד, דורך איהר נאַ־ציאָנאלען היסטאריקער טרייטשקע, וואנדערען אוים גרויסע צאָהלען דייטשען נאָך אמעריקא, ענגלאנד, און אנדערע לענדער, וואנדערען אוים און געהען פארלאָרען פאר דער דייטשער נאציע, ווייל לעבענדיג אונטער אנדערע רעגירונגען, הערען זיי אויף צו זיין דייטשען און גיבען אוועק זייער ענערגיע צו פרעמדע פעלקער, וועלכע קענען זיין איהרע טויטליכע שונאים ווען ס׳איז. דייטשלאנד האָט, אָבער, איהרע אמביציעס און אספּיראציעס. זי קאָן זיי ניט אויפגעבען — זי ווערט געצוואונגען פונ׳ם גורל, פון איר היסטאָרישען דראנג צו שטרעבען זיי צו פארווירקליכען. אָבער ווער שטעהט איהר אין וועג? דייטש־לאנד האָט עטליכע שונאים: רוסלאנד אין מזרח, ניט לאָזענדיג זי אויסשפּרייטען איהר מאכט איבער די פעטע אוקריינער פעלדער; פראנקרייך, אין מערב, אָבער דער גרעסטער שונא איהרער, איז — ענגלאנד, וועלכע האָט אויפגעבויט די גרעסטע אימפּעריע אין דער מענשליכער געשיכטע און האָט גאָר ווניג איבערגעלאָזט פאר דייטש־לאנד.

מיט וואָס פאר א רעכט האָט ענגלאנד פארכאפּט א פינפטעל פון דער ערד? טרייטשקע ענטפערט: דורך גנבה און שווינדעל. ענגלאנד איז א רויב־אימפּעריע. ניט אומזיסט טענה׳ט ענגלאנד: זי וויל שלום! ווארום זי האָט גארניט אין זיך. זי האלט אויף איהר אימ־פּעריע דורך כיטרעקייט. וואָס זיינען ענגלאנד׳ם דאקומענטאלע רעכט? מיט וואָס פארדינט זי זיך צו הערשען איבער הונדערטע מיליאָנען

מענשען? דייטשלאנד איז מעהר בארעכטיגט. זי האָט קולטור, זי האָט וויסענשאפט. איהר יוגענדליכקייט שפרודעלט מיט ענערגיע. די דייטשע אימפעריע דארף אויפגעבויט ווערען אויף די רואינען פון ענגלאנד. ניטאָ קיין אנדער וועג — עס איז די געזעצמעסיגע נויטווענדיגקייט פון דער געשיכטע. די מלחמה מיט ענגלאנד, און דער אריינפאל פון איהר אימפעריע אין דייטשע הענט איז א זיכערקייט, אין וועלכען מען קאָן קוים צווייפלען. ווארים עס איז א גרוים אומרעכט צו לאָזען א פאָלק, וואָס איז היסטאריש און גייסטיג גרייט צו הערשען איבער אנדערע, א פאָלק פון מייסטער־הערשער, דערשטיקט צו ווערען צווישען די ענגע גרעניצען — צווישען דעם צפון־ים און דעם דאנוי, צווישען ראַיִן און די פלאכען פון פוילען. דאָס אומרעכט וועט פארווישט ווערען דורך א גלאָררייכער מלחמה, אין וועלכער די דייטשע געניאליטעט וועט ארויסווייזען איהר גרויסקייט...

אָט אזוי ליגט זיך אוים די דייטשע מלחמה־פסיכיק.

— 3 —

צעזאר בויט ווידער די רוימישע אימפעריע

פון בערלין — ביז רוים.

די שטאָדט פון די צעזארס, וואָס האָט געהערשט איבער דער וועלט, האָט גע'ירש'נט די הערשאפט פון אטען און ספארטא, די הערשאפט פון דער יונגער מאקעדאניע אונטער דער מלוכה'שאפט פון פיליפ און אונטער דער קלוגשאפט פון יענעם גרויסען פעלד־מארשאל און באהערשער, אלעקסאנדער, וועלכער האָט מארשירט ביז אין די טיפענישען פון אינדיע, צו דעם טייך גאנגעס, האָט דער־אָבערש עגיפטען, האָט געקעמפט ביי די ברעגען פון מיטעלענדישען ים, ביי צור און צידון, אונטערוואָכט אזיע, פארכאפט א טייל פון אפריקא — די גאנצע דעמאָלטיגע וועלט, — די שטאָדט פון די צעזארס לעבט נאָך.

די פארצייטיגע רוים, די באהערשערין פון וועלט און מענש, איז שוין אייגענטליך, אין דייטליכען זין פון וואָרט, ניטאָ, ליגט אין רואינען. זי האָט דאָך איהר חשבון אונטערגעצייכענט, איהר לעבען — אויסגעלעבט, איהר גורל — פארענדיגט, אבער איהר גייסט לעבט נאָך. ווארים קיין זאך געהט ניט פארלארען, איהר ווייסט דאָך די „טעאריע

פון קוואנטום״. גראָז און זאמד, וואסער און פייער — אַלעם לעבט. פארלארען געהן איז ניט קיין פרינציפּ פון לעבען, און טויט, אבסאָ־לוטער טויט, פארניכטונג, ווי מיר זאלען זיך עס ניט פארשטעלען, איז גאר ניטאָ. ס׳איז בלויז איבערבייט, ענדערונג, פארוואנדעל, בפרט נאָך גייסט, דאס וואס מיר רופען: שטרעבונג, אמביציע, אינספּיראַ־ציע. און רוים איז פאר קרוב צו טויזענד יאהר געווען אינספּירירט — דורך מאכט צו באהערשען די וועלט. זי האט איהרע שיפען געלאזט איבער די וואסערען לויפען. „מארע נאסטרום״, אונזער ים, אונזער טייך — דער טיבער. דורך וואסער און יבשה האָבען איהרע לעגיאָ־נען דערגרייכט דעם פירענעאישען האלב־אינזעל, שפּאניע, גאליא, די איצטיגע פראנקרייך־דייטשלאנד, און די בריטישע אינזלען. און רוים, ווייסט איהר דאָך, איז געבויט געווארען אויף בלוט. נאָך עט־עט אין אַלטערטום האָבען די זיהן פון ירושלים גערופען רוים — מלכות־אדום, ביינענדיג רציחה, בלוט. און די לעגענדע וועגען רעמוס און ראמולוס — א לעגענדע־ווירקליכקייט — האָט ריכטיג אפּגעשאצט, און אָט ווי זי ווערט דערצעהלט:

קעניג נומיטאר פארכאפּט דעם טראָן און באפעהלט אריינצו־ווארפען דעם צווילינג־ברידער, קינדער, הייסט עס, וואס זיינען באַ־רעכטיגט צום טראָן, אין טייך אריין. על־פּי נס ווערען זיי געראטעוועט, און זייער זויגמוטער איז א זי־וואָלף. א פּאסטוך ראטעוועט זיי דער־נאָך, און ווען זיי וואקסען אויף באשליסען זיי צו בויען א שטאָדט. אָבער א קריגעריי ברעכט אויס — ראמולוס הרג׳עט זיין ברודער, און רופט דעם נאמען פון שטאָדט אויף זיין אייגענעם נאָמען — רוים. רויבער, מערדער, אויסוואורפען קומען זיך צונויף אלס איינוואוינער, און פון זיי וואקסט ארויס די רוימישע אימפּעריע, די הערשערין איבער די ימים, די באהערשערין פון די ווייטסטע לענדער און שטארקסטע פעלקער. זי ירש׳ענט עס די גרויסע ירושה פון דער גריכיש־מאקעדאָ־נישער אימפּעריע, בויט אויף די קולטור און ציוויליזאציע פון לאטינום.

נאטירליך, זי וואקסט און שטייגט ביז זי דערגרייכט א מיטעל־פּונקט. דאן — געהט זי צוריקוועגס. גיבאָנ׳ס מאנומענטאל ווערק — „דהי דיקלאַין ענד פּאָל אָוו דהי ראָמען עמפּאיר״ דערקלעהרט עס גאנץ גוט. עלטער־שוואכקייט טרעט אריין, צעפאל און קארופּציע. ביז די גערמאנישע שבטים, די „בארבארען״, ווי די רוימער האבען זיי

גערופֿען, קומען און צורייסען די רוימישע אימפּעריע. ווארום רוים איז שוין דעמאָלט אלט און צעפוילט. די גערמאנישע שבטים זיינען יונג און ענערגיש.

אַט אזוי ליגט זיך אוים דער שליאַך פֿון דער געשיכטע. ניט אומזיסט, זאָגט די וויסענשאַפֿט, אז די גאנצע מענשליכע אנטוויקלונג, אפשר די אנטוויקלונג פֿון גאנצען מענשליכען מין ווערט ווידערהאָלט אין יעדער עמבריא, אין דער מאמעס־בויך, און אויך רוים מאכט דורך א פּראָצעס פֿון א מענשען׳ם לעבען. קינדהייט, יוגענד, מענליכקייט, און עלטער. דעמאָלט ערשט — טויט. אזוי איז דער גורל פֿון אימפּעריעס. דער גורל פֿון אלעם וואָס לעבט, פֿון דער מילב ביז׳ן העלפֿאנט. אָבער אפילו ביי אימפּעריעס איז טויט, ווידער אמאָל, א רעלאַטיווער באגריף — עס איז פֿארוואנדלונג, אן איבערטוויש פֿון שטאפֿען און פֿאָרמען, א פֿארענדערונג אין צוזאמענשטעל. און קומען מיר צום 20־טען יאהרהונדערט, נאך א שטארקער נאציאנאלער אויפֿטרייסלונג, וואס דערגרייכט די טיפֿעניש׳ען פֿון דער איטאליענישער נשמה, דערזעהען מיר, ווי דערשטוינט מיר זאלען ניט זיין; ווי רוים לעבט ווידער אויף. בעניטא מוסאליני מאכט א פֿארזוך און עס גיט זיך איהם, ביז א געוויסען גראד, טאקי איין אויפֿצולעבען דעם צעזארישען גייסט. אפֿנים אז ער האט דערטאפּט, אין דער פֿינסטער, די הויפּט־עלעמענטען פֿון אַט־דעם דערטרונקענעם, אין משך פֿון יאהרהונדערטע, גייסט, און ער שמידט איהם אוים אין אן עקשנותדיגען, פֿעסט־געבויטען, פֿארווארצעלטען קערפּער, אין דער מאדערנער איטאליע. ווארים איבער ווענעציע און פֿלארענץ, איבער נעאפּאל, שוועבען נאך די גייסטער פֿון די צעזארס. עס איז כלל ניט אמת, אז די פֿארגאנגענהייט איז פֿארשוואונדען אויף אייביג. זי לעבט אין דעם מענשליכען מוח, און וויל ניט אפּגעווישט ווערען, הגם עס איז נויטיג א מוסאָליני, א צינעלליגער, וועלכער זאל, צוליב פֿערזענליכער אמביציע, צונויפֿנעהמען די שטיקער און זיי צונויפֿשמידען, און „שמיד דאָס אייזען אזוי לאנג ס׳איז היים“. די וועלט־מלחמה איז געקומען, און איטאליע דערפֿילט איהר כוח, זי וויל מעהר ניט זיין קיין קליין־מלוכה.

זי כאפּט זיך אויף פֿון איהר שלאָף און וויל ווערען — אן אימפּעריע, דארף מען האבען דערצו סאלדאטען, קאנאָנען, ביקסען, קרינגשיפֿען. ניט מאָראל, ניט קולטור, ניט פֿרייהייט. איין פֿאָלק, איין ציעל,

איין קאמף, שאפט מען טאַקע אַפּ אַלעס וואס איז געקומען פון רענעסאַנס. ארויס מיט דעם שעהנעם ווארט! נידער — מיט דער קונסט! נידער — מיט דער פרייהייט! . . . פאר׳ן ציעל זיינען זיי אלע שטערונגען. פאַשיסטי, שווארצהעמדעלדיגע גרויסקייט, די גלאָריע פונ׳ם עבר, צוריקגעבראכט, און האָט איהר דען ניט געזעהן בעניטאָ׳ן פאַהרען רייטענדיג אויפ׳ן פערד, ווי ער שטעהט אזוי שטייף אויף די שפּאָרען, אויסגעצויגען, ווי דער פעלד־מאַרשאַל און אימפּעראטאר וועספּאסיאַן, קומענדיג צוריק פון קליין־אַזיע מיט א פּראָצעסיע פון שקלאפען, אָדער זיין זוהן טיטוס, נאָך דעם ווי ער האָט דערדריקט אין שטויב די ווידערשפּעניגע יהודה? פעסט און זיכער זיצט מוסאָליני אויף זיין פערד, און די שפּאָרען זיינען אייזערנע, ווער עס וואָגט דעם קאָפּ אויפצוהויבען — א זעץ מיט דער קאפּיטע און ניטא מעהר דער נעגנער, אדער פארשיקט אויף די אינזלען אין ווייטען דרום, אדער אין ליביע, אויפ׳ן שווארצען קאָנטינענט. „צעזאר וויל ניט האבען קיין הונגעריגע ארום זיך" — זיי דערמאנען איהם אן אויפשטאַנד, די הונגעריגע נאָך פרייהייט, קולטור, און מענשליכקייט. און מוסאָליני ווייסט גאַנץ געווים וואס צעזאר וויל.

צוערשט איז מוסאָליני אליין ניט קלאָהר ביי זיך. ער הויבט אן מיט דער סאציאליסטישער פּארטיי, מוסאָליני — א סאָציאליסט, ווי לעבערליך! אָבער אזוי איז עס שוין. דער גורל איז בלינד אין אָנהויב. דער פאטער פון פאטום איז כאַאָס. אין 1916 געפינען מיר מוסאָליני׳ן אלס רעדאקטאר פון „אוואנטי", א סאָציאליסטישע צייטונג, און ער ווערט דערנאָך ארויסגעווארפען, אויסגעשלאסען אלס מיטגליד. און ערשט, ווען ער טרעט אריין אין דער ארמיי — דערפילט ער זיין בארוף אלס סאלדאָט. עס איז ניט די פעדער וואס פארבינדט זיך מיט דער פארגאַנגענהייט. ניט ס׳ווארט, נור די ביקס. דער רוימישער סאָלדאט טראָגט זיין פּעקעל: די שווערד (גלאַדיוס), זיין פּאַנצער (סקוטום), זיין שפּיז (פּילום). יעדער סטודענט פון לאטיין באַגעגענט די דאָזיגע ווערטער אזוי אָפט, אזוי ווי זיי זאָלען זיין, ווי זיי זיינען טאקע געווען, דער סאמע אינהאלט פון רוימ׳ס לעבען. מיט איין וואָרט: מלחמה. מוסאליני געפינט זיך. ווידער אמאָל רוים... די איטאליענער גופא זיינען כאַאָטיש, ארגאניזירט ער זיי אין גרופּעס, און יעדער גרופּע ווערט גערופען פאסטשיאָ (א בינטעל אין

איטאַליעניש). אלס עמבלעם נעמען זיי אַ בינטעל ריטלעך, פאַסטשעס, וואס די פארצייטיגע ריטער פלעגען טראגען אלס סימבאָל פון הערשער — ריטער, שמיץ, פייניגען; אָט דאס איז דער פאַשיס־טישער סימבאָל. אזוי ווערט געשאפען דער מאָדערנער פאַשיזמא, די אפליקענונג פון אלעס, וואס איז קולטור — דער צוריקקום צום אַמאָל, צום פארצייטיגען רוים — גרויסמאכטום. עס קומט צוריק דער אַמאָליגער רוימישער סאַלוט — די האנט אויסגעשטרעקט איבער'ן קאָפּ און די דאָלאָניע ארונטער. און עס קומט צוריק דער אמאליגער מלוכה־פרינציפּ — גיב זיי צירקוסען, גלאַדיאַטארען, שוישפּיל. ניטא קיין הונגעריגע לייבען, גיט מען זיי פאראַדען, מארשען, מאַנעווורעס, דער עיקר, אבער, איז די פארפעסטונג פון מאכט איבעראַל. הערט איהר, א שטייגער, אסך פון קעניג עמאַנועל, פיגורירט ער דען אין אי־טאליע'ס פאַליטיק? איל דוטשע, דער פיהרער, איז אלעס. דער קאָ־מאַנדיר, דער מלחמה־מענש, איז איטאַליע — רוים איז א קאזארמע. א לאנד פאר סאָלדאַטען־לאַגערס.

דער נייער גאנג, דער נייער טראָט, איז דעם סאָלדאַט'ס. די פּרע־סע, די ליטעראַטור, די שעהן־קונסט, דינען דעם סאָלדאַט — דעם שטאַט. ער, דער שטאַט, איז א טויזענד־קעפּיגע חיה, וואס פארשלינגט מיליאָנען, און מיט טויזענדער אויגען פאַלגט ער נאָך, און פארפאָלגט, די אומצופרידענע. א פריי וואָרט און א פרייער געדאַנק — זיינען סם־המות פאר איהם. ווערט ער זיך מיט אלע כוחות, האלט שטייף די מאכט און פארגינט ניט דעם איינצעלנעם בירגער דאָס ביסעל לופט צום אָטעמען. און אַט אזוי וואקסט־אויף אויך דער דראנג צו אימפּעריאַלער מאכט, צו פארכאַפּען נייע לענדער, צו באהערשען די וועלט.

אויך דאָ, ווי אין דייטשלאנד, איז דאָ די שטרעבונג צו וועלט־מאכט, אבער איין אונטערשיעד: — אין דייטשלאנד איז ניטא די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו אין אזא קלאָהרקייט ווי אין איטאַליע. דער דייטש, גלויבענדיג זיינע היסטאָריקער און זיינע לערער, דענקט, אז ער איז פעהיג צו הערשען איבער אן אימפּעריע. טרייטשקע'ס ארבייט לינט אין מאכען גלויבען דעם דייטש, אז זיין פעהיגקייט איז גרייט, נור עס דארף בלויז קומען די גינסטיגע שעה. דער גרונד פאר דעם גלויבען איז אן אינטעלעקטועלער בלויז. אן אויסגעטראכטער, אזוי

צו זאָגען, א געדאנקען־וועלט. ביים איטאליענער איז עס אנדערש — עס שטעהט דער גרויסער עבר אזוי לעבעדיג. אויף שריט און טריט זעהסטו דא די דענקמאלער פונ'ם גרויסען אמאָל. דער קאלאסעאום, וואס איז אויפגעבויט געווארען פון וועספאַסיאן, די רואינען פון דעם פארום, און די אנדערע ריזיגע בנינים, אלע וועגען פיהרען קיין רוים, און די אמאָליגע מאכט קאן צוריקגעבראכט ווערען דורך א שטארקען מאן. מען דארף ניט אויסטראכטען קיין מאָראלע בארעכטיגונג, ווי אין דייטשלאנד — זי איז דא. רוים קומט צוריק צו איהר אמאָלי־נער גרויסקייט.

און דאָ ליגט טאקע דער גאנצער אונטערשיעד צווישען היטלער און מוסאָליני. פאר היטלער'ן האָבען פראפעסארען מיט גרויע קעפ געדארפט יאהרען לאנג צוגרייטען דעם וועג. נאצי־לאנד האָט פריהער געדארפט דורכגעהן א צייט פון דערנידערונג, אז איהר קאמפלעקס פון סופעריאטעט זאל קומען צום אויסדרוק. אין איטאליע — ניט. דאס לאנד איז זעהר אָרים. די איינוואוינער — בארויבטע. פארוואָס? ווייל די וועלט איז פארכאפט געווארען פון אנדערע.

איטאליע דארף נור שטארק ווערען, זעלבסט־זיכער ווערען און זי וועט ווערען ווידער אמאָל די הערשערין פון דער וועלט. נאך אלע־מען איז ענגלאנד אלט, זי דעגענערירט, זי האלט צוזאמען די אימפע־ריע איהרע מיט שוואכע שטריקלעך. איבעראל איז זי אויסגעשפרייט, איבער אלע קאנטינענטען און שבעה ימים, אָבער איהר מאכט האלט זיך על־פי נס. א יונג פאלק, וואס האט איבער זיך די געשטאלט פון דער אמאָליגער רוים, איז בכח אומצוואווארפען דעם דאזיגען קאלאסוס פון צפון, וואס שטעהט סיי ווי אויף הינערשע פיסלאך. און פאלט ענגלאנד, דארף זיך געפינען איין פאלק — דאס איטאליענישע, נאַ־טירליך, — וואָס זאָל די ירושה איבערנעהמען. אָט אזוי, ווערט רייף דער געדאנק פון איטאליענישער עקספאנסיע. פון דאנען נעהמען זיך מוסאליני'ס מאַרש אויף עטיאָפּיע, זיין ארייַנדרינגען קיין שפאניע, נאָ־הענט צום גיבראלטאר, דער שליסעל־פונקט צווישען צוויי אקעאנען, זיין קאלטבלוטיגע שטארקייט און זיין ניט־מורא פאר דער גאנצער וועלט. איבער דעם אלעמען איין געדאנק: מיר זיינען די קינפטיגע הערשער פון דער וועלט, ווי די רוימער פון אמאָל זיינען עס געווען.

דאָ האָבען מיר דערגרייכט צום צווייטען פונקט: די איטאליע־

נישע וועלט־אימפעריע — דער צוריקקום פון אמאָליגען רוים אין א צווייטער געשטאַלט. מוסאָליני׳ס פאשיזם. אינ׳ם דראנג זיינען ביי־דע, נאַצי־לאנד און מוסאָליני־לאַנד, איינס און דאס זעלביגע, אבער אין דער אנטוויקלונג פון געדאנק, אין דער וויזיע, זיינען זיי אנדערש; דייטשלאנד האָט פאר זיך אן אויסגעטראכטע וועלט־אימפעריע אלס מוסטער, אן אימפעריע געבויט אויף גלויבען; איטאליע האָט א לעבע־דיגען מוסטער אין דער הערשאַפט פון רוים.

— 3 —

די אימפעריע פון יאפאן

דעם ערשטען גרוס וועגען א לאנד מיט׳ן נאָמען ניפאן, דעם גרוס צו דער ציוויליזירטער וועלט, האָט געבראַכט אין 13־טען יאהר־הונ־דערט דער רייזענדער, מארקאָ פּאָלאָ, און דאס ווארט „סיפאנגא״ האָט אפגעקלונגען אין אייראפא פאר יאהר־הונדערטער. פארוואָרפען אויף די ווייטע אינזלען, 3000 אין צאהל, וואס ליגען אינ׳ם פלאך ביים פּאַ־סיפישען אקעאן, איז דאס לאנד און דאס פאָלק געבליבען א מיסטע־ריע, א פארזיגעלט בוך. נאָך היינט צו טאג, נאכדעם ווי יאפאן האט אזוי פיעל גענומען ביי דער קולטור־וועלט, געלערענט די חכמות פון דער ווייסער ראסע, איינגעפיהרט די טעכניק און איהר לעבען — היינט צו טאג איז זי, אויפ׳ן בעסטען אופן — א מיסטעריע.

פאר דער מערב־וועלט איז ניפאנ׳ס אריינקומען צווישען די פעל־קער געווען א צופאל. נאָך מארקאָ פּאָלאָ, מיט זיינע וואונדערליכע — כמעט אומגלויבליכע — שילדערונגען פון סיפאנגא, ווערען דריי פּאָר־טוגעזער פארוואָרפען פון שטורם־ווינט אויף די אינזלען, און אין 1542 פארשפרייט זיך נאָך אמאָל דער קלאנג וועגען די אינזלען אין עק־וועלט, און עס הויבט זיך אָן די פאקטישע פארבינדונג. ס׳קומען די מיסיאנערען, ווי דער שטייגער איז, מיט דער ביבעל אין דער האנד, און קנעלען מיט׳ן יאפאנעזער די „תורה פון בארג״. אפאסטאל פאול דערגרייכט דאָס „לאנד פון זונאויפגאנג״ 12 הונדערט יאָהר, נאכדעם ווי רוים איז איינגענומען געוואָרען. אָבער דער שאגון, דער פאקטישער הערשער און פיהרער פון מיליטערישען קלאס, דער־קלעהרט מלחמה אייראָפּא: מלחמה דורך איזאָלאַציע, דאָס הייסט, קיין יאפּאנעזער טאָר ניט פארלאָזען דאס לאנד, ניט פאהרען קיין אייראָפּא,

און גלחים ווערען ארויסגעטריבען, זייערע קירכען צושטערט. עס איז 1614, און דאס דאָזיגע יאהר, וואס באצייכענט מיט זיך דעם אנהויב פון פאַרפאָלגונג אויף קריסטען, און אומברהמנות'דיגע פארפאָלגונג, מיט אלע מיטלען פון אזיאטישען פאנאטיזם, ציהט זיך פאקטיש ביז'ן מיטען 19־טען יאהרהונדערט, ווען די מאכט פון שאָגון ווערט פאר־וואָרפען און דער מיקאדא, דער קעניג, וועלכער איז ביז איצט באַ־טראכט געווארען אלס מיסטעריע־הערשער, דער „זוהן פון דער זון“, וועלכער האט מיט'ן פראקטישען לעבען גאר ניט צו טאן (דער הערשער איז געווען דער שאָגון) נעמט איבער די מאכט.

אין 1868 ווערט פראקלאמירט — אז יאפאנעזער מעגען, דאר־פען און זאלען לערנען אלע חכמות פון אייראָפּא. און די קינדער פון ניפּאָן קומען אין אלע טיילען פון דער וועלט לערנען שפראכען און ווי־סענשאפט, און ווערען פלייסיגע תלמידים פון דעם ווייסען מענשען. עס ווערט געענדערט דער גאנצער גאנג פון לעבען. יאפאנעזער הויבען אָן פיהרען א ברייט־פארשפרייטען האנדעל, די אינדוסטריעס ווערען אויפגעבויט און שטייגען אין דער הויך, די טעכניק ווערט אריינגע־פיהרט מיט פּאמפּ און קראפט. יאפּאן פיהלט, אז זי האָט אסך צו לערנען, און זי לערנט פלייסיג; דער שוואונג פון אמעריקא ווערט אריינגעבראכט און די קולטור פון אייראָפּא. מאדערניזם פארפלייצט די אינזלען ווי א כוואליע, און דער יאפּאנעזער געפינט זיין נייעם וועג. שיפען שווימען ניט בלויז אין די וואסערען פון „געלען ים“, נור אי־בער אלע שבעה ימים, און זיי פיהרען סחורות — שפּיל־צייג, געפעס, מעבעל — אלעס פאר'ן געברויך. דעמאָלס קומט אויף דער דראנג פאר עקספּאנסיע. דאָס פאָלק וואקסט. און די אינזלען שטעהען אויף אָן אָרט. דער ים וויל זיך ניט צונויפציהען, און דער באָדען — אויס־שפּרייטען. דערפילט טאקע דער מיליטערישער קלאַס זיין קראפט. איצט איז די צייט. דער יאפּאנעזער דארף ניט בלויז האנדעלסמאן זיין, נאָר דערגאָבערער ווערען, פארכאפּען וואָס מעהר טעריטאָריע. אָט זיינען דאָך די פעלקער פון אייראָפּא גרויס און מעכטיג געווארען א דאנק מאכט. פארוואס־זשע ניט יאפּאן? איזאלאציע קאן נור האלטען יאפּאן אין צוים, אין איהרע ענגע, צוהאקטע דורך וואסער־שטראָמען, גרעניצען. דער פּרינציפּ פון אויסשפרייטונג, אלס יסוד פון מלוכה־הערשאפט, קאן און וועט ברייינגען גליק און גרויסקייט. אבער וואוהין

געהט מען? צום אמעריקאנער קאָנטינענט — איז דא דער פאסי־
פיק און די פאראייניגטע שטאאטען. די „מאָנרא דאָקטרין" האָט צו־
געוויבט דעם אמעריקאנער קאנטינענט, און געמאכט די שטאַטען אלס
די פאראייניגטע מאכט איבער צפון און דרום פון קאנטינענט, פון די
וויטסטע טיילען פון ארקטיק ביז „טערא דעל פועגא" (דאָס לאנד פון
פייער) אין דרום. דער אמעריקאנער קאָנטינענט איז — פארלוירען.
אמת, יאפאנעזער קומען צו די אמעריקאנער ברעג־שטעדט פון פאסי־
פיק, אבער צו שפעט. איירָאפּא — אודאי פארלוירען. אבער אזיע —
אט דאָ איז יאפאן ביי זיך אין דער היים. דאָ האט מען לעבען זיך
די שכנים, פון איין זייט רוסלאנד, וועלכע האָט פארכאפּט סיביר,
און די גרויסע כינע.

אין דער מלחמה מיט כינא, די ערשטע (1895—4) האָט יאפאן
דעמאָנסטרירט איהר קראפט. איירָאפעאישע מלוכות, רוסלאנד, פראנק־
רייך און דייטשלאנד מישען זיך אריין, אבער יאפאן, ווען זי גיט נאָך,
און שטעלט אָפּ די מלחמה, קריגט איהרם — דער אינזעל פארמאָסא
פאלט אין איהרע הענט אריין אלס קאמפּענסאציע. דערנאָך, אין 1904,
די מלחמה מיט רוסלאנד, טאקע די גרעסטע פּראָבע, און יאפאן האלט
אוים. דער קארליק גיט אזעלכע שטארקע קלעפּ דעם מעכטיגען רוסי־
שען בער, און שטיקער טעריטאָריע פאלען אריין, ווי פון זיך אליין.
קאָרעא, א העלפט פון סאכאלין און נאך און נאך. יאפאן הויבט אָן
גלויבען אין זיך, און די קאָמבינאציע מיט די „חכמות פון איירָאפּא"
איז א דערפאלגרייכע . . . עס ווערט געבוירען דער געדאנק — אן
אַזיאַטישע אימפּעריע דורך מאַכט. אזיע באלאנגט צו יאפאן דורכ'ן
רעכט פון אויסדערוויילטקייט, אלס דאס שטארקסטע פאלק, און יאפאן
באטראכט זיך אלס די קינפטיגע הערשערין. איבערהויפּט ליגט דער
וועג צום גרויסען נצחון, און דער שליאך צו דער אימפּעריע, דורך דער
ארימער, שוואכער, צוריסענער כינע. א לאנד אין סאמע צענטער פון
אזיע, מיט 350 מיליאן נפשות. א פאלק וואס איז אלט און באוועג־
לאָז. יאפאנעזישע ענערגיע קאן אנצינדען דעם פייער פון לעבען אין
אזיע. און יאפאנעזער זיינען בארעכטיגט, לויט נאטור און פעהיגקייט,
צו זיין די ציוויליזאטאָרען פון אלטען קאנטינענט. אזוי ארום וועט
די „געלע ראסע" קומען צוריק צו איהר ווירדיגקייט.

יאפאן מיינט וואס זי זאָגט: זי געברויכט די מיטלען פון

איירָאפּא, די לופט־מאשינען, די מאשין־ביקסען, די טעכניק פון מאָ־דערנעם מלחמה־פיהר — געגען אנדערע. ניט אומזיסט זיינען זיי געקומען, די שמאָל־אויגיגע יאפּאנעזער, לערנען ביים וויסען מענ־שען. דער זין איז ארויסצושטויסען דעם איירָאפּעער פון אזיע. אזוי ארום איז דאָ אפילו אן אידעאלע בארעכטיגונג — איז עס דען ניט אן אידעאל אזא די באפרייאונג פון דער געלער ראסע פונ'ם איינפלוס פון דער וויסער? אָט דאָס איז דער געדאנקען־גאנג פונ'ם יאפּאנעזישען מיליטערמאן, נאציאָנאליסט און אימפּעריא־ליסט. אודאי איז דאָ דערביי אויך די היסטארישע, די עקאָנאָמישע, און **פּאָליטישע נויטווענדיגקייט — יאפּאן אלס גאנצקייט וויל זיך נופא אנטפּלעקען דורך אויסשפּרייטונג און מאכט.**

עס קעמפען אודאי צוויי כוחות — צוויי איירָאפּעאישע איינפלו־סען, דער אנגלאָ־זאקסישער שטאַט־איינפלוס, און וועלכען דער דעמאָ־קראַטישער פּרינציפּ דאָמינירט, און דער גערמאנישער איינפלוס, אבער דער לעצטער קלעפּט זיך בעסער צו דער יאפּאנישער נשמה. האָט דער יאפּאנעזער ליב צו באצייכענען דאס לאנד מיט ספּעציעלע באצייכנונגען: „די דייטשלאנד פון וויטען מזרח", רופט ער עס, און די „ענגלאנד פון וויטען מזרח". דייטשלאנד אין טעכניק, אין שטאַט, אין טראָט — אין מיליטאריזם, און אין אויטאקראטיע. ענגלאנד אין דער נאציאָנאלער שטרעבונג, אין דער אמביציע, אויפ־צובויען די קינפטיגע אימפּעריע, די פאראייניגטע שטאַטען פון אזיע אונטער יאפּאנישער הערשאפט.

יאפּאן שטעלט פאר זיך ווירקליך א גרויסע אויפגאבע, א גרויסע, פון איהר שטאנדפּונקט: קאָרעגירען א היסטאָרישען טעות — דעם צוריקשטעל פון דער געלער ראסע אויף איהר גרויסקייט, אויפוועקען דעם מזרח, דעם אָריענט, דורך די מיטלען פון דער מאדערנער ציוויל־יזאציע, געגען דעם אקצידענט, און איהרע מלוכה־מענער קוקען ארויס אויף דעם טאָג, ווען דאס וואָרט פון אזיע וועט געהערט ווערען הויך און שטארק — **דורך יאפּאן.**

יאָפּאן האָט ווירקליך גרויסע כוחות אין זיך — דעריבער האָט זי באוויזען צו פארנעמען אזא אָנגעזעהענעם פּלאץ, זיכער אן אויבען־אָן פּלאץ צווישען די גרויסע קאמערציעלע פעלקער פון דער וועלט.

איהר הויפט־כח איז די נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק פון יאַפּאַנעזער — זיין פענאָמענאַלע פעהיגקייט שנעל זיך צוצופּאַסען צו די באַדינ־גונגען פון לעבען. גרויסע צאָהלען יאַפּאַנ׳ס יוגענדליכע קומען קיין אויסלאַנד און טרעטען אריין אין די אוניווערזיטעטען, זיי כאַפּען אויף דעם „גייסטיגען רויב" און ברייגען איהם אין לאַנד. יאַפּאַן שיקט קאָמיסיעס קיין אמעריקא, קיין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, צו שטודירען די אינדוסטריעס, צו פאָרשען די סיסטעם. בפרט — די טעכניק. דאָ צוויבערט פאַר יאַפּאַן דער גלאַנץ פון מאַשינעריע, די פּראַכט פון די מאָדערנע ערפינדונגען. זי פיהרט אריין אַלעס און אַדאַפּטירט עס.

זעהר וועניג פעלקער האָבען ארויסגעוויזען אזא דראַנג, אזא אומצושטערענדע שטרעבונג, און אזא אמביציע זיך צו אַדאַפּטירען צום פרעמדען איינפלוס, איהם פאַרדייען און מאַכען אייגענס. די אַלטע כינע, די פאַרטראַכטע, די פאַרזונקענע אין שלאָף פון דורות, וויל אויך געהן אויפ׳ן זעלבען וועג, אבער איהרע אַלטע פיס ציטערען, און די הענט — אויך. איידער זי דערגרייכט עפּעס, האָט יאַפּאַן שוין געמאַכט הונדערטע שפּאַן פאָראויס. זי איז יונג, יאַפּאַן, און שפּרו־דעלט מיט ענערגיע און כח. קיין שטער ניטאָ און קיין צוים פאַר איהר. איידער כינע שטירצט די מאַנטשוא־דינאַסטיע און די פראַ־ווינצען הערען אז עס איז דאָ א צענטראַלע רעגירונג, איז שוין יאַ־פּאַן ארויף אויף אַ העכערער מדרגה. שלעפּט זיך כינע פּאַוואָלינקע, ווי א טשערעפּאַכע, טראָגענדיג א שווערע לאַסט אויף איהרע פּלייצעס, און זי איז אַלט און מיד. אבער יאַפּאַן געהט מיט פעסטע טריט, פאָרויס צו דער זון. איז שוין א חידוש, פאַרוואָס דער יונגער יאַפּאַן פאַרגלוסט זיך צו פאַרשלינגען כינע, אריינשפּריצען איהר בלוט אינ׳ם אַלטען קערפּער און איינשפּאַנען די אַלטיטשקע אלס דינסט־מויד?

ווי געזאָגט, די העכסטע אידעע, דאָס געזאַנג איבער אַלע גע־זאַנגען, וואָס אימפּאָנירט דעם יאַפּאַנעזער, זיינע טיף־אינווענניג באַ־האַלטענע קרעפטען איז — די אידייע פון אַן אַזיאַטישער אימפּעריע, און אין דעם זין איז דער יאַפּאַנעזער ניט אנדערש אוועקגעשטעלט ווי דער דייטש און דער איטאַליענער.

— 4 —

די „טראַיקע אויפ׳ן אלטען שליאך".

עס איז דאָ אודאי אַן אונטערשייד אינ׳ם אויסלייג פון גע־דאנקען: דער איטאַליענער האט א מוסטער פאר זיין צוקינפטיגער אימפעריע אינ׳ם גרויסען אמאָל — אין רוים; דער דייטש האָט א שוואַבערע פארשטעלונג פון׳ם אמאָל, דערפאר אבער האלט ער זיך אַלס דער אויסדערוועהלטער מענשען־טיפ, באשאַנקען מיט די נויטיגע פעהיגקייטען צו רעגירען איבער אנדערע; דער יאַפּאַנעזער, פאר־כאַפּענדיג מאנטשוקוא און נארד כינע, האַלט, אז ער איז דער באַ־רופענער צו באפרייען די ראַסע. ביים ערשטען שפּילט די הויפּט־ראָלע דער עבר, ביים צווייטען — די וויזיע פון דער צוקונפט, ביים דריטען — דער ראַסען־מאָמענט. אבער זיי זיינען צוזאמען, און שטעהען אויף איין־און דעם זעלבען באָדען, ווען עס קומט צום הויפּט־ציעל און צום מיטעל: אויפבויען אַן אימפעריע דורך מאכט, דורך מלחמה.

עס איז דאָ ניט דער הויפּט־מאָמענט צו באשיצען דאָס אייגענע לאַנד, זיך שטעלען געגען שונא, ווען ער וואגט אריינצודרינגען און פארכאַפּען די טעריטאָריע; ניט דער פּרינציפּ פון זעלבסטפּאַרטיידי־גונג איז דער עיקר, און ניט בלויז נאציאָנאלע טרייהייט צום לאַנד און צום פאָלק. גיכער שפּילט דא די ראָלע דער דרויסען, דאס וואס ליגט פון יענער זייט גרעניצען — ביי איטאַליע, אביסיניע, ליביע, שפּאַניע, דער מיטעללענדישער ים; ביי דייטשלאַנד — א שטיק פראנק־רייך, אוקראַינע, עסטרייך, אפריקאַנישע קאָלאָניעס; ביי יאַפּאַן — מאַנטשוקוא, כינע, וולאַדיוואסטאָק. גרעסער ווערען, שטארקער, דורך אגרעסיוויטעט, אָפּרייסען פון אנדערע דורך אָנפאַלען און אונ־טעריאָכען. דער הויפּט־מאָטיוו איז מלוכה־רויב דורך מלחמה — דער איינציגער וועג ווי אַזוי אימפּעריעס זיינען אויפגעבויט געווארען און קאָנען אויפגעבויט ווערען אויך אין דער צוקונפט. דער סאמע לעצ־טער פונקט איז: ענגלאַנד — די גרעסטע אימפּעריע, וואס שטעהט אין וועג.

פאר דעם צוועק ווערען די נאציע־און און די ראַסע־גרעניצען אויפ־געהאַלטען. אַרמייען ווערען אויפגעשטעלט. גאַנצע פעלקער ווערען

אויפגעצויגען אין מיליטערישען גייסט און פסיכיש צוגעגרייט צו מלחמה. די פרעסע, די ליטעראטור, די ראדיא, דאס טעאטער ווערען געשטעלט צו דינסט דער נאציע, כדי ווען מען וועט עס דארפען, זאל מען קאנען זאגען דאסווארט: הרג'עט! און מ'וועט הרג'ענען און געהען גוטוויליג אליין צום טויט. פון רוים ביז בערלין, און פון בער־לין ביז טאקיא, ציהט זיך איין רויטער שנור — די שטרעבונג און די איבערצייגונג אז די דריי פעלקער קענען און ווערען גרויס ווערען דורך מלחמה.

דאס איז, אבער, לחלוטין ניט קיין נייער וועג און זיכער ניט קיין ניי־אנטדעקטער צוגאנג.

די גאנצע מענשליכע געשיכטע זאגט עדות דאראויף. ווארים דער צושטערענדער גייסט פון מלחמה האט באגלייט די מענשהייט פון די ערשטע צייטען אן און האט זי ניט אפגעלאזט אין קיין עפאכע. ווי אן אייביגע קללה פון די געטער, האט מארס געשארפט זיין שווערד איבער די קעפ פון די מענשען־קינדער און זי אין פארשידענע צייטען ארונטערגעלאזט מיט אומברחמנות'דיגער קראפט. וואס האבען געמיינט די מלחמה'ס אין אלטערטום? אין דער רענעסאנס־עפאכע? דיזעלבע שטרעבונגען און אינספיראציעס: מאכט, הערש־זוכט, צושטערונג פון אנדערע, כדי אליין גרויס, שטארק צו ווערען.

דער זעלבער וועג ציהט זיך דורך דעם יאמערטאל פון טרערען און בלוט, פון צוריסענע קערפערס, צושטאכענע, צוואוואונדעטע, צומזיקטע: קרבנות פון דער העכסטער משוגעת, פון דער ווילדקייט אין איהר סאמע נאקעטקייט און מיאוסקייט, ווען דער יחיד, דער איינצעלנער מענש איז צוגענומען געווארען פון'ם שטיקעל באדען אונטער זיינע פיס, פון'ם אקער אייזען ביי זיין היים און פעלד, פון זיין ווארשטאט, וואו ער האט געמאכט שיך, מעבעל, קליידער, און ארבייט־אינסטרומענטען, און פארשלעפט געווארען אויף פרעמדע, עלענדע פעלדער, אין ווייטע מקומות, וואו ער איז אוועקגעשטעלט געווארען פנים אל פנים מיט'ן טויט און געצוואונגען געווארען, אדער אויפגעצויגען געווארען אין אן עקסטאז, זיך זעלבסט א קרבן צו ברייננגען — צו דער נאציע, צו דער ראסע, געגען זיינע מענשען־ברי־דער פון פלייש און בלוט געשאפען, ברואים פון דער ערד, מענשען וועמעס וועה און פיין איז דערזעלביגער און וועמעס קרעכץ האט אפ־

געקלונגען אין זיין הארצען, ווי זיינער אן אייגענער. רעכט, רחמנות, גערעכטיגקייט זיינען פולשטענדיג אפגעווישט געווארען. די העכסטע אויסצייכנונג — וואס מעהר מענשען צו דערשטעכען, צורייסען, טויטען. האסטו פארגאסען א גרעסערען טייך מיט בלוט, ביזטו גע־קרוינט געווארען אלס גרעסערער העלד, באזונגען פון דורות, פאר־אייביגט אין דער געשיכטע, און קעניגען, וועלכע האבען גאנצע לענ־דער אין בלוט דערטרונקען, זיינען פון זייערע פעלקער דערקלעהרט גע־ווארען אלס גואלים, משיחים, באפרייער. עס איז די אלטע געשיכ־טע וואס חזר'ט זיך איבער, אין אונזערע טעג, און די רעדער פון ברו־טאליטעט, וואס פאהרען איבער אונזערע רוקענס, זיינען דיזעלביגע וואס מיר זעהען אין איטאליע, אין דייטשלאנד, אין יאפאן.

ניין, מיר האבען נאך בשום אופן ניט דערגרייכט קיין העכערע מדרגה פון ציוויליזאציע און קולטור, ווען מיר שטעהען היינט צו טאג פנים אל פנים מיט דער סכנה, אין דער קעניגרייך פון מארס; פאר־קעהרט, מיר שטעהען נאך ביים סאמע אנהויב און דער טויער פון דעם פרייהייט־און־גערעכטיגקייט פאלאץ איז נאך אלץ פארזיגעלט פאר אונז.

אחד־העמ׳יזם — א ניט־פארענדיגטער בנין

איינע פון די אומפארשטענדליכסטע דערשיינונגען אין אחד־העמ׳ס לעבען איז — זיין פענאמענאלע פראדוקטיוויטעט זינט 1889 און זיין שווייגען נאך דעם יאהר 1908 ביז פאקטיש זיין טויט.

אין אמת׳ען, פון דעם מאמר „לא זו הדרך", ווען אחד העם האט אין „המליץ" געזאגט דאס גרויסע ווארט צו זיין דור ביז דער 16־יעהריגער פעריאדע, צווישען 1908 ביז 1927, ליגט ממש א תהום. פון איין זייט שעפערישקייט, וואס האט באשיינט א דור, א בלאנדזשענדען, און פון דער צווייטער — אן אומדערקלערליכע שווייגעניש. דער גרויסער פובליציסט און דענקער האט אין דער גאנצער צייט ניט אנגעשריבען קיין איין מאמר, א חוץ דעם וואס ער האט צונויפגעזאמעלט זיינע בריף און זיי קלאסיפיצירט אין בוך־פארם, און אפילו די ארבעט איז א סברא, אז עמיצער אנדערש האט געטאן, אונטער זיין אויפזיכט. אזא שטילשווייגען איז עלול צו טראגען אין זיך א מערקווירדיגען סוד, א פסיכישען און טיעף־אינעווייניגסטען, א סוד וואס איז געזעהן און באטראכט געווארען פון אלע די וואס האבען ארויפגעקוקט צו אחד־העם׳ן אלס צום נשר הגדול און דאך האט קיינער זיך ניט אונטערגענומען דעם סוד צו באשיידען און צו דערקלערען.

איז עס נאך מערקווירדיגער, אז ניט נאר ביים לעבען, ווען אחד־העם האט נאך געווירקט, איז דער סוד ניט דערקלערט געווארען, ניין, אפילו קיין פארזוך ניט געמאכט געווארען איהם צו דערקלערען, נאר אויך נאך זיין טויט, איצט אפילו, 10 יאהר ווי דער אלטער דענקער איז אויף אייביג פארשוויגען געווארען, האט קיינער ניט אויפגעמישט דאס דאזיגע בלעטעל.

פרעגט זיך: איז עס דען אזא פארשטענדליכקייט, אזא פראגע, וואס נויטיגט זיך ניט אין קיין באשייד?

דאכט זיך, אחד־העם אלס פובליציסט האט געשאפען א באוועגונג ביי אידען און האט געלייגט זיין חותם אויף דעם אידישען געדאנק. ער האט אריינגעבראכט אין דעם ציוניזם א נייע אנשויאונג, האט אויסגעהאקט א צוגאנג און האט אונז געגעבען נאך א רינג אין דער

קייט — דעם קולטורעלען ציוניזם, דעם נאציאָנאַליזם פון אידישען גייסט. אין אזא פאל רופט ארויס יעדע שאלה, וואָס האָט צו טאָן דירעקט מיטן מענשען, מיט זיין נשמה און זיין שאפונג־כוח, אינ־טערעס, און עס געפינען זיך שוין אזעלכע תלמידים וועלכע ווילען דערגרונטעווען די סאמע טיעפקייט פון זייער רבי׳ן. און איז דען אחד־העם, חלילה, אזוי קליין, אז ער פארדינט ניט קיין אויפמערק־זאמקייט? אוודאי דארף מען אזא געדאנק צוריקווארפען מיט פאראכטונג. עס איז כלל ניט אזוי. פארקערט, אחד־העם׳ס השפעה איז גרויס געווען אין פארגאנגענעם יאָהרהונדערט און נאָך היינט צו טאָג אויך. די איינציגע דערקלערונג וואָס לייגט זיך יאָ אויפ׳ן שכל איז — אחד־העם׳ס אידעען האָבען געהאט דאָס מזל אָנגענו־מען און אנערקענט צו ווערען באלד ווי זיי זענען ארויסגעזאָגט געוואָרען. עס איז געווען א תורה, וואָס האָט גראד ניט געדארפט ארומגעטראָגען ווערען צווישען פרעמדע, אז זיי זאָלען זי צוריק־ווייזען. אין א תוהו־ובוהו׳דיגען דור איז אחד־העם ארויסגעקומען מיט זיין וואָרט. אָבער דער דאָזיגער דור האָט געהאט אין זיך גענוג מוט און פארשטענדעניס צו דערקענען דאָס ליכט. אָט די דאָזיגע אלגעמיינע הכרה איז אפשר עלול אָפצוטויטען דעם אינטערעס אינ׳ם רבי׳ן גופא און צילען די גאנצע ענערגיע צו זיין תורה, וואָס ווערט אוים טעאָריע, נאָר גיסט זיך אריין מיט קראפט אין לעבען אריין און ווערט ווירקליכקייט, פראָדוקטיווע רעאַליטעט.

זאָל עס אָבער דאָ באלד געזאָגט ווערען, און עס וועט ניט זיין אויסערן וועג, אז אין דעם באשייד פון אָט דעם פערזענליכען, אזוי צו זאָגען, מאָמענט, אָדער אויב איהר ווילט, רופט עס סוד, ליגט איינגעוויקעלט מעהר מאטעריאל, ליכט און אויפקלערענדער מאטעריאל פאר דער פארשטענדעניס פון אזא פערזענליכקייט ווי אחד־העם איז געווען, ווי אין אנדערע פראגען. און נאָך מעהר — ווייל קיינער האָט זיך גאָר ניט געכאַפּט צו אָט דער פראבלעם, אָדער גאָר ווענינע האָבען זיך אריינגעטראַכט אין איהר טיעפקייט, מוז מען קומען צום שלום, און מיר וועלען לגמרי ניט זיין ווייט פון אמת, אז די גייסטיגע געשטאלט אחד־העם׳ס, זיין „איך", איז נאָך אלץ, ביז היינט צו טאָג ניט באנומען געוואָרען ווי געהעריג איז און אז זעהר ווענינ האָבען אפילו געעפענט צייטווייליג דאָס טירעל צום דענקער׳ס נשמה, הן

ווי זי שפיגעלט זיך אָפּ אין זיינע ווערק וואָס זענען אריינגענומען געוואָרען אינ׳ם אוצר פון דער העברעאישער ליטעראַטור, און הן ווי זי שטראַלט ארויס פאר׳ן טיפערען מענשען, פון דעם ניט־געשאַפענעם אָדער ניט־דערשאַפענעם פסיכישען „שטאָף“, וואָס איז בלי ספק פארבליבען אינעווענינ; און זיכער איז מעהר געבליבען אין אחד־העם׳ס נשמה ניט דערשאפען, ניט פארענדיגט, שוין צוליב דעם אליין וואָס עס איז קלאָהר פאר יעדען איינעם, אז זיין גייסטיגען בנין האָט ער ניט באוויזען פולשטענדיג אויפצושטעלען. ערגיץ־וואו האָט זיך זיין נשמה אָפּגעשטעלט, פארהאקט אויף איהר אנט־וויקלונגס־וועג, און האָט ווייטער קוים געקאָנט אָנהאַלטען איהר גאנג.

אחד־העם האָט געהערט, ווי באוואוסט, צו דער פאזיטיוויסטישער שול אין דער פילאָזאָפיע. אויסער דעם וואָס ער איז געווען שטארק באווירקט פון דער העלדען־פארעהרונג פון א טהאמאס קארלאיל, איז ער געשטאנען דירעקט אונטער דער השפּעה פון אוגוסט קאָונט, דזשאָן סטיוארט מיל און דארווין. קיין וואונדער ניט! די סטרוק־טור פון זיין נשמה איז געווען א מעהר שכל־מעסיגע, ווי עמאָציאָנעלע. ארויסגעקומען פון א תלמיד חכם׳שער סביבה, ווערענדיג דערצויגען אויפ׳ן תלמוד, האָט איהם געצויגען צו יענע לערעס, וואָס זיינען געבויט אויף דעם פראקטישען צוגאנג צום לעבען. די צייט איז געווען, ווידער, אזא, וואָס האָט איהם ניט געגעבען קיין אנדער אויס־וועג. פראקטישע וויסענשאַפטליכקייט האָט געהערשט איבעראל. אויף דער אידישער גאס האָט די השכלה גערופען צו וועלטליכקייט און מענשליכקייט, צו אוטיליטאריסטישע אידעען פון צוועקמעסיגקייט און דערפאהרענער אויסגעהאלטענקייט. גאָר קיין חידוש ניט וואָס אחד־העם איז געווען נוטה, אנשטאט צו די גרויסע דייטשע דיינקער, ווי קאַנט, העגעל, פיכטע, אלע ווי איינער בויער פון טעאָריעס, וואָס שטעהען במעט דרויסען פון דער דערפארונג, צו די ענגלישע דענקער, וועלכע האָבען זיך געהאלטען נאָהענט צו דער ווירקליכקייט. זייער קוק אויף דער וועלט איז געווען צוגעפאסט צו אחד־העם׳ס אנטוויקעלטען מוח, תלמוד־מוח, וואָלט מען געדארפט זאָגען.

אויגוסט קאָונט׳ס פילאָזאָפיע, דער פאזיטיוויזם, ווי ער ווערט גערופען, וועט ניט זיין איבעריג אָנצואווייזען אין קורצען, באצייכענט אין זיך יענע שולע אין דיינקען וואָס שליסט אויס מעטאפיזישע

ספעקולאציעס און שטעלט אוועק די געדאנקען־וועלט אויף א וויסענ־שאפטליכען גרונד. אלעס וואס איז ספעקולאטיוו, אומבאוויזען אינ־דוקטיוו, דער שלום פון וועלכען קומט ניט ארויס דירעקט מן הפרט אל הכלל, ווערט אויסגעשלאסען פון פאזיטיוויזם. דער סאמע ענד־ציל פון פאזיטיוויזם איז צו ברענגען דאס גאנצע מענשליכע דיינקען צו דער העכסטער זיכערקייט אזוי צו זאגען, צו גענויאיגער, מאטע־מאטיש־פינקטליכער באשטימטקייט. לויט אט דעם אויסגאנג־פונקט ווערט דער מענשליכער אנטוויקלונגס־פראצעס איינגעטיילט אין דריי שטופען, איינער אונטער דער אנדערער. די וועלט, אין איהר גאנג, ווערט צוטיילט אין דריי שיכטען: די סאמע נידריגסטע איז די טעאלאגישע, די צווייטע — די מעטאפיזישע, די דריטע, און סאמע העכסטע, די פאזיטיוויסטישע. פריהער האט דער מענשליכער מוח געזעהן געטער אין אלע דערשיינונגען. דערנאך איז ער אריבער־געגאנגען צו דער מעטאפיזישער שטופע ווען בעהאלטענע כוחות און עסענצען זענען באטראכט געווארען אלס די יסודות פון דער נאטור, פון לעבען און דענקען. צולעצט האט דער מענשליכער פארשטאנד דערגרייכט די שטופע פון פאזיוויטיזם, וואס באשרייבט די פאקטען ווי זיי זיינען און לאזט ניט צו קיין ספעקולאטיווע טעא־ריעס, וואס ווילען ארומרינגלען די פאקטען און זיי, ווי מען זאגט, צונויפבינדען אין איין קנויל, סיסטעמאטיזירען דורך וועניגע פרינ־ציפען און כללים. די סאמע גרעסטע אויפגאבע איז צונויפקלייבען וואס מעהר פאקטען, זיי קלאסיפיצירען; ספעקולירען אויפ׳ן חשבון פון די נאך־ניט אנגעזאמעלטע פאקטען איז שטרענג פארבאטען, ניט וויסענשאפטליך און פארפירעריש, פאלש.

מיר זעהען אין אחד־העם׳ען דעם אויסגעפרעסטען שכל הער־שען ניט בלויז אין סטיל, נאר אויך אין אינהאלט. אין סטיל איז ער אריבערגעשטיגען אלע פריהערדיגע און ער איז געווארען דער שאפער פון דער מאדערנער העברעאישער פובליציסטיק. אין אינהאלט — האט ער געזוכט זיך צו האלטען ביי דער ערד, נאהענט צו דער רעאליטעט. ער איז צוגעגאנגען צום אידישען לעבען ווי א ספעציאליסט, ווי א כירורג, ווי א וויסענשאפטסמאן. אין אחד־העם׳ס וועלט שפילט די גרעסטע ראלע די לאגיק — דאס איז קלאהר. זיינע ארגומענטען זיינען אויסגעמאסטענע און אפגעוואויגענע. ער נעמט

אָן דעם פּרינציפּ פון סטיוארט מיל, אז דער גרונד געזעץ פון מענש־ליכען לעבען איז דער קאַמף פאר עקזיסטענץ אָדער דער ווילען צו לעבען. ניט בלויז ליגט דער דאָזיגער פּרינציפּ אונטער די דער־שיינונגען פון דער אָרגאַנישער נאַטור, נאָר אפילו דאָס געזעלשאַפט־ליכע לעבען ווערט רעגירט און דירעקטירט פון דעם פּרינציפּ. דאָס מאַטעריעלע לעבען שמועסט מען גאָר ניט, נאָר די איידעלסטע שאַ־פונגען זיינע, די סאַמע געקליבענסטע פּראָדוקטען פון גייסט, זיינען אונטערוואָרפען דעם פּרינציפּ און רינען פון איהם ארויס ווי די פיער טייכען פון גן עדן. איבערצייגונגען, מיינונגען, אינספּיראַציעס, העל־דישקייט און אָפּערוויליגקייט, שטרעבונגען, האָפענונגען, וויזיעס און אמביציעס — אלעס קומט און געהט אוועק צו אָט דעם פּרינציפּ, אונטער דער ממשלה פון ווילען און קאַמף פאר׳ן לעבען.

במילא ווערט אין אָט דער אנשויאונג איינגעשלאָסען טעאָ־רעטיש אויך די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק. פון סאַמע אָנהויב נעמט ער אָן לכתחילה, אז דאָס אידישע לעבען איז מן־הסתם א פּראָדוקט פון ניצליכקייט־פּרינציפּ אין מענשען און אין דער נאַטור. דער מענש, דער יחיד, איז, אין זיין לעבען און קאַמף א פּראָדוקט פון דער נאַטור, און די נאַציע איז ניט אנדערש. אויך זי וויל זיך דערהאַלטען ביים לעבען,ווארים אין מה שבכלל אלא מה שבפרט. ווי באַלד דער מענש איז ניט אויסגעטיילט פון דער נאַטור, און דער סאַמע פּרינציפּ פון אלעס איז דער אוטיליטאַריסטישער, די פּערזענ־ליכע באַפרידיגונג, אָדער די פּראַקטישע דעטערמינאַציע, איז דאָך ניטאָ קיין פּלאַץ און קיין יסוד פאר א נאַציאָנאַלען מהות, וואָס זאָל זיין אויסער די שטרענגע געזעצען פון פּראַקטישער אַנטוויקלונג. אלעס איז געזעצמעסיג. אורזאַך און עפעקט געהען געבונדען ווי מיט אייזערנע רייפען. די רעזולטאַטען זיינען ניט מעהר ווי אַן ארויסוויקלונג פון א געגעבענעם מאַטעריאַל, וואָס האַלט זיך אין אויסשפּרייטען און דערגאַנצען. דער קאַמף פאר עקזיסטענץ, די זעלבסט דערהאַלטונג פונקציע פון כלל, וויל אחד־העם דערהויבען צו א דערקלערונג פאר דער עקזיסטענץ פון זיין פאָלק, אין איינקלאַנג מיט דער פּראַקטישער וועלט־אנשויאונג.

אָבער אריינטראַכטענדיג זיך טיפער וויקעלט זיך אויף די רע־טעניש, און עס ווערט געשאַפען דער „על פרשת דרכים״. די וועגען

הויבען אָן זיך צו צושיידען. קיין איין וועג איז שוין ניטאָ. אָט איז אן אויגען־שטעכענדער ווידערשפּרוך. א פאָלק האָט עקזיסטירט פאר עטליכע טויזענט יאָהר, אלס באזונדער פאָלק, אָהן דער מינדעסטער פּראקטישער מעגליכקייט. אוטיליטאריסטיש גערעדט, וואָלט זיכער געווען מעהר שכל׳דיג פאר אידען זיך אונטערצוגעבען דעם שרעקליכען דרוק פון דער דרויסענדיגער וועלט — טאָ, ווי זשע האָט דאָס דאָזיגע פאָלק געקאָנט עקזיסטירען, און נאָך דערצו אזוי שארף אָפּגעגרעניצט פון אנדערע פעלקער קולטורעל, סאָציאל, פּאָליטיש און אפילו עקאָנאָמיש, ווען אלע פּראקטישע אויסרעכענונגען און לעבענס פאקטאָרען האָבען דיקטירט דאָס פארקעהרטע? דערקלערט, למשל, די אידישע עקשנות. דעם נביאים־גייסט, און די אידישע עטיק און דעם משיח־געדאנק, מיט מאטעריעלע טערמינען! גיט א באשייד פאר דער גאנצער געשיכטליכער אנטוויקלונג פון אידען אויף דער וועלט־בינע אלס פאָלק צווישען פעלקער! אויב עס איז ניטאָ קיין מהות אויסער דעם פּראקטיש־מאטעריעלען, און אלעס איז לויט געזעצמעסיגע פּרינציפּען פון געשיכטליכער עוואָלוציע — ווי אזוי־זשע דערקלערט מען אָט די דאָזיגע דערשיינונג, וואָס שטעהט ארויס אלס איין־איינציגע פענאמען, אלס דערשיינונג אויסער די אלגעמיינע כללים פון דער געשיכטע?

אחד־העם געפינט דאָ דעם שווער־פּונקט אין זיין ביז־אהעריגער געדאנקען־וועלט. דער אידישער דענקער ווערט ערשט איצט געבאָרען. ער קומט צום אויסדרוק. אידישקייט און מענשליכקייט שטויסען זיך צוזאמען. זייער קריגערישע באגעגעניש איז געפעהרליך, און אין דענקער׳ס הארץ קומט פאָר א מלחמה. גייסט און מאטעריע זיינען ניט פון איין געוואנט געשניטען, און צוויי באזונדערע וועלטען קאָנען ניט דערקלערט ווערען מיט איין שטאנדפּונקט, ניט געמאָסטען ווערען מיט איין מאָס. די פּאזיטיוויסטישע אנשויאונג האָט ניט אזא מאכט איבער איהם. ער הויבט אָן צו בויגען זיין קאָפּ פאר יענע מהות׳ען אין אידענטום, וואָס קאָנען ניט באלויכטען ווערען מאטעריאליסטיש. אחד־העם כאפּט זיך ארויס, נאָך ביים אָנהויב פון זיין פּובליציסטישער קאריערע, מיט אזעלכע געדאנקען. ער ווייזט אָן, אז קיינער איז ניט מסוגל אָפּצוטיילען די אייגענשאַפטען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דערוואָרבען אין משך פון זיין

היסטאָרישען אנטוויקלונג־וועג, אין גלות, הייסט עס, פון יענע אייגענ־שאַפטען וואָס זענען געווען איינגעוואָרצעלט אין איהם פון פריהער. וואָס ווייטער טיילט ער זיך אָפּ פון זיין גייסטיגען וועלט־באַנעם. ער ווערט מעהר פאַרעהרער פון גייסט ווי פון מאַטעריע און קומט צום שלום ,אז דער „רוח היהדות” מוז פאַרשטאַנען ווערען אַלס אַן איי־ביגע סובסטאַנץ, ווי עטוואָס אייגענאַרטיגס און זעלבסטשטענדיגס, ווי אַן אויסדרוק פון אַ ספּעציפישען גייסט וואָס איז אפשר געביטען געוואָרען אויסערליך, דורך די לעבענס־באַדינגונגען, אָבער האָט גע־האָט אין זיך עטוואָס קערענדיגס, וואָס איז ניט געשאַפען געוואָרען פון דרויסענדיגע תנאים נאָר ארויסגעשטראָמט פון אייגענאַרטיגע, אינעווענינגסטע אבסאָלוטען. אזוי ארום מאַכט אחד־העם דורך אַ טראַנספאָרמאַציע פון גייסט. צוערשט איז ער אויפ׳ן באָדען פון דער השכלה, און די אינסטרומענטען מיט וועלכע ער אַפּערירט אינער־ליך זיינען פון דער צייט גענומענע, פון די אומשטענדען געגעבענע. זיין סביבה, זיין צוגאַנג איז אַ תלמודישער, אַ לאָגישער, אָבער, עס איז ניט קלאָהר, ניט אַלעס לאָזט זיך דערקלעהרען מיט לאָגיק. עס בלייבען זאַכען און געשעהענישען, פאַר וועלכע דו בלייבסט שטעהען אַ פאַרגאַפטער, אַ דערשטוינטער. אמת, אפילו דעמאָלט ניט אחד־העם ניט אויף דעם שלטון השכל. ער איז לאָגיש דורכאויס. אָט־די קוואַליפיקאַציע, וואָס זיין כאַראַקטער האָט אויף איהם ארויפגעלייגט, בלייבט אַלץ. ער זוכט, אומבאַוואוסט צו זיך אַליין, דעם וויסענ־שאַפטליכען צירקעל, וואָס רינגעלט ארום די געהיימע און אייביגע קראַפט וואָס טראָגט דעם נאָמען „יהדות”. ער בויט אויף די טעאָריע פון „גייסטיגען צענטער” אָט ווי לעבען און גייסט זאָלען נאָך אַלץ זיין אונטערוואָרפען די געזעצען פון רוים, די פאָרמולעס פון געאָמעט־ריע. אָבער ער נעמט איצט שוין אין דערזעלבער צייט אויף די געשטאַלטען פון דעם גרויסען אמאָל. ער זעהט דעם נביא און — טייטשט אויס דעם כהן. ער רעדט וועגען גייסטיגער פאַרשקלאַפונג. ער ווערט דער דענקער פאַר זיין פאָלק.

די פּראָבלעם וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איהם איז געווען: די נייע צייט. געווען אַ אידיש לעבען אָפּגעזונדערט אין דער געטאָ, האָט עס געהאַט זיין אייגען פּרצוף־פּנים. די דרויסענדיגע וועלט האָט געהאַט ווייניג איינפלוס אויף אָט־דער אָפּגעזונדערטער וועלט,

וואו די אידישע עטיק — די באזונדער נאציאָנאַלע עטיק — האָט זיך געלעבט איהר אייגען לעבען. אָבער די אָפּגעזונדערטקייט איז שוין מעהר ניטאָ. וואָס מעהר ווערט די וועלט באַלויכטען פון אויפקלערונג און בילדונג, און אחד־העם איז דאָך זיכער א זוהן פון דער השכלה עפּאָכע ווען מען האָט שטארק געגלויבט אין אויפקלערונג, ניט בלויז אלס צוקונפטיגער דערלייזונג־מאָמענט נאָר אלס באַלדיגער. די נעגאַטיווע זייט פון גלות, דווקא די צרות און רדיפות האָבען אפשר געקאָנט צוהעלפען אין דעם פּראָצעס פון אויפהאַלטען דאָס פאָלק אלס אייגענארטיג וועזען, אָבער וואָס וועט געשעהן, ווען דאָס אלעס וועט געביטען ווערען? וועט די אידישע אייגענארט קאָנען אויך דעמאָלט אויסהאלטען? מוז מען שאַפען, נאַטירליכערווייז, די נויטיגע באַדינגונגען פאר דעם אויפהאַלט פון פאָלק, און פונקט ווי דער צענטער איז דער פונקט, דער אבסאלוט, ארום וועלכען אלע פונקטען פון דער פעריפעריע און פון דעם שטח צווישען, ציהען זיך און צוטיילען זיך, אזוי ווערט א גייסטיגער צענטער געשאַפען פאר דער נאציאָנאַלער אידישער נשמה, און דווקא אינ׳ם לאַנד וואו דער אָריגינאַל, דער סאַמע מהות, האָט געהאַט זיין געבורט און האָט זיך אויסגעוויקעלט צו דער העכסטער שטופע. מען דאַרף אזוי ארום גיבען דעם גייסט די מעגליכקייטען און באַדינגונגען ער זאָל זיך קענען אנטוויקלען און וואַקסען ווייטער לויט דער גע־שיכטליכער צוועקמעסיגקייט זיינער. אָט אזוי פורעמט אויס אחד־העם זיין אידיש־פּובליציסטישע לעבענס־פילאָזאָפיע, זיין בליק אויפ׳ן אידישען פאָלק.

פון דאַנען קומט עס, אז אחד־העם האָט ניט געזוכט קיין לייזונג צום אידישען פּראָבלעם, נאָר — געדענקט! — צום אידישקייט פּראָבלעם. ארץ ישראל וועט ניט, קאָן ניט, לייזען די אידען־פראַגע. צו קאָנצענטרירען דאָס אידישע פאָלק אין ארץ ישראל — שרייבט אחד־העם — מוזען מיר מודה זיין איז א זאַך וואָס איז אומנאַ־טירליך, למעלה מן הטבע. בדרך הטבע קאָן זיין, אז ווען ניט איז וועלען מיר גרינדען א אידישע מדינה. ס׳איז מעגליך אז אידען וועלען זיך דאָרט מערען און שטארקען ביז דאָס גאַנצע לאַנד וועט פון זיי פול ווערען, אָבער אויך דעמאָלט וועט דער רוב פון אידישען פאָלק זיין צוזייט און צושפּרייט אין דער פרעמד, און צונויפקליי־

בען אונזערע פארשטויסענע פון ארבע פנות העולם איז אונמעגליך, דאָס קאָן צוזאַגען נאָר די רעליגיע דורך מעשי נסים (מדינת היהודים וצרת היהודים על פרשת דרכים ב׳). דאָס פאָלק, שרייבט אחד־העם, זעהט ניט אין ציוניזם א וועג אויסגעלייזט צו ווערען מאטעריעל, ווייל אזא וועג איז ניטאָ. אָהן אזא צענטער אין ארץ ישראל, פון וואנען דער גייסט וועט קענען משפיע זיין אויף די אנדערע טיילען פון פאָלק, וואָס זענען צגוישען די פעלקער, וועט דער אידישער גייסט אומקומען אונטער דער מעכטיגער השפעה פון די אנדערע קולטור־רען. דער גייסט פון אידענטום וועט אומפארמיידליך פארלירען זיין אייגענארט און זיין שאפונג־כוח וועט אויסגעטריקענט ווערען. דער גייסט האָט טאקע די אויבערהאנט איבערן חומר, איבער דער מאַ־טעריע, אָבער שטארקערע פעלקער מיט אייגענארטיגע נאציאָנאַלע גייסטער, וועלען גובר זיין דעם רוח היהדות, ווען ער וועט ניט האָבען קיין צענטער פון וועלכען די פעריפעריע וועט קריגען השפעה.

אָט דאָ ליגט דער גאנצער געדאנקען־גאנג פון אחד־העם. דערמיט איז ער א נאציאָנאַלער איד, ניט בלויז א בירגער אין דער רעפובליק פון דענקען. ער האָט אָנגעווענדט זיין גאנצען גייסטיגען באגאזש, זיין אינטעלעקט און זיין וויסען, זיין אוצר פון געדאנקען, וואָס ער האָט דערארבערט אין פילאזאָפישע שולעס פון דער וועלט, זיין גע־שליפענע לאָגיק, אויסצופורעמען א געדאנקען־באזיס פאר זיין דור, און אין דער קלאָרסטער, געוואויגענער שפראך, אינ׳ם סטיל פון קריסטאל־ריינקייט, אין א צייט, ווען עס האָט געהערשט א ערבוביה, א ערבוב־לשונות און צומישונג פון געדאנקען, אין דער צייט ווען די השכלה־עפּאָכע האָט געהאלטען ביי זון־אונטערגאנג און עס האָט געדארפט געבאָרען ווערען דער נייער נאציאנאלער געדאנק — דער פּאָליטישער ציוניזם.

אָט אויף דעם בנין האָט אחד העם געארבעט ביז 1908 און איהם מעהר אָדער ווייניגער פארענדיגט. ער האָט געהאט אויסגע־פורעמט דעם סקעלעט און אויסגעפילט מיט ליים די ווענט. אָבער ער איז געווען מעהר דענקער ווי פובליציסט, און זיינע מאמרים האָבען איהם ניט צופרידענגעשטעלט. קיין גאנצען וועלט־באנעם אלס מענש האָבען זיי ניט געגעבען, הגם זיי האָבען געגעבען דעם דור אַן אויסקוק, א האפען פון וואנען אָפּצושווימען. אלס דענקע־

איז אחד העם געווען אונטער דער ווירקונג פון די גרויסע פילאזאָ־פישע שולעס פון 19־טען יאהרהונדערט, ווען יעדער אָריגינעלער און גרויסער דיינקער האָט אויסגעבויט א בנין פאר א וועלט־באַנעם, א גאַנצען. ניט בלויז דעם האריזאנט פון אייגענעם פאָלק, האָט אַן אמת׳ער פילאזאָף געדאַרפט גיבען, נאָר א קאָנצעפּציע וואָס זאָל גיבען א שטאַנדפּונקט פאר דער מענשהייט, און אין דער הינזיכט איז אחד העם געווען שוואך. דאָ, קומענדיג צו וועלט, צו די אייביגע פראגען פון מענש, איז ער געבליבען א תלמיד ניט קיין רבי. פארן אידישען דור איז ער דערקלערט געוואָרען אלס שטערן פון דער ערשטער גרויס. ביי זיך, אינעווייניג, האָט ער אָבער געוואוסט, אז ער וואוינט אין א געליהענער הויז, אין דער ריכטונג אָדער לויט דער שיטה, אָבער א דרויסענדיגע, א פרעמדע. די אנדערע פראגען וועגען צייט און רוים, גייסט און מאטעריע, למשל, אייביגער סובסטאנץ און דרויסענדיגע ווירקונגען, אורזאכען און עפעקטען, און אנדערע, האָט ער ניט באַרירט.

גענויער געזאָגט: אחד העם איז אין די אלע יאָהרען פון זיין שאפונגס־פּראָצעס געבליבען בלויז א פּובליציסט, אויפ׳ן בעסטען אופן א אידישער דיינקער, אָדער א דיינקער איבער אידישע פּראבלע־מען — אוניווערסאל געזאָגט, אלס וועלט־דיינקער איז ער געבליבען דרויסען, און האָט אין פּאלאַץ ניט געקאָנט אריין. דעריבער טאַקע זעהען מיר אים זיך פאַרפּלען בלויז מיט אידישע פּראבלעמען, ניט באַרירענדיג קיין אנדערע פראגען. די פראגע פון מאטעריאליזם ווערזוס אידעאליזם, די אנדערע פראגען פון דער פילאזאָפיע, זענען ניט אריינגעקומען אינ׳ם סכום פון זיין לעבענס־ארבעט. ער האָט דערוואַרט, ווען עס איז צוצוקומען צו זיי. ער האָט בלויז אויפ־געשריבען דעם צירקעל ארום דעם אידישען וועלטל, און די אלגע־מיינע האָריזאָנטען ניט באַרירט. אָבער, ווי עס שיינט, האָט ער די האָריזאָנטען ניט געהאַט קיין כוח צו דערלאַנגען. ער האָט מורא געהאַט פאר זיי. דעריבער טאַקע איז ער ניט ארויסגעטראָטען פון תחום. ער האָט אויך ניט געוואָלט דערווייזען ווי אזוי זיינע אידעען שטימען אָדער שטימען ניט איין מיט די אָדער יענע פילאזאָפישע שיטות. ער האָט בלויז געוועבט א אידישען פּאָדים, און דער געוועב איז געווען א שיינער. ער האָט אויפ׳ן דור איבערגעלאָזט א שטאַרקען

רושם, אָבער ער האָט פאר איהם ניט געשאפען קיין וועלט־מענש־בילד, ווי אנדערע גרויסע דיינקער האָבען עס געטאָן, נאָר א איד־וועלט בילד, אָדער בעסער און קלאָהרער: א אידיש וועלט־בילד . . .

אונזער וועג צו פארשטעהן אחד העם'ן איז געגאנגען, ווי יעדער קאָן עס אליין מערקען, דורך צוויי קארידאָרען — דער ערשטער קארידאָר דער תלמוד, די תורה, דער אידישער תלמיד־חכמיזם. דער צווייטער קארידאָר — דורך דער פילאזאָפישער, ווי־סענשאפטליכער שול־סיסטעם פון לאָגיק און טעאָרעטיק. מיר זענען ארויסגעגאנגען דורך דער לענג פון די צוויי קארידאָרען פשוט דערפאר, ווייל אָט אזוי איז געווען די אנטוויקלונג פון גרויסען דיינקער'ס נשמה. אחד העם איז געווען פונקט דאָס פארקעהרטע פון חסיד, הגם ער איז אויסגעוואקסען אין סקווירע, וואו די רביאים האָבען געהאט אן אליין־הערשענדיגען ווירקונגס־קרייז. אָבער עס איז מערק־ווירדיג, אז דאָס חסידות פון סקווירע האָט זיך אויסגעטיילט מיט דערהויבען די ווערדע פון לערנען, פון שארפען מוח, איבער דעם געפיהל. צווישען די סקווירער רביאים האָט מען שטארק געהאלטען פון דעם תלמיד חכם. און דער דיין פון סקווירע האָט געהאט אימ־פעריאליסטישע מאכט, קאָן מען זאָגען. דאָס איז געווען כאראק־טעריסטיש פאר סקווירע. די אייניקלעך, רבי יצחק'ל סקווירער'ס, זענען אלע ביז איינעם געווען קודם כל גרויסע למדנים און מען האָט געלערנט אזוי התלהבות'דיג ווי די אנדערע חסידים פלעגען דאווענען. דאָס איז געווען א תורה־לערנען מתוך שמחה. עס איז געווען אין אנדערע ווערטער, א לערנען דורך לאָגיק, דורך הויבע מוח־בערג, און די ווירקונג איז געווען צו מערקען אין אחד העמ'ן זיין גאנץ לעבען.

דעריבער טאקע זעהט איהר דעם קאלטסטען שכל, און די קלאָהרקייט פון דער לאָגיק, אין אחד העם'ס ווערק. עס איז דאָ די געאָמעטרישע ארויספאָלגונג פון געדאנק, די קריטיק פון געדאנק מיט'ן סילאגיזם; לייגען זיך אוים די פאקטען ווי געמאָסטענער מא־טעריאל פאר א בנין, ווערען זיי אָפגעוואויגען און אויסגעמאָסטען און אנאליזירט און דערנאָך ערשט ווערען זיי קלאסיפיצירט און פארבונדען.

אָט פון דאנען קאָנט איהר קומען צום צווייטען קארידאָר.

וואוהין אחד העם האָט דערגרייכט אויף זיין וועג. דאָ איז ער געקומען צו בענטאם׳ס אוטיליטאריזם, און צו זיין נאָכפאָלגער דזשאָן סטיוארט מיל. די עטיק ווערט געבויט אויפ׳ן פרינציפּ פון ניצליכקייט. גוט מיינט דאָס וואָס איז נוציג. שלעכט — דאָס וואָס ברענגט שאדען. דאָס איז דער קריטעריום. א מענש שטרעבט צו דעם וואָס ברענגט נוץ און מיידט אוים דאָס וואָס ברענגט שאדען. דער העדאָניזם ווי דער אפּיקורעניזם האָט געגלויבט אז מעהר נוצען מיינט מעהר הנאה, פּערזענליכער פארגעניגען. אבער בענטאם און סטיוארט מיל, אזוי גוט ווי הערבערט ספּענסער, האלטען ניט דערפון. זיי האלטען אז דער אמת׳ער אוטיליטאריזם איז דער וואָס איז פארבונדען מיט אלטרואיזם, מיט׳ן גליק פון דער גאנצער געזעלשאפט. א מענש וואָס איז אן עגאָאיסט, און רעכענט זיך ניט מיט׳ן נוצען פון אנדערע, איז אומגליקליך. פארקעהרט — דאָס העכסטע גליק איז צו זיין א גליקליכער צווישען גליקליכע. און דעמאָלט איז דער אוטילי־טארישער עגאָאיסט א קלוג און אויסגערעכענטער אלטרואיסט, מענ־שען־פריינד, ווייל אלעס טוט ער פאר זיך גופא, און פון דעם שלא לשמה קומט מען לשמה. דער מענש ווערט טאקע אזוי ארום ווערען העכער, דערהויבענער, שענער און איידעלער.

אין דער שולע האָט ער שוין במילא געמוזט זיך אָנשטויסען אָן דער וויסענשאפטליכער באטראכטונג פון דער וועלט, אָן דער פּאזיטיוויסטישער לעהרע, אז אלעס מוז לאָגיש זיין, אינדוקטיוו באַ־וויזען, און ניט ספּעקולאטיוו און אז קיין ריין־גייסטיגע מהות׳ן זיינען ניטאָ.ביידע רעפּובליקען האָבען זיך אזוי ארום געקאָנט פאר־אייניגען אין אחד העם׳ען. אָבער ניט אויף לאנג. ווארים אין עצם זענען זיי ניט איינס און ניט דאָס זעלביגע. די אידישע עטיק און מאָראל, ווי באגרינדעט אויפ׳ן שכל זי זאָל ניט זיין, ווי תלמוד־מעסיג, דאָס הייסט, הלל׳יש זי זאָל ניט זיין — האָט ניט קיין גאנצקייט, ווען זי ווערט דערקלערט מיט ריין־נוצליכקייט באגריפען. די גרויסע עקזעמפּלארען וואָס די אידישע עטיק האָט ארויסגעשטעלט אלס פּראָטאָטיפּען פון עהרליכקייט, קדושה, מענשליכקייט, גערעכטיגקייט און אידישקייט, קאָנען בשום אופן ניט איינגעקאָוועט ווערען אין די אייזערנע קייטען פון דער לאָגיק, אוודאי ניט אין דער ניצליכקייט־טעאָריע פון א בענטאם. און אחד העם טאקע, ווען ער געהט דורך

ביידע קארידאָרען און דארף שאפען זיין אידישע וועלט־אנשויאונג, וועגט זיין אידישע נשמה אריבער און עס קומט ארויס ניט דאָס וואָס זיינע וועגווייזער אין דער פילאזאָפיע האָבען איהם דערלויבט.

וואָלט, אָבער, אחד העם, לויט זיין בארוף, געקאָנט ארויסגעהן פון דעם קארידאָר און אריינפיהרען זיין דור אין דעם סאמע פרדס פון אידענטום, ווייזען איהם דעם גרויסען שיינעם פאלאץ, ווי דער רמב״ם האָט דאָס געטאָן אין 12־טען יאהרהונדערט וואָלט ער גע־האט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין אונזער דור, ער וואָלט געוואָרען דער רבי משה בן מיימון פון 19־טען יאהרהונדערט. אָבער אחד העם׳ען האָט געפעהלט די גרויס פון א ערשט־קלאסיגען דיינקע־. ער איז געווען און געבליבען פובליציסט. ער האָט ניט געקאָנט פארדייען דעם גאנצען מאטעריאל פון זיין דור, צונויפפיהרען איין שולע פון אלע שולען און אויספורעמען דעם בנין פון אידישער גאנצ־קייט, אונטערציהען א סך הכל. עס האָט איהם געפעהלט קאנטישער אָטעם.

וואָס זשע האָט אחד העם יאָ אויפגעטאָן? אין וואָס באשטעהט זיין אמת׳ער פארדינסט?

אחד העם האָט צוויי גרויסע פארדינסטען פאר אונזער דור:

1. די דערהויבונג פון פובליציסטישען וואָרט;
2. דער טראָפ־שטעל אויף דער נויטיגקייט פון א צענטראלען פונקט פאר׳ן אידישען גייסט אלס געגענזאץ צו דער צוזייטקייט.

אלס פובליציסט האָט אחד העם אויפגעהויבען דאָס וואָרט צו דער הויך פון א קריטעריום און אָנגעוויזען, אז ניט געקוקט דערויף וואָס ער גופא האָט ניט דערגרייכט קיין שלימות אויף דעם געביט, דארף ערשט דער אוצר היהדות, די ענציקלאָפעדיע (ניט קיין זאמעלבוך פאר אינפאָרמאציע), די ארומצירקלונג פון אידישען גייסט, דורכגע־פיהרט ווערען. אויפהויבענדיג די ווערדע פון פובליציסטישען וואָרט, דורך קלאָהרקייט און לאָגיק, האָט ער אונז געזאָגט, אז די זוכער דארפען ווארטען פאר׳ן גרויסען ענציקלאָפעדיסט, דעם אמת׳ן מחדש, וועלכער קאָן גיבען די קומענדיגע דורות א זין פון שלימות, וואָס איז כולל אין זיך דעם חשבון פון אלע דורות און דעם באזיס פאר א ווייטערדיגען גרויסען חשבון.

די נויטיגקייט פון א צענטראלען פונקט מיט א ברייטען וויר־

קונגס־קרייז אין דער וועלט איז אויך באוויזען געוואָרען דורך די גייסטיגע שטרעמונגען וואָס נעמט איצט אַרום דאָס אידישע לעבען דורך ארץ ישראל. מעגליך, אז אחד העם האָט ניט געזעהן דעם אויפקום פון דעם חלוציזם און פון די סאציאלע עקספּערימענטען אין ארץ ישראל, אבער זייער ווירקונג, ווי שטראָמען פון איין צענטער זענען גוט באקאנט און זעהען זיך אָן אין דער אידישער וועלטל. אָבער מיר האָבען נאָך די גרויסע ירושה, די קולטור, וואָס דאַרף ערשט איינגעוועבט ווערען אין די גרויסע געוועבען פון דער מאָדערנער צייט, און בלויז אין אזא צענטר ווי ארץ ישראל שטעלט מיט זיך פאָר וועט מעגליך זיין צו דערגרייכען אָט דעם ציל. די וועלט קעמפט צו באפרייאונג, סאָציאל און עקאָנאָמיש, צו דער אנטגילטיגער באפריי־אונג ביז צום העכסטען אידעאל פון דער משיח־אידעע און דאָס אידענטום אלס אזעלכעס, יהדות אין זיין איידעלסטער פאָרם, האָט איהר וואָרט צו זאָגען . . .

ווען עס וועט געגעבען ווערען דער ענטפער, דער איין־אייג־ציגער אויף דער פראגע, ליגט אין בויך פון דער צייט.

אמעריקא איז די האָפנונג פון דער וועלט

אינ'ם קאמף פאר פרייהייט איז דאס דאָזיגע געבענשטע לאנד, געבענשט פון נאטור מיט אומאויסשעפּליכע רייכטימער און מיט א מענשען־ענערגיע און טעכניק, וואס פארבלאָסט די ציוויליזאציעס פון אלטערטום און פארבלענדט די אויגען פון דעם מאָדערנעם מענ־שען, גרונד־אויס אנדערש אוועקגעשטעלט ווי דער אייראָפּעאישער קאנטינענט. דארטען זיינען דאָ א סך פעלקער, איבער דרייסיג אין צאָל, וועלכע זיינען צונויפגעדריקט אויף איין שטח און וועמעס גורל איז ענג פארבונדען צוזאמען. וואו דו שטעלסט אוועק א פוס, איז א גרעניץ. צושניטען און צוריסען אויף שטיקער, איז אייראָפּא פאר־אומגליקט צוליב איהר ענגשאפט. דער מאדערנער וואוקס האָט אזוי פארדרענגט דעם אייראָפּעאישען מענשען, אז ער מוז זוכען טע־ריטאָריעס אויף אַנדערע קאנטינענטען, עקספּלואטירען אנדערע פעל־קער און ראסען, כדי זיך גופא צו רעהאביליטירען, שטיקען און דריקען דעם שכן, כדי זיך אביסעל גראמער צו מאכען. אזוי ארום האָבען מיר אזא קליין לאנד, ווי בעלגיע מיט טעריטאריעס אין אפ־ריקע און אזיע. פראנקרייך — אויסגעשפרייט מיט איהרע אינטע־רעסען אויפ'ן מזרח און אין מאראָקאָ, אזוי גוט ווי אין אזיע. ענג־לאנד שמועסט מען דאך ניט — זי איז דאָך פארשפרייט איבער שבעה ימים. און אפילו איטאליע, אונטער מוסאליני'ס קנאפעל, פאדערט א „ווינקעל אונטער דער זון", ווי דער דיקטאטאָר האָט זיך ניט איינ־מאָל אויסגעדריקט. אייראָפּא איז אינ'ם צושטאנד פון אימפעריא־לער אויסשפרייטונג. איינינע לענדער — ענגלאנד, פראנקרייך, בעל־גיע, האָלאנד — ווילען אויפהאלטען דעם „סטאטוס קוואָ", דעם צו־שטאנד ווי ער איז, כדי זיי זאלען ניט פארלירען זייערע ביז־איצ־טיגע דערגאבערונגען, און אנדערע (איטאליע און דייטשלאנד) ווילען קריגען טעריטאריעס. איטאליע האט דאס טאקע געטאָן — אין אַביסיניע. היטלער פאָדערט דעם אומקעהר פון אמאָליגע דייטשע קאָלאָניעס געהענדיג א שריט ווייטער אין דער פאליטיק פון עקס־פאנסיע. פריהער אפּגענומען די געביטען אין אייראָפּא גופא, וואס

האָבען זיך געפונען אונטער אויסלענדישער יוריסדיקציע, דאס סאאר־געגענד און אנדערע. איצט קוקט ער שוין אויף אפריקא, אזיע, און אפשר ערגעץ אנדערש וואו אויך.

צווישען דיביידע לאַגערען — די „סטאטוס קוואָ”־לענדער, מיט טעריטאָריעס און קאָלאָניעס אויף אנדערע קאנטינענטען, און די אנ־דערע וואס שטרעבען צו אימפעריאלער מאכט און אויסשפרייטונג— קומט איצט פאָר א גרויסער שטרייט, און איירָאפּא איז דאס שלאכט פעלד, דער קעסל־גרוב. דא בריהט זיך אוים די קינפטיגע מלחמה־ די וועלט־מלחמה, וואס ווען זי זאל קומען האט זי איהרע ווארצלען שוין געהאט אין דעם ראַסען־אנטאגאניזם, אין דער נאציאנאליסטי־שער שנאה־קנאה, אין דער עקאָנאָמישער קאנקורענץ צווישען פעל־קער — און נאָך מעהר ווי אין אלעס אין דעם אריעריזם און אין דער פילאָזאָפיע פון מאכט און צוואנג, וואס דער מאדערנער פאשיזם האָט אויפגעשטעלט.

גראד דארף מען צוגעבען, און טאַקע באטאָנען, אז דער פאשיזם, ווי ער איז בעצם, אין זיין סובסטאַנץ, אין גרונד, איז כלל ניט ניי. ווען מען געהט דורך די געשיכטע אין איהר גאנצען לויף זעהט מען אז דער מאכט־פּסיכאָז צווישען פאלק און פאלק, איז זיכער ניט אזא נאַיווע דערשיינונג, און לחלוטין ניט קיין מאדערנע. אינ׳ם מענשען, אפילו דעם קולטור־העכערען טיף און מאראליש פארפיי־נערטען לעבט, ווי עס שיינט, אט דער אומווירדיגער דראַנג. די סעמ־מיטישע ראַסע, אפילו די פעלקער, און זיי זיינען געצעהלטע, וועלכע זענען גראדועל געשטיגען צו אַ הויך־מאָראלישער שטופע און געוואָ־רען עקספּאנאַנטען פון פרידען, האָט געהאַט איהרע ראנגלענישען, און דער קאָאפּעראטיווער גייסט קעמפט פאר זיין עקזיסטענץ געגען דעם קריגערישען, אגרעסיווען דראַנג. בפרט נאָך ביי די פעלקער וועל־כע זיינען, אין זייער נאציאנאלער פּסיכיק, אויפגעצויגען געוואָרען אויף דער שווערד און זיינען זיך מתקנא אין יענע פעלקער, וועלכע זיינען היינט צו טאג הערשער און באהערשער. די העכסטע שטופע אין דעם פּסיכאָז האָט דערגרייכט דאס דייטשע פאָלק, און נאָך דעם— די איטאליענער. זיי זיינען היינט צו טאג די טרעגער פון „מאכט דורך בלוט” און באהערשונג — דורך טויט און קריג. זיי האלטען אפילו, אז זיי זיינען בארעכטיגט דערצו, און ווען א מלחמה וועט

אויסברעכען וועט עס זיין לשם דער צוברעכונג פון יענע פעלקער, וועלכע האבען קאלאניאלע באַזיצונגען איבערצולאָזען אלס ירושה.

אמעריקא האָט ניט און קאן ניט האבען אזא אמביציע. איהר גאנצער שטייגער לעבען איז אוועקגעשטעלט אויף איהר אייגענעם רייכטום, און זי איז רייך געגוג. עס איז ניט בלויז דאס רייכטום אין גאָלד — אמעריקא באַזיצט איצט אַרום 45 פּראָצענט פון'ם גאָלד רייכטום פון דער וועלט: — דאָס אויך, אבער מעהר ווי דאס רע־כענט זיך איהר ווירטשאפטליכע עשירות אין איהר דעמאָקראַטישען שטייגער פון לעבען. פון דאנען קומט טאקע, וואָס נאָך אין סאמע אָנהויב פון איהר אונאבהענגיגקייט, האָט דער פאָטער פון דער רע־פּובליק, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, שטרענג פאַרזאָגט געגען זיך אריינ־מישען אין אייראָפּעאישע קאמפּליקאציעס. מיט זיין געזונטען אמע־ריקאנישען חוש, האט וואַשינגטאָן געפונען דעם ריכטיגען וועג, אָפּגעזונדערט, דאך פאַראינטערעסירט, זיך אויסהיטען פון אריינ־פאלען אין די אפּגרונטען, דאָך ניט זיין אפּגעפרעמדט פון דער לאגע, פשוט דערפאר וואס עקאָנאָמיש, אויב ניט פּאָליטיש, איז דער אמערי־קאנער קאנטינענט פאַרבונדען מיט'ן אייראָפּעאישען.

אמעריקא איז נאָך אויסער דעם געוואָרען דער „רייכער פעטער". דאָ איז דער צענטער פון דער מאָדערנער פינאַנץ־סיסטעם, און באַר־ווייסע, נאַקעטע, און הונגעריגע לעגיאָנען קענען ניט געהן דערגאַבערן אפילו די אביסיניער, וועלכע זיינען „ניט ציוויליזירט". פאַר קאַ־נאָנען און ביקסען דאַרפען געשמידט ווערען שטיקער גאלד און גע־גאָסען ווערען מטבעות, און די אָרימע פעלקער פון אייראָפּא מוזען אָנקומען צו אמעריקא. איז עס טאקע די איראָניע פון שיקזאל וואָס דוקא די אמעריקא, וואס האָט אריינגענומען אין זיך די פליכטלינגע, און געוואָרען א מקום־מקלט פאר די אומצופרידענע אין דער אַלטער וועלט; דוקא דאָס לאַנד, וואס איז באַטראַכט געוואָרען פון אויבען אַרונטער, איז געוואָרען די האָפנונג פון די ליידענדע מאסען, פון איין זייט, און פון די מיליטאַריסטישע און מאַגנאַטישע כוחות אזוי גוט ווי רעאקציאָנערע, פון דער צווייטער זייט. מיט איין אונטער־שיעד, אָבער, און א זעהר וויכטיגען: — די רעאקציע קוקט אהער צו קענען אנפילען איהרע ליידיגע קאסעס מיט'ן שיינענדיגען מעטאל— גאלד פאר אמוניציע און מיליטערישע אוואנטורעס פאר דער דער־

דריקונג פון אנדערע, פאר דער פארפעסטונג פון דער לופט, פאר דער פארניכטונג פון צאפּעלדיג־מענשליך לעבען — קינדער, מענער, פרויען און זקנים הילפלאָזע, שוצלאָזע, ווי אין כינע, פאראומגליקטע, ווי אין שפאניע, און די ליידענדיגע מאסען פון אייראָפּא קוקען אהער, אז דא זאל דאס בעסטע אין מענשען רעוואָלטירען, אויפ־שטעהן געגען דער פינסטערניש. ביידע לאנגערן געפינען בארען און הילף. ווארים אמעריקא איז נאך ניט איינהייטליך. די אמעריקא, וואָס האָט איהר אורשפּרונג אין וואָל סטריט, די יאָגענדע־זיך נאָך גאלד און פּראָפיטען, ענטפערט אויף דעם פארלאנג פון דער רעאַק־ציע פון יענער זייט ים. געלט־טראנזאקציעס ווערען דורכגעפיהרט אויפ'ן קונציגסטען אופן — ווען די רעגירונג פון פאלק פאר'ן פאָלק וויל דאס ניט דערליידען, אהן דער סאנקציע פון געזעץ.

איז עס ניט א באוואוסטער פאקט, און א באשטעטיגטער, אז עס עקזיסטירט אן ענגע פארבינדונג צווישען די מאכטהאבער פון דער אלטער וועלט און דער נייער? און ווייסט דען ניט קינד און קייט, אז די אינטערנאציאנאלע באנקירען שטעהען אין קאנטאקט איינער מיט'ן אנדערען? יאָ, די רייכע אמעריקא, די הויך־פינאנסיסטישע, פיהרט אן איהר מאכט געגנוי און זיכער. פון דער אנדער זייט, איז דאָ די פרייע אמעריקא, די ארבייטענדע, די ליבעראלע, די פּראגרע־סיווע, און קולטורעלע, וועלכע איז גראד זעהר וואכזאם און לאזט זיך אויף לאנג ניט פארשיבען. עס איז דא פארט דער שטים־קאס־טען און דאָס פרייעווארט, וואס ווי שטארק מען זאל זיי ביידע ניט זוכען צו פארטומלען, העלפט עס קוים אויף א קורצע ווייל בלויז. סוף כל סוף רייסט זיך ארויס דער פרייער ווילען, ווי דאָס איז באַ־וויזען געווארען אין צייט פון קריזיס, דוקא ווען די פאלקס־מאסען זענען געווען אזוי נידערשלאָגען, אזוי דערדריקט עקאָנאָמיש.

ווארים — ווידער אמאָל — אמעריקא איז צו אימפעטיג און פריי געבויט און אויפגעבויט געווארען.

דער מענש דא איז אנגעפילט מיט צופיעל פרייהייט־אינהאלט און ער איז שטאָלץ אויף זיך, און אפגעזונדערט אין זיך, אז ער זאל אזוי לייכט אויפגעבען זיינע רעכט. און גראד דערמיט אליין איז ער א שניידענדער ביישפּיעל פאר אנדערע מענשען טיפען. אין אלע לענדער, חוץ נאטירליך די, וואס זיינען געקאָוועט אין דיקטאַטור־

קייטען, בענקען מענשען נאך עטוואס נייעס פון אמעריקא: זיי ווייסען אומעטום, אפילו דארטען, וואו דאס לעבען איז צענזורירט און געבונדען, אז עס איז דא איין גרויס, פריי לאנד, וואו מענשען לעבען אנדעריש און דוקא אונטער א דעמאקראטיע, הגם זייערע דיקטאטארען ווילען זיי איינשמועסען, אז דאס לאנד זייערס ווערט גליקליך, און זיי אליין זיינען געבענשטע, צוליב דער דיקטאטור. זיי זעהען באשיינפערליך — און א, ווי זיי וואלטען ערשט געזעהן! — אז דעמאקראטיע, וואס ווערט פארגעשטעלט אלס אפגעלעבטע, הילפלאזע, צורינצעלטע סיסטעם, איז נאך אינגאנצען ניט אזוי שלעכט.

פארוואס־זשע זאל אמעריקא ניט זיין די האפנונג פון דער וועלט?

ניט אומזיסט האט יענער גרויסער פראנצויזישער שטאאטסמאן, וועלכער האט אזא וויכטיגע ראלע געשפילט אין דער נאך־מלחמה פעריאדע, אריסטיד בריאן, גע'חלומט און טאקע אויסגעפלאנירט א מין „פאראייניגטע שטאאטען פון אייראפא" נאכ'ן מוסטער פון אמעריקא! . . . ער האט פארשטאנען אמעריקא'ס גרויסקייט און איהר שטארקייט און ער האט, ווייזט אויס, געזעהן די לייזונג פון אלע אייראפעאישע פראבלעמען, לכל הפחות, די קארדינאלע צווישןפעלקערליכע פראבלעמען, אין דער פארשמעלצונג פון אלערליי קולטורען און אין דעם צונויפגוס פון פארשידענע נאציעס; זאל עס טאקע זיין א פיעל־פארביג בילד, אבער דאך איין בילד — פאראייניגט און צונויפגעגאסען אין זיין הינטערגרונד און אין לאנדשאפט. עס איז נאך ווייט־ווייט די צייט, ווען אזעלכעס זאל קענען צו שטאנד קומען אין אייראפא. דער אלטער קאנטינענט איז אנגעגאסען מיט ווידערשפרוכען. דער כוס פון טרערען און דער קעסל פון בלוט זיינען נאך ניט איבערגעגאנגען, ווי עס שיינט, די ברעגען. מעגליך, אז נאך א צווייטער וועלט־מלחמה, וואס וועט זיכער קומען, וועט אפשר די דאזיגע ענדערונג אריינגעטראגען ווערען. אויב דער צוריקפאל פון אייראפא וועט ניט זיין דעמאלט צום סאמע דנא, צום סאמע אפגרונד פון פארניכטונג. איהר מוזט אבער באוואונדערען דעם אדלערבליק פון א בריאן און זיין באנעם אין אנבליק פון אייראפא'ס ליידען. ער האט געזעהן גאנץ קלאר, הגם זיין דור האט איהם ניט פארשטאנען. זיין פלאן איז ניט פארווירקליכט געווארען. אבער דער חלום האט געלעבט אין מיליאנען הערצער, באלד נאך דער וועלט־

מלחמה, ווען אלע לענדער כמעט זיינען אפגעגאנגען מיט בלוט און האָבען קוים געקאָנט קומען צו זיך.

נאטירליך, עס האט זיך אויסגעלאזט פון דעם א טייך. אלעס איז פארברענט געווארען אויפ'ן מזבח פון נאציאנאלע אמביציעס.

ענגלאנד, פראנקרייך, האבען דעמאלט פארגעסען דעם פשוט'ען כלל — אז וואס „צו" איז איבעריג. זיי האבען איבערגעכאפט די מאָס. זיי האבען דעם זיג — דורך טרערען און בלוט — געוואלט פארוואנדלען אין גאלדענע רענדלעך, און זיי האבען עס געבראכט צום לעבען נאצי־לאנד. זיי זיינען שולדיג היינט צו טאג פאר דעם פאשיזם, און גראד ניט דאס פאלק פון ענגלאנד, ניט די מאסען אין פראנקרייך, די פשוטע ארבייטער, די מענשען פון גאס, וועלכע האבען איין אמביציע: צו לעבען און לאָזען לעבען, נאָר די שטאַטסלייט, די קרום־שפיגעלדיגע דיפלאָמאטיע, וועלכע האָט זיך געלערענט איהרע קונצען אין די צייטען פון פארפינסטערטען מיטעלאלטער, אין די צייטען פון דעראָבערונגען אויפ'ן חשבון פון אנדערע.

און טאָקע דערפאר קוקט דער פשוט'ער מענש אין אייראָפּא אויף אַמעריקא אלס זיין האָפנונג, אבער ליידער ניט מעהר. אמעריקא פעהלט אסך צו זיין דער פיהרענדיגער, קולטורעלער כוח אין דער וועלט. זי איז צו מאטעריאליסטיש — אלס איבערבלייב פון דער פּיאָנערען־עפּאָכע, און זי איז ווייט פון צו זיין אט דער גייסטיגער כוח וואס קאן קולטורעל פירען א וועלט צו זונשיין און לעבען. יונג־אַמעריקא איז נאך ניט אין איהר פולען געשטאלט. זי בלאָנדזשעט און זוכט דעם וועג צו פיהרערשאַפט. אבער קולטור, ווייזט אויס, קען ניט, ווי טעכניק, געשאפען ווערען איבער נאכט.

איידער גריכענלאנד האָט געקאנט ווערען א ווירקענדער כוח אין דער וועלט פאר קריסטוס'ען האָט זי געמוזט דורכמאכען אלע נויטיגע עטאפּען פון אנטוויקלונג, האָט געדארפט דערגרייכען דער־וואקסענקייט. און אמעריקא איז נאך ניט אויף דער שטופע. זי האָט אבער פאטענציעלע מעגליכקייטען דאס צו ווערען. ווען מען קוקט זיך צו צו איהר וואוקס, זעהט מען עס. די גרעסטע פערזענ־ליכקייטען אין אייראָפּא, אין ליטעראטור, אין קונסט, אין וויסענ־שאפט, קומען אהער און געפינען דא פריינדשאפט און אנהענגער־שאפט. זי ציהט ארויס אלע כוחות, וואָס די דיקטאטורען קאָנען

ניט דערליידען אין זייערע היים־לענדער, און גענומט זיי אַרונטער אונ־טער איהרע פליגלען. מען קען ליכט באַמערקען, אַז מיט די יאהרען וועט אַמעריקא ווירקליך ווערען דער צענטער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, וויסענשאַפט און קונסט. אָבער, פון דער אַנדער זייט, דאַרף מען גאַנץ גוט געדענקען, אַז אַמעריקא איז צו שנעל געוואַק־סען טעכניש. דעריבער האָט זי פאַרטעכניזירט אַזוי גוט, אָדער גע־נויער, קאָמערציאַליזירט, אַלעס וואָס איז געבראַכט געוואָרען אַהער. זי האָט די קולטורעלע אוצרות ניט געקאָנט נאָך אויפנעהמען איי־גענהענטיג. עמערסאָן, וועלכער האָט געשטעקט טיעף אין דער דייג־קערישער וועלט פון די אַלטע קולטורען, האָט וויים ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג אין אַמעריקא, ווי ער האָט עס פאַרדינט. און וואָלט וויט־מען, דער פריי־גייסט פון אַמעריקא, איז נאָך עד היום א פאַרזיגעלט בוך פאַר יונג אַמעריקא, נאַטירליך מיט קליינע אויסנאַהמען. אַמע־ריקא פון דער צוקונפט וועט דאַרפען זיין א וועלטמאַנישע, א ברייט־פאַרצווייגטע, א קולטורעל־שעפּערישע, כדי זי זאָל קאָנען ווירקען אויף דער וועלט, איהר פּאָליטיק און עקאָנאָמיק.

דאָך איז גוט גענוג וואָס אַמעריקא איז כאָטש א האָפנונג. עס ווערט דיר גוט אויפ'ן הארצען, ווען דו טראַכסט וועגען אָט דעם גרויסען און רייכען לאַנד פון דער זייט אַטלאַנטיק, וואָס גערט מיט ריזען־שריט צום זון אויפגאַנג.

זאקוטא דער זעהער

לזכר נשמת

גדליה אדלשטרג ע"ה

נקטף בשנת השלשים לימי חייו

ג' סיון תרצ"ו

אינם גערויש פון דער צייט

ווען אסך יאָהרען ווערען אריינגעפּרעסט אין אן ארבייט, יאָהרען פון צער און פּיין, בענקעניש און טרוים, איז דאָס קלענסטע וואָס א מענש קאָן דערוואַרטען — דער ליינער זאָל ניט ארויסטראָגען דעם פּסק־דין באלד ביים אָנהויב.

אין אונזער רוישיגער, כאאָטישער צייט זענען מענשען אזוי אוועקגעשטעלט, אז זיי האָבען ניט קיין סך צייט צו טראכטען.

די מאשין לויערט אויף אונז, און דאָס מאשינאַלע לעבען — פּרעסט אונז אויף.

מוז מען דעריבער ווארנען די מענשען צו זיין פאָרזיכטיג, ניט געאיילט, און ניט אָפּכאַפּען אין גלאָף דאָס אָנגעשריבענע.

ניט אַלעס לאָזט זיך ליינען שנעל און לייכט. די פארטראַכ־טונג אַליין איז ניט גענוג. מען דאַרף אויך האָבען דעם ווילען זיך צוריקצוקוקען צו דעם געשריבענעם, זיך פארטיפען, און זיך מעמיק זיין אינם וואָרט.

סימבאליק פאָדערט אַלע מאָל אזא פארטיפונג, אנדערש קאָן זי ניט באנומען ווערען, אפילו טיילווייז, און בלויז מענשען געבענשטע מיט רוח־הקודש קאָנען זיך איינשטעלען צו טרעטען אויף ערד ניט־באטראָטענער.

די ערגסטע באליידיגונג פארן שרייבער איז צו ווערען פאר־שוועכט פון אומריינע הענט און אומריינע געדאנקען.

די ערגסטע באליידיגונג פארן גייסט איז ארויסגעטראָגען צו ווערען אויפן מארק און געמאָסטען ווערען מיט מאָסען, וואָס זענען צו איהם ניט צוגעפּאסט און האָבען קיין פארבינדונג ניט מיט איהם.

דער קוואַל פון טיפע טרוימען בלייבט פאר אונז סיי ווי אן אומדערקלערטער, און וויפיל מיר זאָלען ניט וועלען אויסטייטשען די וועגען פון גייסט, בלייבען מיר אַלץ אנטוישט.

צומאָל הערט מען ווערטער צוגעטראָגענע צו דיר פון ווייטע וועלטען, געקומענע אומגעבעטען, דאָך ווערען זיי אזוי היימיש, אזוי אין דיר אריינגעוואקסען, אז דו קאָנסט זיי ניט קאָנטראָלירען.

צומאָל באווייזען זיך פאר דיר בילדער, וואָס דו זעהסט זיי

ווי אויסגעמאָלטע אויף א פּראַכטיגען טעפּיך, און זעהסט זיי זעהר קלאָהר.

ווילסטו דעמאָלט זיי איבערגעבען צו דייניגע, איבערדערצעהלען פאר די וואָס האָבען זיי ניט געזעהן, אָבער קאָנען זיי זעהען — דורך דיר.

דער דאָזיגער ווילען איז שטארקער פון דיר, שטארקער — פון אלעם אין דיר.

ער טראָגט זיך דורך אין דיר ווי א שטורם.

ער איז מיט דיר, אין דיר, ביינאכט און בייטאָג, אויפשטעהנדיג און לייגענדיג זיך.

אזעלכע ווערק מאָנען פּאָרזיכטיגע בעהאנדלונג, טיף־מענשליכע באציהונג, קדושה׳דיגע באנעמונג.

און דאָס איז טאקע דאָס געבעט פון אָט דער שפּעטער שעה, ווען די ווערטער ווערען אויפגעשריבען אויפן ווייסען פּאַפּיר.

צום שפּיץ פון באַרג

קום מיט מיר, פריינד, האַרציגער פריינד מיינער ! — צום שפּיץ פון באַרג, וואו די לופט איז ריין, ליכט, דורכזיכטיג.

ס'איז שווער, זעהר שווער, אַרויפצוקלעטערן. אָנשטרענגען דאַרפסטו דיינע מוסקולען. איינהאַלטען מוזטו דיין אָטעם. און דיין האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט . . .

וואַרים שוואַך ביזטו, און קליין, און אויסגעמאַטערט פון קריכען אין טאָל, און פאַרפינסטערט פון צווייפעל, און דערשלאָגען פון אונמוט, און די לופט אויף די בערג איז דאָך שטאַרק און פריש, פּונקט דער היפוך פון דער לופט אין דיר.

ס'איז אָבער כדאי צו געהן אַרויפצו. בלויז איין וויל צו קענען אַרונטערקוקען פון דער הויך, איינאָטעמען דעם הויך פון דער אייביגקייט אָדער פון באַרג, וואָס קוקט גלייך אין דער אייביגקייט.

פון שפּיץ באַרג קענסטו, ברודער, ליידענדער ברודער מיינער, זעהן פיל מעהר ווי דו זעהסט אין טאָל.

דאָרטען אין טאָל מעסטו אויס יעדען שפּאַן מיט דיינע שוואַכע, ציטערדיגע פיס, און שלעפּסט זיך איבער קאַלטער, פייכטער, שוואַרצער ערד, און פאַלסט איבער שטיינער, און קלאַפּסט קאָפּ אָן פעלזענס, און פאַלסט אין בלאָטעס און זומפּען.

אין טאָל ביזטו צו אַמיבאַ געגליכען, צו דער אינפוזאָריע ענליך — אין שוואַכקייט, אין קליינקייט. אויפ'ן בעסטען אופן ביזטו אַ פייגעלע, וואָס הויבט זיך אויף אין בלויען פריהמאָרגען און מוז זיך אין די שאָטענס אַרונטערלאָזען, אין דער נעסט זיך אויסבעהאַלטען, פאַר'ן אָפּענעם מויל פון אַדלער. וויל פליגעלעך קליינע, שוואַכינקע, האָט דיר די ערד געגעבען, דיין ערד, די פייכטע, די קאַרגע, און דיינע אויגען קאָנען ניט קוקען אין דער רחבות.

אַנדערש איז דער באַרג, אַנדערש — זיין לופט, אַנדערש — זיין קוק.

שטאָלץ און האַפערדיג איז דער באַרג, וואַגענדיג און הויך. רחבות'דיג ליגט ער אויף זיין הסב־בעט, דעם קאָפּ אַריינגעשפּאַרט אין הימעל, און באַקושט פון די זאַנפטע שטראַהלען, און פּראַכט

פון באשאף איז אויסגעגאסען אויף זיין רוקען און שעהנקייט שפי־געלט זיך פון זיינע קניטשען.

אט צום בארג לאמיר געהן, פריינד! . . .

דער בארג, דער העכסטער, איז אליין. אין איינזאמקייט געבארען, אין איינזאמקייט לעבט ער. ווארים דער העכסטער איז איינער, דער העכסטער צווישען די הויכע בערג. און עס איז א תענוג צו ליגען אין שאטען פון העכסטען און ציהען יניקה פון גרויסקייט, שטארקייט און הויכקייט.

פאל זשע צו צו זיין ברוסט, ווי אן עופה׳לע א הונגעריגס, צו דער מאמעס ברוסט, אין א שטאק־פינסטערער נאכט, ווען עס זוכט מיט א פארשמאכט מיילעכעל און — געפינט . . .

שיק דיין שטאלצען בליק איבער די מרחקים און באהעפט די וועלט און די צייט אין איין גאנצקייט.

נעהם ארום די צייטען, ווי מיט א רויטען שנור!

פריהער און שפעטער פארשווינדען. היינט און מארגען זענען חברים געווארען. פארגאנגענהייט און געגענווארט — אלצאיינס. טויזענדער יאהרען זענען מינוטען — אויסגעצעהלטע, און דורות מיט דורות פארבינדען זיך אזוי ענג, אז דו קענסט זיי ניט אפטיילען, ניט צורייסען.

קערפער און גייסט זענען א צווילינג, און געשעהעניסען וויקלען זיך אויף ווי פון א קנויל.

די וועלט — איין געוועב. דער מענש — איין מענש. דער אוניווערז — איין טעפיך. און פינסטערניש און ליכט פיהרען א שטענדיגען, אן אומאויפהערליכען קאמף אויף די שטרעקעס.

טא זעה:

פאר יאהרען און יאהרען, די צאהל — אומצעהלבאר, האט זיך געצויגען קאראוואן נאך קאראוואן, לאנגע רייהען, צונויפגעבונדענע ווי מיט אייזערנע רייפען, איבער די טאלען, די צורינצעלטע, איבער די ברייטע, זאמדיגע שטרעקעס פון מדבר.

מענשען זענען זיי געווען, און ווי מענשען זענען זיי געשטארבען אין דער טריקעניש, אין דער וויסטעניש.

זייער לעבען — וויסטעניש. ווארים זייער ציל ניט געוואוסט,

זייער לייד ניט פארשטאנען, האָבען זיי געצויגען אין קאמף וויטער, וויטער.

דער ציל פון זייער געהן — געהן. צילאָזיגקייט. זייער קאמף — ברענען, אויסברענען, פארצערט ווערען, ווי שטרוי, אויפ'ן פייער.

געצויגען גלייך, געצויגען קרום און זיג־זאג. דורשטיג זייערע גומענס און פארטריקענט זייערע הערצער.

פון טאָל קענסטו זייער גאנג ניט מערקען, זייער טראָט — ניט אָפמעסטען. פון בארג — יאָ. אינ'ם זאמד פון די ברייטע מדבר־שליאכען קוק זיך איין און דו וועסט דערזעהן, צו דיין דערשטוינונג, די טריט טיף־איינגעפרעסט אין דער ערד. שטרענג אָן דיין אויג. קוק — און זעה!

א שטורם האָט זיך אויפגעהויבען, א שטורם פון מדבר. הויפענס זאמד קנוילען אין דער לופט און ווערען געטראָגען אין דער הויך. אָבער די מענשען דערשרעקען זיך ניט. זיי געהען פעסט—פאראויס.

וואונדערסט דו זיך ניט, מענש, פארוואָס זיי קוקען זיך ניט אום אפילו צוריקוועגס צום האסטיגען שטורם וואָס בושעוועט? וואונדערסט זיך ניט, מענש, אויף דעם פעסטען טראָט פון די געהער און — אפילו — נאָכגעהער? — יאָ, דו וואונדערסט זיך. כ'זעה אויף דיין פנים דעם ערנסט זיך אויסבעהאלטען אין דיינע פארקאָר־טשעטע באקען, אָט ווי מ'קאָן זעהען דעם הארטען בליק פון אויבען, וואָס דער בארג ווארפט פון די גרויע קנייטשען אין די פעלזענס, קנייטשען וואָס זענען אזוי איינגעוואָרצעלט און קוקען מיט גאווה צו רחבות'דיגע שטרעקעס ארום און ארום.

זיי קענען ניט קוקען, די מארשירער, אין דער טיפקייט פון שטורם, ווייל זיי ווערען באהערשט פון איין געפיהל — דער קאמף־ברען, וואָס ציהט פאראויס צו פארכאפען וואָס מעהר פאָזיציעס מיט דער הילף פון א ברייטערען שפאן, צו דעראָבערען די וויטקייט אין דער טונקעלער אטמאָספער — מיט דער הילף פון לאנגען אטעם־צוג. זיי ווילען, די מארשירער, פארהילכען די לופט און איבערשרייען מיט זייערע קולות דעם שטורם־געשריי און דעם גערויש פון די זאמדען.

ניט קיין שטורם שרעקט זיי, ניט קיין — גערויש.

אָבער די זאמדען געהען זיי נאָך פוס־טריט. וואָס שנעלער זייער טראָט איז, אלץ שנעלער איז דער לויף פון זאמד. מענש און שטורם

הויבען זיך אָן פאַרמעסטען אין כוחות. ער, מענש — פאַראויס. דער שטורם — נאָך איהם. אָט איז דער לעצטער שוין נאָהענט. גאָר נאָהענט. אָט טראָגט זיך זיין ברענענדער געררוך גלייך צו די מאַרשירענדע אין מויל אריין, און עס ווערט זיי שווער, זעהר שווער, צו אָטעמען. אָבער זיי געהען דאָך ווייטער. די לעצטע כוחות זאַמ־לען זיי, די לעצטע — און וואַרפען זיי אין דער ווייטקייט אריין, ווי אַ פישער פאַרוואַרפט זיין ווענדקע איבערן וואַסער.

טאָ קוק זיך איין:

אַ שלאַנג דרעהט זיך אין דער הויך. אַזוי הויך אַז דו קענסט שוין באַלד איהר קאָפּ ניט זעהן. זי דערגרייכט די ברוסט פון די כמארעס אויבען, און זי רייסט זיך נאָך העכער, און דער ווינט שלענ־געלט אויס פון אַלע זייטען מחנות זאַמד־כוואַליעס, וואָס רייסען זיך איינע איבער דער אַנדערער און גיסען זיך צונויף, און עס טראָגט זיך אַ גאַנצער באַרג איבער די קעפּ פון די מאַרשירענדע.

זייערע טריט ווערען לאַנגזאַמער און קלענער. ניטאָ קיין כוח. ווען זיי אומקומען? איז זייער סוף אָנגעקומען?

ניטאָ זיי מעהר, דער ים פון זאַמד האָט זיי פאַרדעקט און פאַר־שלונגען.

אומגעקומען.

זאָג מיר נור, מענש, איז עס די טרער פון געלייטערטער, עכטער און זויבערער מיטלייד?

בלויז פון באַרג־שפּיץ קאָן מען דאָס זעהן. דאָ איז ברייט דער בליק. דאָ הויבט זיך האַרץ פון געטליכער מיטלייד, ווייל מען זעהט טיפער, מען הערט דאָ דעם טריט פון אומגעקומענע, ניט־וויסענדע פאַר־וואָס, מענשען, און עס איז גוט צו לאָזען אַ טרער אַרונטערפאַלען אויף די גרויע פעלזענס פון הויכען באַרג.

די זון געהט אויף

. . . און ווען ס'ווערט שטיל און רוהיג איבער דער מדבר־פלאַך, ליגט זיך אויס דאָס זאַמד ווי אַ פּליושענע קאָלדרע, און בערגעלט זיך פון לייכטען ווינטעל, וואָס גלעט זי, און ס'דאַכט זיך אויס דעם

בעאָבאַכטער, אַז רוה און פרידען האָט שטענדיג געהערשט איבער די זאַמדען.

וואָס ס'איז געוועזען איז געווען, ניטאָ מעהר.

וואו איז די מלחמה וואָס האָט ערשט ווילד געטאַנצט איבער דער פלאַך?

וואו זענען אהינגעקומען די מעכטיגע טרעטער איבער פלאַכען? וואָס איז געוואָרען פון זייערע גרויסע אַמביציעס און פון זייערע שטרעבונגען צו פאַרכאַפּען די ווייטקייט?

דאָס אָפענע מויל פון שטורם־שלאַנג האָט זיי איינגעשלונגען, און זייערע קערפּערס באַגראָבען אונטער זאַמד־הויפענס, און איינגענורעט האָט זיך דער שטורם אין דער גלאַטינקער קאָלדרע פון דער מדבר, ווי אַן אומשולדיג קינד, וואָס ציטערט פאַר דער מאַמע נאָכדעם ווי עס האָט אָפּגעטאָן אַ שטוקע.

ליגט זאַמד אויסגעצויגען, ווי אַ פּרינצעסין אויף איהר בעט. ליגט שטורם איינגענורעט אין מדבר, בעהאַלטען פון אויג, נעגירענדיג זיך זעלבסט, ווי אַ מת אין פינסטערען קבר.

און עס ליגען זיינע קרבנות אונטער איהם און — שווייגען.

אָבער ערשט פריהער האָבען די דאָזיגע פּגרים געבויט אימפּע־ריעס. יאָ, קעניגע האָבען זיי געהאַט, און סאַטראַפּען ברוטאַלע און מעכטיגע, און נוגשים האָבען זיי אויפגעשטעלט איבער זיך, אַז יענע זאָלען שמייסען איבער רוקענס מיט אייזערנע ריטער, און פּאַלאַצען פאַר פּרעכטיגע, בילד־שעהנע פּרינצעסינס האָבען זיי צונויפגעקלעפּט פון ציגעל און שטיינער.

און געטרונקען האָבען פּרינצעסינס, און געגעסען, און געשמירט פאַרברוינטע לייבער מיט פאַרפיומען פון ווייטע לענדער, און מיט בוימעל פון פעטע פלאַנצען, אַראָמאַטנע און מחיה'דיגע, האָבען זיי קערפּערס באַגאָסען.

און כאָטש זייערע בוימלען זיינען געווען געמישט מיט שוויים און בלוט, אַרויסגעצויגענע פון מענשליכע קערפּערס, און געאַרבייט האָבען אונטער ברענענדער זון מענשען פאַרברודיגטע און פאַר־בראָטענע, און ס'האָט אַרויסגעשריען דער וועה פון באַליידיגטען בלוט פון די פאַרפיומען און פון די בשמים און פון די מעדני מלכים, און כאָטש גאַנץ אָפט זענען קינדער געבליבען אָהן טאַטעס

מחמת דער גרויזאַמקייט, זענען די פּרינצעסינס געווען שטאַרק באַ־גייסטערט און זעהר גליקליך.

איבער ערד, אונטער ברייטען הימעל, טיעף אונטער די האָרי־זאָנטען, האָבען די פּאַלאַצען זיך געפּרעגעלט אין זון־שיין און גע־בראַכט האָט מען פון ווייטע און נאָהענטע לענדער אוצרות פון גאָלד און אוצרות פון זילבער, און עלפענביין האָט מען געבראַכט, און טייערע שטיינער האָט מען צענויפגעזאַמעלט אויף שיפען, וואָס זיינען געשוואומען אין די ווייטע, טיעפע ים'ען.

און דאָס אַלעס האָבען מענשען געבראַכט, מיט זייער לעבען געבראַכט, מיט זייער בלוט צונויפגעזאַמעלט, פאַר די הערשער, פאַר די קעניגע, פאַר זייערע ווייבער, פאַר זייערע קעפּס־ווייבער.

פרעגסטו מן הסתם, פאַרוואָס האָבען זיי אַזוי פיל און אַזוי לאַנג געליטען?

אַ געהיימע האַנט האָט זיי געטריבען.

זיי האָבען זיך ניט געקענט העלפען, און זיי האָבען ניט געוואוסט ווי אַזוי זיך צו העלפען.

זיי האָבען ניט געהאַט די אידעע. יאָ, זיי האָבען געפיהלט שמאַרץ, געפיהלט אין די ביינער. ווארים צוזאַמען מיט לעבען ווערט וועה געבאָרען, און ווען ס'פיהלט צעדריקט, שרייט עס. פרייד איז ערשט געקומען נאָכדעם. די מענשען האָבען ניט געוואוסט דעם וועג צו דער פּרינצעסין, וואָס הייסט פרייד. צו ברודער־וועה האָבען זיי יאָ געוואוסט דעם וועג. רוט האָט זיי דעם וועג געגעבען. שפּיז, אריינגעשטאָכען אין ליב, האָט זיי דעם וועג געוויזען. שווערד, אויפעפענענדיג דעם שארבען, האָט פאַר זיי אַ וועג אויסגעהאַקט.

בלויז ווען פרייד איז געבאָרען געוואָרען, איז די אידעע ארויס־געשפּרונגען אין מענשליכען מוח; אָהן דער אידעע האָבען די מענשען קיין דערלייזונג ניט געקאָנט האָבען. די וואָס האָבען יאָ געוואוסט וואָס פרייד איז, זיינען געווען די הערשער. די באַהערשטע האָבען געוועהטאָגט.

אָבער די פרייד פון די הערשער איז ניט געווען קיין עכטע. ניט יענע פרייד וואָס דערלייזט. ווארים די לעצטע קומט ניט דורך וויין און פאַרפיומען. ווארים זי קומט ניט דורך דיכען פון פעטע

פרויען. זי קומט קיינמאָל ניט פון הונגעריגע אינסטינקטען וואָס בענקען נאָך אויסלײדיגונג.

די אַלע פריידען זענען אויסלײדיגענדע. זיי לאָזען איבער נאָך זיך א טיעפען ברייטען חלל. זיי פארפילען בלויז צייטווייליג. זיי זענען אָנגעבלאָזענע פענכערס.

א פרייד וואָס איז אַליין גליק און לאָזט איבער נאָך זיך א פולען בעכער, א ניט־אויסגעטרונקענעם, א געבענשטען — אזא פרייד איז ניט געווען באוואוסט.

האָבען מענשען מיט טרויער און יאוש געבויט פאַלאצען, און אויסגעקלעפט פון זייערע טרערען, אריינגעטריפטע אין מארמאָר און ליים, די מעכטיגע קאָלאָנעס, און אויפגעהאנגען גערטנער, וואָס האָבען זיך געפּרעגעלט אונטער זון — גערטנער פון פיין און וועה.

יעדער בוים האָט עדות געזאָגט אויף טיפען קרעכץ, און יעדער סטעזשקע האָט דערצעהלט פון לײדענדע בליקען.

יאָ, ס'איז א רחמנות אויף אייך, מענשען־קינדער, איהר קוקענדע אין דער טונקעלהייט. דאָס האַרץ געהט אוים נאָך אייך, איהר טאָליגע קינדער פון דער וויסטעניש. איהר האָט דאָך ניט געוואוסט דעם ציל פון אייער זיין. איהר האָט דאָך ניט פארשטאנען דעם וואוהין. איהר האָט דאָך גאָרניט געוואוסט, אז איהר פאַלט און הויבט זיך אויף, און פאַלט אויף אייביג ניט אויפצוהויבען זיך, כדי צו לערנען די קינפטיגע, די ניט־דאָ־זייענדיגע דעם פּראָצעס פון אויפשטעהן.

דעם פּראָצעס פון אויסמיידען פאַלעניש.

דאָ אויפ'ן הויכען שפּיציגען בארג שטעהענדיג, ארונטערקוקענדיג אין דער טיפקייט פון די צייטען, שפּרייטענדיג דעם בליק אזוי ווייט, אז ער זאָל פאַלען הינטערן האָריזאָנט אפילו, קאָן מען לאָזען דעם גאָט פון רחמנות זיך שפּילען מיט דיינע געקרייזעלטע האָר.

דאָ קאָן מען זעהען ווייט און טיף, און מיטלייד האָבען, און אָפּשאצען ווי געהעריג, און וויסען וואָס איז וואָגיג און וואָס איז לייכט־פעדערדיג.

זענען אימפּעריעס אונטערגעגאנגען. זיינען פּאַלאצען פאַר־שוואונדען אין טיפען שטראָם פון די צייטען. זיינען בויער אויסגע־שטאָרבען. און שטיל איז געוואָרען. און רוהיג איז געוואָרען. און פרידען האָט געהערשט. ווארים דאָרטען וואו לעבען איז אויס־

געלאָשען, קומט דאָס גלעטענדע ווינטעלע און באַרוהיגט. ניטאָ קיין צוזאַמענשטויס. ניטאָ קיין פאַרמעסטונג אין כוחות. ניטאָ גאָר אין גאַנצען קיין שאָטען.

געהט אויף די זון אויף שטילע, גין־גאָלדענע פריהמאָרגענס. רייצט זי זיך מיט'ן זאַמד און גלעט און פרעגעלט און בלאָזט אריין אַ רוח־החיים, און נאָגט אויס פון מדבר יעדען שאָטענדעל און יעדען פיצעל פינסטערניש פון די באַהעלטענישען.

זי, די זון, בענקט נאָכאַמאָל נאָך לעבען. נאָך לעבעדיגע, סעמ־פענדע מענשען, און זי וויל אַז קאַמף זאָל ווידער געבאָרען ווערען אויף די ניט־אויסגעטראָטענע שליאַכען, און זי חנפ'עט די זאַמדען מיט איהרע שטראַהלען, און זי בענשט די וויטקייט מיט איהר וואַרעמען אטעם, און זי לאַדט איין בעהאַלטענע כוחות צום שפיל.

אָ, זון, מיין זון, מיין ליבליכע, האַרציג־גוטע זון פון די הויכ־קייטען — ווי גוט און שעהן דו ביסט!

דער קוואַל פון לעבען, דער קוואַל פון אומדערשעפליכען כוח!

אַט טראָגט זיך אַ רייטער אויף זיין פערד. וואוהין לויפסטו, רייטער? וואוהין יאָגסטו זיך, רייטער, מיין רייטער?

קיין ענטפער.

די צייט איז טייער!

דורכגעלאָפען דורך דער לופט און — פאַרשוואונדען.

דו פרעגסט, פריינד מיינער, דו קוקער פון הויכען, דו זוכער צווישען בערג, ווער איז דער רייטער?

דערווייל איז ער געהיימנים. דערווייל איז ער — סוד. סוד ווי מדבר אין איהר אומבאַוועגליכקייט, ווי מדבר וואָס טראָגט אין איהרע געדערים דעם נאָך־ניט אויפגעבונדענעם כוח. סוד ווי די נאָך ניט דערלייזטע וויטקייט, וואָס בענקט נאָך טריט, געהט אויס נאָכ'ן אויסגעשריי פון לעבען.

אַ סוד איז אוועק אין דער אייביגקייט.

אינ'ם ווינקעל פון דער מדבר איז דער רייטער דורכגעפלויגען — און ניטאָ איהם מעהר.

זעץ זשע זיך אוועק, פריינד מיינער, ביים הויכען, גרויען פעלזען. לייג אַרויף די הענט אויפ'ן קאָפּ און פאַרטראַכט זיך.

פאַרשטום.

אין אַנבליק פון דער שטילקייט ארום און ארום, אינ׳ם גע־שטאַלט פון דער גיסענדער מיט ליכט זון, דארף מען איצט טראכטען פריהער, איידער דער סוד ווערט אנטפּלעקט.

אין אנטפּלעקונג וועסטו באשייד געפינען.

גאָט אַנטפּלעקט זיך אין דער סאַמע שטילקייט, ווייל גאָט איז מעהר ווי לעבען, גאָט איז ניט קאַמף, ניט צוזאַמענשטויס, נור פאַר־איינינונג פון געגענגעזעצטע כוחות, ווארים אַלעס איז אין איהם, אַלעס ביז גאַרניט — פון עקסטרעם ביז עקסטרעם.

אין איהם איז קיין סוד ניטאָ מעהר און קיין סוף ניטאָ.

דער רייטער אויפ׳ן שווארצען פערד

דאָס שווארצע פערד איז גרויס און שעהן און פונקען שפּריצען פון אונטער זיינע פיס.

און דער רייטער אויף זיין רוקען איז אַליין אַ מענש מיט ברע־נענדע אויגען, וואָס ווארפען גליה־פונקען אין אַלע זייטען.

געוועזן איז עס אזוי:

ווען שטילקייט האָט גענעכטיגט אין די ווייטען, און שטום איז געווען די לופט און שאָטענדיג־חושכ׳דיג איז נאָך זון־אונטער־גאַנג געבליבען די מדבר, האָבען זיך באוויזען נייע מענשען־קינדער, געקומענע פון ווייט־ווייטע מקומות, פארבלאָנזשעטע אהער פון די זייטען.

די דאָזיגע מענשען, וואו זיי זענען געקומען, האָבען זיי קודם־כל געזוכט דאָס איצטיגע, דאָס באַלדיגע. זיי האָבען קיין אויג ניט געהאַט פאַר דער צוקונפט, און ווייטקייט האָט זיי געשראָקען.

זיי האָבען זיך געצויגען, אנשטאַט פאראויס, צוריקוועגס.

פאַר זיי איז געווען אַ שטראַל פון האָפנונג אין דער פינסטערניש די נאָך־ניט אנטלויפענדע מינוט. באלד ווי זי איז אנטלאָפען, איז זי שוין ניט געווען פאַר זיי, האָט זי געאטעמט מיט טויט, און פאר׳ן טויט האָבען זיי מורא געהאַט אימת־מות.

זיי האָבען ליב געהאַט דאָס לעבען, ווי עס איז, און האָבען עס ניט געוואָלט באצווינגען, נור ווי אַ געליבטער האָבען זיי עס געוואָלט האָבען, באזיצען.

ווייל פריהער זענען זיי שקלאפען געווען און איצט — ניט.
פריהער האָבען זיי געלעבט אין דער דעראָבערונג פון אנדערע און אויפן באפעהל פון אנדערע האָבען זיי געזאָלט אלעס דעראָבערען.

קומענדיג צו דער שטילקייט, אויסזוכענדיג א אָאזיס אין מדבר, ארומקרייזענדיג זייער דאָ־זיין מיט הויכע פלויטען, האָבען זיי געזוכט צו פארהאלטען דאָס וואָס זיי האָבען, ניט צו פארכאפען דאָס וואָס זיי האָבען נאָך ניט.

גוטע מענשען, און פרידליכע, זיינען זיי געווען, און ביי זיי איז געבאָרען געוואָרען דער טיעפער בענקעניש־געפיהל, דער סענ־טימענט פאר דאָס גרויסע וואָס געפינט זיך אין איינענעם, אין גע־געגוווערטיגען, אין שטילען און שעהנעם.

ביי זיי איז געבאָרען געוואָרען צום ערשטען מאָל די אידעע.

די פריהערדיגע זענען געווען קינדער פון געצען, זיהן און טעכ־טער פון מאכט, פון דער פיל־פאכיגער און אומענדליך־גרויסער קראפט אין דער נאטור. זיי, די איצטיגע, האָבען דערשפירט, אז פולקייט איז ניט אין פילקייט, נאָר אין איינציגקייט, אין איינינקייט, אין איינקייט.

גליקליכע זענען זיי געווען, די דאָזיגע מענשען.

קוק ארונטער און זעה ווי זיי זיצען ביים שיין פון פייער, און דריקען עס צום הארצען, און ליבען עס אזוי שטארק מיט׳ן בליק פון זייער אויג, און בענקען אזוי שטארק נאָכ׳ן פלאם, ווייל עס איז זייער איינענער פלאם, און האָבען אזא שטארקע גלוסטונג נאָך׳ן קוואל וואָס זיי האָבען אליין צועפענט.

געבענשטע זענען זיי!

האָבען זיי אליין ניט געקאָנט געפינען קיין אויסדרוק. געדאנ־קעלעך האָבען זיך געבריהט ביים שיין פון פייער, וואָס זיי האָבען צולייגט, און טראָפענס וואסער, פריש וואסער, זענען ארויסגערונען פון די טיפענישען און האָבען זיך באהעפט מיט זייערע הערצער. אָבער זיי האָבען ניט געקאָנט פאראייניגען. צונויפגיסען איז געווען פאר זיי אונמעגליך.

ביז עס איז געקומען דער מענש פון פייערדיגען וואָרט, וועלכער האָט יאָ געהאט כוח און האָט געוואוסט דעם שפרונג פון איינינקייט, און ער האָט אויסגעשריען:

די גאנצע וועלט איז אין הארצען — ביי דיר, מענש!

די וועלט איז ניט קיין צוברעקעלטע, ניט קיין צוהאקטע, ניט קיין באזונדערע. איהר שעהנקייט און איהר פראכט ליגט אין גאנצקייט.

און די גאנצקייט — ליגט אויך אין מענשען.

און ווען מענש איז גאנץ, זעהט ער מעהר ווי שטיקלעך־געדאנקעלעך און לעבט איבער מעהר ווי צופיצעלטע געפילעכלעך.

וויזיעס זעהט דער מענש.

דעראָבערונג ליגט ניט אין דער ווייטקייט, האָט ער געזאָגט. דעראָבערונג ליגט אין דיר גופא.

אזוי האָט ער געזאָגט, דער מענש.

און האָט ארויסגערופען דעם רייטער פון די ווינקלען, און דערזעהן האָבען די מענשען די געשטאלט, און זיי האָבען זי שוין קיינמאָל ניט געקאָנט פארגעסען, ווייל איינגעקריצט האָט זי זיך אין זייערע הערצער.

ווייל דער רייטער איז דערשינען פאר'ן מאָמענט און האָט איבערגעלאָזט דעם סוד פאר די מענשען־קינדער.

דעם סוד צו דערווארעמען זיך, און צו טרייסטען זיך מיט איהם, און צו דערפרישען די נשמה.

איז שווארץ זיין פערד געווען, שווארץ ארומגעזעצט און דורכאוים דורכגעקנאָטען מיט פייער־פונקען, פונקט ווי דער אונענדליכער אוניווערז איז ברייט און שווארץ און ווייט, אוועקלויפענד ווי דער רייטער אויפן שווארצען פערד איז; וואָס ווייטער דו קוקסט אהין אין די ווייטקייטען אלץ מעהר פייער־פונקען זעהסטו, דורכקרייצענדיג די פינסטערניש.

און אונענדליך איז ער, און א ברייטקייט — א גרעניצלאָזע.

גאָט איז אזוי ארום געבוירען געוואָרען פאר'ן מענשען, מיט'ן מענשען.

און ארומגענומען האָט די אידעע די מענשען און זיי געגעבען גאנצקייט — דאָס נאָך וואָס זיי האָבען דורות געבענקט.

אָט אזוי איז געבאָרען געוואָרען דאָס סאָמע פרייעסטע אינ'ם מדבר, דאָס סאָמע געראָכטע, דאָס זיכערע און גוטע.

פרעגסטו זיי: וואָס איז גערעכטיגקייט? ווייזען זיי הארץ.

פרעגסטו זיי: וואָס איז אמת? ווייזען זיי האָרץ. פרעגסטו זיי: וואָס איז האַרמאָניע? ווייזען זיי: האַרץ.

ווערען צוברעקעלט וועלטען, וואָס זענען אָנגעהאַנגען געוואָרען אויף פּלייצעס פון פילע געטער. ווערען צושטויבט וועלטען וואָס זענען אָנגעהאַנגען געוואָרען אויפ'ן גאָט פון גרויזאַמקייט. אויפ'ן גאָט פון שקלאַפעריי. אויפ'ן גאָט: רייכטום פון גאָלד און זילבער.

דאָ איז איין וועלט. איין מענש. פריי און גרויס. אליין — און אַ גאָט, ווייל ער טראָגט אין זיך גאָט פון די ווייטסטע ווייטען און פון די נאָהענטסטע נאָהענטען.

„אחד" — האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער מדבר.

די אידעע פון פרייהייט איז געבאָרען געוואָרען.

זעהסטו שוין, מענש, וואָס עס מיינט דער רייטער אויפ'ן פערד? ער האָט געטראָגען מיט זיך אַ גוטע מתנה פאַר'ן מענשען, האָט זי איהם איבערגעגעבען און איז אוועק.

דער רייטער האָט גאָרניט געזאָגט, קיין וואונק ניט געטאָן — צו קיינעם. אָבער זיין מתנה האָט ער איבערגעלאָזט און דער מענש האָט זי צוגענומען און זי געמאכט — אייגענס.

עס לויפען דערנאָך טויזענדער יאָהרען, און די מתנה איז דאָ מיט איהם. אָבער ניט אַלע ווייסען דעם סאַמע סוד אין איהר. ניט אַלע. געצעהלטע — יאָ.

די געצעהלטע טראָגען זי דורך מדבריות און דורך ישובים — און זיי זענען זיכער אַז זיי געהען צום פּאַלאַץ פון די גרויסע סודות.

דער סוד פון פּאַלאַץ

זיי האָבען געוואוסט, די מענשען פון דער מדבר, אַז ערגיץ־וואו, בעהאַלטען פון אויג, געפינט זיך אַ פּאַלאַץ, אַ מיסטעריעזער, פּול־פּראַכט און פּול־צויבער, צו וועלכען אַ שליסעל איז נויטיג.

אָבער דער שליסעל איז ניט געווען, און דעם פּאַלאַץ, דעם וואונ־דערליכען, האָט מען געפינען ניט געקאָנט.

אין דער שטילקייט פון די פאַרשטומטע שעה'ן, די פאַראיינ־זאַמטע, האָבען זיי זייערע אויגען צו די בערג אויפגעהויבען, און זיי האָבען געבעטען און געוויינט אין זייערע הערצער, אין די טיפ־

קייטען, ניט ארויפברייגנענדיג זייער געוויין אויף די ליפען, ניט לאַזענדיג א טרער ארונטערגליטשען זיך פון זייערע אויגען.

גאָט פון דער מדבר! — האָבען זיי געשריען, געוויינט, און גאָט פון דעם בליהענדען, באַגרינטען, באַזונטען אָאַזים . . .

באַווייז זיך פאַר אונז, און אַנטפּלעק דעם סוד פון דיינע סודות. ווייז אונז דעם וועג, דעם סודות'דיגען, דעם באַהאַלטענעם, דעם ניט־געפונענעם. ווייז אונז דעם ערשטען טריט און דעם אָפּשיין פון דיין גלאַנץ, דעם ווייט־ווייטען שאָטען פון דיין פּראַכט.

אָבער די מדבר ארום און ארום איז געוועזן שטיל, שטום און אבל'דיג. זי האָט געטראַכט וועגען די ניט־וויינענדע, ניט־בעטענדע־זיך, וועגען די וואָס האָבען געשניטען די ווייטקייט אָהן מורא, אָהן ציל, און ביים סאַמע זוים פון דער מדבר, ביים גאָלדענעם ברעג פון האָריזאָנט, האָט זיך אויסבעהאַלטען פון בענקענדע אויגען און פאַר'חלש'טע הערצער די גרויסע קראַפט און דער נאָך גרעסערער פלאַם.

זיי האָבען די קראַפט ניט באַמערקט, און זיי האָבען דעם פלאַם ניט געפיהלט.

אין די לאַנגע פאַרנאַכטען ווען שאָטענס האָבען געשעפּטשעט, און די ווייטקייט האָט גערעדט שטום־לשון'דיג, אונמענשליך, האָבען זיך די גרויסע קינדער פון דער מדבר געזעצט אין קרייזען און דערצעהלט איינער דעם אַנדערען מעשה'לעך פון גרויען אַמאָל, און זיי האָבען דערנעהענטערט דורך די ווערטער האַרץ צו האַרץ, אויג צו אויג.

זיי האָבען ליב געהאַט איינער דעם אַנדערען. אָבער זייערע אויגען האָבען פולשטענדיג ניט געקאָנט אויסדריקען וואָס זייערע הערצער פיהלען. א מעשה'לע פון אַמאָל האָט זיי פאַרבונדען.

און זיי האָבען איינער דעם אַנדערען דערצעהלט וועגען א לאַנד, וואו זיי האָבען געזעהן די זון אויפגעהן, און די זון באַגלייט זיי פון צייט צו צייט אויף זייער לאַנגען וואַנדער־וועג; און זיי האָבען געשוואוירען איינער דעם אַנדערען צו געדיינקען און האַלטען איינגעקריצט אויף זייערע הערצער, און איבערצוגעבען זייערע קינדער און קינדס־קינדער, די גרויסקייט פון מאָמענט, ווען פאַר זייערע אויגען איז דערשינען די געשטאַלט, און . . .

זיי האָבען דערצעהלט וועגען וואָלקענס באַלאָדענע מיט פּראַכט, ווען אַנטפּלעקונג איז געקומען צום אויסדרוק, און מענשען זיינען

אויפגעהויבען געוואָרען צו די העכסטע הויכען, און זיי האָבען געזעהן דעם קוואַל פון שעהנקייט פאר זייערע אויגען.

און עס איז געשעהן אין א פינסטערער נאכט, וואָס האָט אויפגעטויכט פון אונטער א שאָטענדיגען פארנאכט, ווען געזעסען זיינען די פארבייגקטע אויפן גראָז און האָבען געדערט וועגען זייערע לעבענס מיט פיל־מיינענדיגע ווערטער, און ווערטער ארויסגעגראָבענע פון זייערע געפיהלען, איז א מאן, א גרייז־גרויער, אויפגעשטאנען פון פלאַץ און האָט געקוקט אין דער ארומיגער שטילקייט, ווי ער זאָל וועלען ארויסליינען פון איהר די סודות פון דער נאכט.

האָבען די מדבר־מענשען געציטערט און געקוקט איינער אויפן אנדערען אין טיפער מורא און געפרעגט איינער דעם אנדערען דורך בליציגע בליקען:

„וואָס וועלען מיר הערען?

„האָט אונזער זקן א וואָרט פון אמת און שעהנקייט אונז איבערצוגעבען, איידער ער פארשליסט זיינע קלוגע און וויט־זעהנדיגע אויגען?

„האָט גאָט זיך אנטפלעקט צו איהם אין דער שטילקייט פון נאכט, אָדער האָט ער ארויסגעגנבעט דעם גרויסען סוד פונ'ם מורמעל?"

און דער אלטיטשקער האָט אויסגעגליכען די אקסלען, און שטאָלץ איז ער געבליבען שטעהנדיג, און בליק־בליצען האָבען געשאָסען פון זיינע אויגען, און ליבליך האָט ער געקוקט אויף די זיצענדע, און געזאָגט האָט ער צו זיי אזוי צו זאָגען:

„איהר אלע וואָס זוכט דעם גרויסען פאלאַץ — איהר אלע, קומט נעהענטער צו מיר. אין אייער דערנעהענטערונג ליגט קראפט און דער מיין פון אייער פארשטעהן.

„אמאָל איז א קוואַל געווען און זיין וואסער איז געווען ריין און קלאָהר. לייכט האָט דער שטראָם זיך געצויגען פון איהם דורך גראָזען: א שטראָם־טייבעלע, קריסטאַל־ריין, און געבענשט.

זענען מלאכים זיך געקומען אָפּרוהען ביי די ברעגען, און אריינגעקוקט אין זיינע וואסערן, אין זיינע שטיינדלעך, און זיך געשאָטענט אין זיין שפּיגעל.

און אפילו גאָט אליין, ווען ער איז מיד געוואָרען פון דער אומפּאלקאמענהייט, און ווען עס איז אויסגערונען די געדולד צו

דערוואַרטען זיך אויף דער צואוויקלונג פון זיין וויזיע, פלעגט קומען אהער.

אָבער דאָס טייכעלע האָט ניט געוואוסט זיין גרויסקייט און האָט ניט געוואָלט מעהר ווי עס האָט געהאט.

דאָס וואסער האָט געזאָגט : גענוג !

און דאָס טייכעלע איז געפלאָסען אין דער ווייטקייט און האָט אויסגעשריען צו פרעמדע לענדער :

איבער־גענוג ! — איך בין צופרידען מיט זיך ! . . .

אָבער פּלוצלינג האָבען רעגענס אָנגעהויבען צו פאלען איבער דעם פארהווילענעם לאנד, און שווארצע וואָלקענס האָבען געשניטען דעם הימעל פון אויבען, און עס איז געוואָרען פינסטער, און די גאנצע געגענד איז באגאָסען געוואָרען פון טייכעלעך, און קוואלעכ־לעך האָבען זיך צועפענט, און אלע זיינען געלאָפען, געלאָפען, ווי דאָס ערשטע, דאָס געצייכענטע.

די שטרעקעס זענען איינגעשניטען געוואָרען פון וואסערען, וואָס האָבען ניט געוואוסט פון קושענדע ברעגען און ווארעמע זאמ־דען, און גלאנציגע שפּיגלען ; און שטילקייט איז ניט געווען פאר זיי, און אויך ניט — איידעלקייט און לויטערקייט ; און א גערויש פון קולות האָט זיך אויפגעהויבען, און א ווילדער טאנץ האָט זיך צובושעוועט, ווי א שטורם צולאָזען איבער'ן לאנד.

צוערשט איז דאָס טייכעלע געגאנגען זיין אייגענעם וועג, און האָט אפילו ניט געוואָלט זיך אומקוקען. בעהאלטענדיג זיך אין זיך, איז עס געפלאָסען.

אָבער מיטן גערויש איז אויך דער פארלאנג געבאָרען געוואָ־רען, און א שטארקער ווילען האָט איינגעוויקעלט דאָס טייכעלע, און א פרעמדער וואונש האָט אויך פארכאפּט דעם ציטערדיגען קוואל, א ווילען צו פארכאפּען און פאראייניגען, כדי פונם קוואל זאָל ווערען א טייכעל, פונם טייכעל — א טייך, א גרויסער, א שטארקער, און ער זאָל אריינשטראָמען אין גרויסען ים אריין און ווערען איינס מיט איהם — א ים ; און א וויזיע איז דערשינען אויפן פּנים פון טייכעל, א וויזיע פון גרויסע, שוימיגע כוואליעס און א מאכט וואָס באהערשט און באצווינגט, צוברעכט און צושטערט.

אין איין מינוט, אזוי גיך ווי דער געדאנק איז געבאָרען גע־

וואָרען אין דער שטומקייט פון וואסער, איז די געטליכקייט פאר־שוואונדען פון די ברעגען, און דער הימעל האָט אויפגעהערט צו שפיגלען, און די אוצרות זענען צוגערויבט און פארשלאָסען געוואָרען.

פארשלונגען איז געוואָרען דאָס טייכעל און עס האָט אויפ־געהערט צו לעבען".

און דער אלטיטשקער האָט געקוקט מיט זיינע קלוגע אויגען צו די פארבענקטע, און שוויגענדיג ארונטערגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ.

האָבען די פארבענקטע קוים געקאָנט אוועקרייסען זייערע אויגען פון זיין פּנים און האָבען זיך איבערגעקוקט. זיי האָבען געוואָלט פארשטעהן און ניט געקאָנט. בעהאלטען איז געווען דער מיין פון די ווערטער און א סוד איז געהאָנגען איבער זיי.

ביז דער אינגסטער צווישען זיי האָט זיך אָנגעליינט אויף זיין רעכטער האנט, און האָט געפרעגט:

וואָס מיינט עס?

האָט דער אלטיטשקער פארמאכט די אויגען, האָט געוואַרט א מינוט, און געזאָגט:

„דאָס טייכעל איז — לעבען!" . . .

„אָבער אלטיטשקער לערער אונזערער, זאָג אונז און אנטפּלעק פאר אונז דעם סוד.

„וואָס האָט עס צו טאָן מיט'ן פּאלאַץ פון סודות און מיט זוכען און ניט געפינען?

„און וואו געפינט מען דעם פּאלאַץ, און — ווי אזוי?

„קענסט אונז דעם שפּריך־וואָרט זאָגען?"

האָט דער אלטיטשקער אויפגעהויבען זיין ציטערדיגע האנט, און געזאָגט:

„די סודות קאָנען נאָר פארשטאנען ווערען פון איינצעלנע, און דורך פארשטשעמעטע ליפּען, אומגעעפענטע קוואלען און פאר־שמאכטע הערצער.

און א פראגע האָט אראָפּגעשיינט פון די ליפען פון אינגסטען:

„ווער אָבער, אלטיטשקער, האלט דעם שליסעל צום פּאלאַץ? ווער?"

דעם שליסעל צום פּאלאַץ

. . . און ווען די פארזאמעלטע אונטער די גרויסע שטערן זענען זיך צוגאַנגען יעדער אין זיין געצעלט, און ביימלעך האָבען זיך שטיל געשושקעט אין דער נאכט, און מדבר האָט געדראוועט אין פארטראַכטער רוה, און עס האָבען זיך צונויפגערעדט אַזוי נאָהענט ערד און הימעל, און לבנה און שטערן האָבען זיך איבערגע־קוקט, פונקט ווי זיי זאָלען זוכען אויסדרוק צו טיף־בעהאַלטענע געפיהלען.

. . . און ווען עס זענען פארשלונגען געוואָרען די לעצטע קולות פון ביינאַכטיגע מעשיות־דערצעהלער, און יעדער ביי זיך אויפן גע־לעגער האָט געקאָנט אריינקוקען אין זיין אייגענער נשמה און זוכען דעם פּתרון אין הארצען, זוכען און ניט געפינען —

אין יענער געבענשטער שעה איז אויפגעשטאַנען דער איינגסטער פון די יונגע, דער שווארץ־אויגיגער זוכער, און האָט געזאָגט צו זיין הארצען:

„יונג בין איך און שטארק, ווי דער פעלז אין מדבר, אָן וועלכען עס קלאַפּט דער רעגען און דער שטארקסטער שטראהל פון ברענענדער זון און ווערען צושמעטערט, און איינשטעלען קאָן איך, און ריזיקירען מיט מיין פרייהייט זאָל איך. איז פארוואָס ניט ארויסגעהן אין פינסטערער נאכט זוכען דעם שליסעל צום פיל־געזוכטען און קיינמאָל ניט־דערגרייכטען פּאלאַץ?"

און געטראַכט האָט דער שווארץ־אויגיגער, אז ווען ער וועט געפינען דעם שליסעל, און זיין אויג וועט אים צום ערשטען מאָל דערזעהן, וועט ער קענען שטארבען רוהיג, האָבענדיג אָפּגעטאָן די גרעסטע ארבייט פון זיין לעבען.

און ווייטער האָט געטראַכט דער שווארץ־אויגיגער, אז ווען ער וועט געפינען, וועט ער דעם שליסעל אין זיין קעשענע בעהאַל־טען, און ווען שטארבען וועט ער, און ניט קענען איהם ברייננגען צו די מענשען־קינדער, זיינע ברידער, וועט ער זיך אויסציהען אויפ'ן זאמד און א תפלה וועט נעכטיגען אויף זיינע ליפּען ביז זיין לעצטער אָטעם וועט אויסגעלאָשען ווערען, ווי א ליכט אין דער פינסטערניש.

וועט זיך פרעגלען זיין קערפּער אונטער זון, און יאָהרען וועלען אוועק ביז א קאראוואן וועט אָנקומען און ציהען אין דער ווייטקייט,

ביז נאָך א שווארץ־אויגיגער, ווי ער אליין איז, וועט לעבערן די לופט מיט זיינע אויגען, די בליציגע און זוכענדע, און באמערקען די ווייסע, פארטריקענטעביינער ארויסשטארצען פון אונטערן זאמד, און זיין הארץ וועט אויסגעהן פון רחמנות און ליבשאפט צו דעם אומשולדיג־אומגעקומענעם מדבר־מענשען, און ווי אן אדלער וועט ער ארונטערפליהען פון זיין קעמעל, און וועט זיך ווארפען צו זיינע פיס, און וועט וויינען און זיך בעטען :

„ווער ביסטו מדבר־מענש אומבאוואוסטער ? ווען האָסטו גע־לעבט און פארוואָס ביסטו געפאלען א קרבן ? און צוליב וועמען ?”

וועט ער זיך ארונטערלאָזען נאָהענט צו די ביינער, דער שווארץ־אויגיגער יונגער, און וועט זיי קושען מיטן אָטעם פון זיין מויל און האסטיג וועט זיין הארץ קלאפען. פערלדיגע טרערען וועלען זיך באווייזען אויף זיינע ברעמען און ער וועט בעטען גאָט פאר׳ן אומגעקומענעם פרינץ.

און דאן וועט פלוצלינג אויפבליצען פאר איהם דער גאָלדענער שליסעל, דער פיל־געזוכטער, און דער געפינער וועט פאלען צו דער ערד און וועט הויבען זיינע אויגען צום הימעל, און וועט זאָגען :

„גאָט פון דער מדבר, דו אלמעכטיגער שאפער פון אלעם ! — אָט פארוואָס דער אומגעקומענער איז אומגעקומען . . . ניט אומ־זיסט האָסטו געלעבט, ניט אומזיסט ביסטו געשטאָרבען.

„אין מיין יוגענד האָב איך געהערט פון די לעפצען פון זקנים דעם וואונדער־זיין פון שליסעל, און דו האָסט איהם געזוכט, און דו האָסט איהם געפונען. ווער ווייסט וויפיעל ליידען דו ביסט דורכ־געגאנגען ביז דיינע ליכטיגע אויגען האָבען אויפגעכאפט דעם אָפ־שיין פון שליסעל צום פאלאץ פון די סודות ? ווער ווייסט וויפיעל ליטערונגען דו האָסט געמוזט דורכגעהן און וויפיעל ליידען האָבען דיך דורכגעשניטען ? אָבער דו האָסט ניט געקאָנט אָנזעטיגען דיין אויג מיט דער גרעסטער פרייד, וואָס וועט אויפבליצען אין די אויגען פון די גליקליך־געמאכטע, און האָסט ניט זוכה געווען צו זעהען די באשטראהלטע פנימ׳ער פון זקנים, וועלכע האָבען אזוי לאַנג געבענקט, און דאָס גליק וואָס וועט רוהען אויף די מיט מילך־באַ־שמירטע ליפעלעך פון קינדער — קומענדע צום לעבען”.

און דער שווארץ־אויגיגער וועט זיך ניט קענען צוריקהאלטען,

פון צו ברײנגען דעם שליסעל אויף גיך צו די אָרימע מענשען־קינדער און זיי, ווייזענדיג דאָס געווינס, בעטען אז זיי זאָלען ארויסגעהן אויף די ברייטע וועגען און געפינען דעם פּאלאץ, וואו עס ליגען אָנגעגרייט פולע הויפענס מיט גליק פאר אלע, אלע מענשען־קינדער.

אזוי האָט געטראכט דער אינגסטער פון די יונגע — אין דער נאכט, דער טיף־פארטראכטער, נאָך דעם ווי די מעשיות האָבען זיך אויסגעלאָזט און די מענשען זענען געגאנגען אין זייערע געצעלטען.

האָט זיך דער אינגסטער פון די יונגע מיט מוט אָנגענומען, און געקומען צו א שטארקען באשלוס, און פּאוואָלינקע פארלאָזט דאָס געצעלט זיינס, דאָס שטיל־ביינאכטיגע, מיטנעמענדיג דאָס פּעקעלע, וואָס איז איהם איבערגעגעבען געוואָרען פון זיינע עלטערען און אור־עלטערען, און ארויסגעגאנגען איז ער אויפן וועג און האָט זיך געלאָזט געהן.

ניט געוואוסט האָט דער געבענשטער, דער געלייטערטער, וואוהין צו געהען, נור א מעשה האָט ער געהערט אז דער שליסעל צום פּאלאץ געפינט זיך דוקא דאָרטען וואו די זון פארגעהט, דאָרטען אונטער די האלב־חושכדיגע הימלען וואלגערט ער זיך ערגעץ־וואו אויף דער ערד, אָדער אין די טיפעניישען פון א הייל, און קיינער ווייסט ניט וואו.

בלויז דער געבענשטער וועט איהם אויסזוכען!

האָבען קליינע שטערענדלעך ארונטערגעוואונקען צום יונגסטען פון די יונגע, און זיי האָבען איהם זייער ליבע געשיקט און זיין הארץ באגאָסען מיט איידעלער שיין און ליבליכקייט, און האָבען איהם מוט געגעבען, און געשטארקט האָט די ערד זיינע פיס, אז שפּאנען זאָל ער קאָנען צום ווייטען מערב, דאָרטען ביי סאמע זון־אונטערגאנג.

איז אויפגעשטאנען א לויטערער פריהמאָרגען אויף די געצעלטען אין דער מדבר, און מענשען־קינדער האָבען געהאט אזעלכע שיינענדע פּנימער און לייכטע הערצער האָבען געקלאפּט אין די ברוסטען, ווייל שעהן איז דער פריהמאָרגען געווען נאָך דער נאכט פון מעשיותלעך ליבע, און אזוי מחיה׳דיג איז די לופט געווען, אז עס האָט זיך געדוכט, אז מלאכים׳לעך זיינען ארונטערגעקומען פון הימעל־הויך און שוועבען ארום פון איין ווינקעל צום אנדערען.

אָבער ווי שעהן דער הימעל איז געווען און ווי שפּיגעלדיג — די ערד אונטער די פיס, אזוי האָט א טרויער ארומגעכאַפּט די זקנים און די יונגע, ווען זיי האָבען אָנגעהויבען צו זוכען דעם שווארצ־אויגיגען זוכער, וועלכער איז פארשוואונדען פלוצלינג און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען.

האָט מען געפרעגט:

„האָט א ווילדע חיה איהם פארצוקט?" —

„איז ער אליין אוועק אין דער מדבר און איז פארלאָרען געוואָרען אין אן אָבגרונד א זאמדיגען?" —

„אָדער האָט ער זיך פארקוקט אויף זון־אויפגאנג און האָט אין חלשות אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטעם?" —

האָט א קלאָג־ליד זיך אויפגעהויבען פון די ליפּען פון די מדבר־קינדער און, הגם זיי האָבען ניט אויפגעגעבען די האָפנונג צו געפינען דעם טייערען פריינד זייערען, האָבען זיי אָבער ניט געקאָנט צוריק־האַלטען זיך פון קלאָגען אויף זיין גורל. ווייל דער גרעסטער קלאָג מאָמענט אין זייער לעבען איז געווען ווען איינער פון זייעריגע האָט פארבלאָנזשעט.

זיי האָבען ניט געוואוסט, אז דער פארבלאָנזשעטער איז אוועק אויפ'ן ברייטען שליאך מיט א פעסט־באַשטימטען ציל צו געפינען דאָס נאָך ניט געפונענע — דאָס צו וואָס אלע האָבען געשטרעבט.

האָבען זיי איהם באדויערט, שטארק באדויערט, און אויסגע־רופען איבערן צוואָרפענעם ישוב:

א קלאָג אויף דער נשמה פון פארפאלענעם שווארצ־אויגיגען.

בלויז איין מאן פון די מדברדיגע מענשען האָט עטוואָס יאָ געוואוסט — דער אלטיטשקער מיט דער זילבערנער באָרד, און געזאָגט האָט ער צו די קלאָגענדע:

„באוויינט ניט אזוי שטארק, ווארים עס איז מעגליך אז איהר וועט נאָך דארפען פרעהליך זיין — און כוח דארף מען האָבען פרעהליך צו זיין".

אָבער די מדבר־מענשען האָבען ניט געוואָלט גלויבען, און זייערע אויגען האָבען בלויז געזאָגט:

אפשר, אפשר . . .

און געצווייפעלט האָבען זיי אין די טרייסט־ווערטער פון אלטען, גוטען טרייסטער.

אונטער'ן שיין פון מאָרגענשטערן

איז געגאנגען דער געהער איבער ניט־אויסגעטראָטענע וועגען פון דער מדבר, און דורכגעשפּרייזט האָט ער לאנגע שטחים, און אריינגעבליקט האָט ער אין אָאזיסען, ניט אָפּשטעלענדיג זיך, נאָר געצויגען ווייטער אויפ'ן וועג. ווארים געוואוסט האָט ער אז אן אויפגאבע האָט ער גענומען אויף זיך, און קורץ איז דאָס לעבען, און שוואך איז דער מענש, און ער האָט זיך אפילו ניט פארגונען צו טראכטען א מינוט וועגען זיך.

און ווען ער איז מיד געוואָרען צו קוקען אין יעדער זייט, און זוכען דאָס וואָס ער האָט געהאלטען אלס זיין הייליגסטען סוד — דעם סוד פון זיין לעבען, און די ערד האָט איהם שוין מעהר ניט געוואָלט דערטראָגען, און די קניע האָבען זיך געבויגען, און דאָס אויג, דאָס ברייט־קוקענדע און טיף־זוכענדע, האָט אָנגעהויבען זיך צומאכען, האָט ער אויפגעזוכט א זייטיג שטעגעל, און געפונען פאר זיך א קליינעם שטיין, וואָס האָט זיך געוואלגערט אין דער מדבר, א פאַרטראָגענער פון דער ווייט, א פארהוילענער אין זיך, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט, דער שווארץ־אויגיגער, און זיך פארטראכט . . .

האָט ער אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן דעם מאָרגענשטערן, האָט זיך איהם געדאכט, אז דאָס זעהט ער פאר זיך די בלייכע בת מלכה, און א גרויל האָט איהם דורכגענומען.

האָט ער זיך פארוואונדערט אויף זיך אליין און האָט ניט פארשטאנען דעם זין דערפון.

און געזאָגט האָט ער צו זיך אליין — צום בעהאלטענעם פּינטעלע, וואָס איז אויסגעגאנגען און געבענקט אין איינזאמקייט:

„בלייך און פרעכטיג איז דאָך די מלכה פון פריהמאָרגען, און הארציג־זיס און הארציג־מילד איז איהר שיין — נאָך וואָס זשע דער גרויל? און פארוואָס ווערט ניט מיין נשמה ארומגענומען פון דער זעלבער גוטסקייט, ווי שטענדיג, ווען זי האָט זיך געבאָדען אין וואסער־שיין פון דער בלייכער מלכה?

„איז עס מעגליך אז דער גרויל קומט טאקע פון איהר בליק,
פון איהר וואָס באדויערט מיך ?

„איז עס מעגליך, אז די מלכה פון ווייסען פריהמאָרגען ווייסט,
אז אומזיסט איז מיין זוכען און אז שטארבען וועל איך אין מיטען
זאמדיגען וועג ?

„און — אז אויסגעגאָסען בלוט איז עס אויף א שטיינערנעם
באדען, וועמעס פלעקען דער ווינט פארגלעט מיט זיינע האַריגע הענט?"

אָבער פלוצלינג האָט ער דערהערט א שטימע וואָס רופט אויס
ווי פון אונטער דער ערד :

— שווארצער יאוש שלעפט אין די אָבגרונדען — זיי פאַר־
זיכטיג ! און דער וואָס לאָזט זיך אוועק אין די ווייטען צו זוכען
דאָס בעהאַלטענע טאָר זיך ניט ארונטערלאָזען, אפילו אויף א מינוט,
אין די שווארצע קארידאָרען פון נשמה־וועהען.

— גאָט אנטפלעקט זיך בלויז צו געצעהלטע. איינער פון א
דור אָדער צוויי ווערען זעהעוודיג, און אזוי וועט עס אָנהאַלטען פאר
טויזענדער יאָהרען.

די גאנצע וועלט ליגט צווישען דעם איז און דעם נאָך ־ניטאָ.

דער ניטאָ פילט אָן דעם גאנצען אוניווערז מיט דער בענקשאפט
וואָס ער גיט פון זיך ארויס — זיך צו באהעפטען מיט אן עפּעס.

דו ביסט א געבענשטער, א געלייטערטער, ווייל א פארבענקטער—
און פון די געצעהלטע.

שטעל זיך ניט אפּ פאר'ן גרויל און פארליר זיך ניט אין נשמה־
פינסטערניש !

און צוגעהערט האט זיך דער שווארצ־אויגיגער, וועמען גרויל
האט ארומגעכאפּט, צו דער שטימע פון די טיפען, און צוגעלייגט זיין
אויער צו יעדען קלאנג און געשטווינט :

די שטימע קומט גאָר פון מיר גופא, פון מיין הארצען . . . איז
עס אמת, אז אין מיר לעבט נאָך עמיצער, וועלכער איז איצט א גאסט
אין מיין הארצענס־הויז און לאזט זיך הערען דורך שטילע קלאנגען ?

און געהערט האט דער שווארצ־אויגיגער און אריינגעזאפּט יעדען
שאָרך אין זיך, און זיינע אויגען, צופינקעלטע, האָבען איהם ווייטער
געצויגען. געבענשט האָט ער דעם טאָג פון זיין געבורט און מיט

א געזאנג אויף די פארשמאכטע ליפּען האט ער זיך אויפגעהויבען און איז געגאנגען ווייטער.

האָט גאָט געבענשט זיינע טריט און געשטארקט זיינע כוחות און געפיהלט האָט ער, דער אינגסטער פון די יונגע, אז טראָט צו טראָט גע־מאָסטען, דערנענטערט ער זיך צום זון־אונטערגאנג און דאָרטען ערגיץ־וואו ליגט דער פיל־געזוכטער שליסעל.

אָבער א געדאנקעלע, א קליינס, א פארהוילענס אין א ווינקעל פון זיין מוח, האָט געפרעגט :

„פארוואָס ציהט מיך מיין הארץ צום מערב, דעם האלב אין חושך איינגעהילטען ?

פארוואָס איז דוקא דער שליסעל אויסבעהאלטען געווארען פון יענער זייט זינקענדער זון, ווען זי באָדט זיך שוין אין ביינאכטיגע וואסערן פון שטילע אקעאנען, און נאָכדעם ווי זי האט זיך שוין גע־האט אפּגעזעגענט מיט דער ליכט־באגאָסענער ערד ?"

האָט דאָס הארץ זיינס איהם אונטערגעזאגט אזוי :

„דווקא אין חושך, ווייט נאָכ'ן זון־אונטערגאנג, ליגט בעהאלטען דער שליסעל, דער געליבטער.

ווארים ווייט איז דער ציל פון מענשען נאָך, און פינסטערנישען געדיכטע דארף ער דורכגעהן צום ציל, און דחקות'ען גרויסע וועט ער דארפען אויסטראגען ביז ער וועט זיין ראוי. די זון אין איהר ליכ־טיגען אויפגאנג און אין איהר היילענדער שיין איז געשאנקען געוואָ־רען די וואס נויטיגען זיך אין איהר — די אויף וועמעס לעבען איז נאָך ניט אויפגעגאנגען דער גרעסערער פריהמאָרגען, דער ליכטיגערער, דער אין וועמעס שיין עס וועלען טונקעל ווערען די גרויסע זונען פון בריהענדע זומערס.

די איינצעלנע זוכענדע — זיי, די טרעגער פון שווערע לאסטען, די געבאָרענע פאר גרויסע טאטען, די באָדענדע זיך אין טיפע וואסערן פון נשמה־ווייען, זיי מוזען מוותר זיין אויף ליכט און געהען זאָלען זיי אין דער פארקערטער ריכטונג, און זיך לאָזען—אין דער נאכט אריין".

און טראכטענדיג אזוי, איז די נאכט, מיט איהרע פינסטערע פליגעל, צוגעקומען צו איהם, און געגלעט זיינע באקען אזוי איידעל־פריינדליך ווי א גוטע מאמע, וועלכע האָט ליב איהר קינד, און האָט געזאגט :

„מיינער ביסטו! אפשר וועסטו מיינער זיין אויף אייביג.

„ווארום שווער איז דאָך דער וועג אין דער נאַכט אריין אויס־צולייגען, און ווער עס לאזט זיך אויף איהם, ווערט דער נאַכט'ס א קינד.

„און דו וועסט א באלוינונג האָבען, קינד!" — האָט זי איהם געגלעט מיט איהר ווינטעלדיגער האנט — און גערעדט:

„אויסבענקען וועסטו דיין לעבען און דעם שליסעל בלויז זעהען, אָבער ניט ברייגנען צו דיינע, די זון־באזועלטע".

האָט דער שווארץ־אויגיגער א ליבע געפיהלט צו דער נאכט, דער שאָטענדיגער, דער מיט שווארצע פליגלען פארשטעלטער, און ער האט איהר אויסדערציילט זיין הארץ און האט געזאגט:

„איך בין גליקליך!...".

און ווען דאס וואָרט, דאָס הייליגע, איז ארויסגעזאגט געווארען פון זיינע ליפען — און מיט אמת איז עס געזאגט געווארען, און מיט ברכות, האָט זיין ערשט־דערראבערטע פריינדין, די נאכט, די טיף־פאר־טראכטע, די פאר'חלומטע, צועפענט איהר שוים און איהם געוויזען דעם שליסעל דעם גילדערנעם.

האָט זיך א פלאַם־פייער אנגעצונדען אין זיינע אויגען, די גרויס־און ברייט־צועפענטע, און זיין הארץ, דאָס האסטיג־קלאפענדע, ווי א זייגער צום טאקט, האָט געוואָלט ארויסשפרינגען פון זיין ברוסט און אָנכאפען האט ער געוואלט דעם שליסעל און אנטלויפען האָט ער גע־גלוסט און אינ'ם געשריי אויסגעהן...

אָבער נאָהענט צו זיינע מיט־מענשען, צו די אומגליקליכע, אז זיי זאָלען קאָנען ווען עס איז איהם געפינען, דעם שליסעל דעם גילדערנעם.

די נאכט, די באפליגעלטע, האָט ניט געלאזט. זי האט מיט איהר גלאטער האנט זיין מויל פארשטעלט, און האָט איהם געזאגט:

„בלויז בארויבטע אדער באפאלענע פון רוצחים וויינען אין דער נאכט און בעטען זיך, אדער קינדערלעך מיט פארשמאכטע מיילכעלעך קלאָגען, ניט וויסענדיגערהייד; דו ביסט ניט בארויבט און ניט באַ־פאלען פון קיין רוצח; פארקערט, ליב האָב איך דיך, ווי דער קוואַל האָט ליב די ערד איבער איהר צו פליסען, ליב ווי דער זון־שטראַהל זיך אפצושפיגלען אין שפיגעל־וואסער פון די טייכען.

„דו געה בעסער צוריק צו דייניגע — די פארבענקטע, די ווענ־

נער פארבענקטע ווי דו, אז זיי זאלען וויסען דעם ערשטען סוד פון אלע סודות:

צו נעפינען דעם שליסעל דארף מען זיין נעלייטערט — דורך לײדען.

נעלייטערט דורך לײדען מיינט זיין נאט איבער זיך אליין — זיין גאנץ".

און דער איננסטער פון די יוננע, דער שווארץ־אויגיגער זעהער, האט נעפרעגט:

„זאג מיר, מאמע־נאכט! — וואו איז דער פאלאץ?"

שווייגענדיג איז די נאכט געבליבען און טראכטענדיג ארונטער־נעלאזט איהרע לאנגע ברעמען, און זעהען האט מען נעקאנט, אז זי האלט איהר סוד און קאן איהם ניט ארויסגעבען.

אבער זי האט רחמנות געהאט אויף דעם איננסטען פון די יוננע און האט נעוואלט פארלייכטערען זיין שמארץ, און רעדען האט זי ניט נעקאנט, און זאגען האט זי מורא געהאט . . .

האט זי מיט איהר גרויסען פינגער א שווארצען קרייז נעמאכט ארום דעם שווארץ־אויגיגען, און האט איהם צוגעפרעסט די ליפען, אז ער זאל ניט קענען פרעגען מעהר, און ער האט דערזעהען פאר זיך דעם פרעכטיגען פאלאץ, וואס איז אויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען ווי א לאבירינט מיט אונצעהליגע קעמערלעך . . .

„האסטו נענוג געזעהען? ביזטו אנגעזעטיגט?" — האט די נאכט נעפרעגט.

„איצט נעה! ——

„און — ווען דו וועסט זיין ווייט, ווייט פון דאנען, צוריק אונ־טער די בלויע הימלען, זאלסטו טראכטען וועגען דעם וואס דו האסט נעזעהן און בלויז ווען דו וועסט שטארבען, ביי דער סאמע לעצטער מינוט, מעגסטו אויסזאגען א טייל פון דעם וואס דו האסט געזעהן".

האט דער שווארץ־אויגיגער געכאפט דאס פעקעלע און איז אוועק — נעלאפען איז ער ווי א יונגער הירש איבער די שטרעקעס, און ערשט ווען ער האט זיך אפגעשטעלט און האט זיך אוועקגעזעצט, האט ער נענומען טראכטען און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פון תענוג.

די זעהונג

דאָס קליינע פעקעלע אויף דער פּליצע ארויפליינענדיג, שלעפּט זיך דער שווארץ־אויגיגער צוריק אויפ'ן וועג אהיים; אוועק איז די נאַכט, פארשוואונדען, ארונטערציהענדיג איהר שלייער פון זיין פּנים און באהאלטענדיג זיך אין טיפענישען . . .

האָט דער אינגסטער פון די יונגע, דער שווארץ־אויגיגער זוכער אין די ווייטען, זיך קוים געקאָנט דעראינערען אָן די זעהונגען פון דער נאַכט, דער פארלאָפענער, ווארים צו באצויבערענד זיינען זיי געווען, און צו בלענדענד פאר זיינע אויגען, און א פארזאג האָט ער געהאָט, און געדיינקט, ניט אויסצוזאגען קיינעם, נור שטום־שווייגענדיג זאל ער טראָגען דעם סוד פון פּאַלאַץ, און בלויז פאר'ן טויט — ערשט ווען דאָס לעבען וועט זיך אפּגעזעגענען מיט איהם — און די זעהונג וועט זיך באווייזען נאָך אמאָל, זאל ער ארויסרעדען דעם סוד, אבער פארזיכטיג זיין אין רעדען, און אמת זאָל עס זיין.

אנגעקומען איז ער צוריק צום אָזיס, ווען די שאָטענס האבען געלעקט די זוימען.

א מידער, קוים־קוים שלעפּענדיג זיך איבער'ן וועג, דעם אויסמאטערענדען, איז ער אוועקגעפאלען א האלב־פאר'חלשטער אויף דער ערד, דער קיהלער, און פארמאכענדיג די אויגען, האָט ער ניט געזעהן וואָס עס קומט פאָר ארום איהם, ווארים דער גערויש האט ניט דערגרייכט זיינע אויערען און בלויז איין געדאנק האָט דורכגעבליצט, ווי א פייער־שלאַנג, אין זיין מוח:

אפשר קומט ער, דער בייזער טויט, און . . .

און ער האט געזעהן פאר זיך פון די שווערע נעפּלען ארויסשווימען, מאיעסטעטיש און זיכער, א הויכען פּאַלאַץ אויסגעציגעלט פון דימענטען, רובינען און בריליאנטען — יעדער ציגעל גלאנציג און לויטער קריסטאל, און פּערל האָבען ארויסגעשיינט, און פלאַמפייערדיגע שטיינער מיט מינענדע־ זיך קאָלירען, פּרעכטיגע.

און — די שעהנקייט האָט געצויגען זיין הארץ אויף אויסצוגעהן, געצויגען און געצויבערט, און גערופען צו זיך:

„קום און באהעפט זיך, ווער אויך א דימענט אין מיין קרוין — זעה מיין שעהנקייט און ווער באשיינט!"

טורעמס צונויפגעגאָסענע, מיט קופּאָלען גלאַנציגע אנטקעגען שיין פון דער זון. אין מיטען א הויכער, דער העכסטער, וואס האט דערגרייכט ביז'ן סאמע הימעל, און האט זיך אפּגעשפּיגעלט פון זעניט, מיט'ן שפּיץ ארונטער.

אויפ'ן שפּיץ האָבען געפלאמט — געברענט אין רויטען פייער — די בוכשטאבען: גערעכטיגקייט!

בלוט־רויטע בוכשטאבען אין א טייך פון פלאמען, וועלכע האבען זיך געריסען אין אלע זייטען. ביי די זייטען זיינען געשטאנען צוויי נידריגערע טורעמס, מיט קופּאָלען מילך־ווייסע, אומבאפלעקטע פון קיינעם, און פון אויבען אויפשריפטען: נאטור! גאָט!...

מיט פארשטשעמטע ליפּען, שטייף־פארשלאָסענע, איז געלעגען דער שווארץ־אויגיגער און אריינגעקוקט אין דער פלאמיגקייט פון הויכען טורם־קופּאל, און געכאפּט א קוק אויף די ווייסע, און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען נאך דער ווייסקייט, ווארים זי איז געווען אזא ריינע, אזא אומבאפלעקטע, ניט־געמישטע, און געזעהן האָט ער געשטאלטען דורכזיכטיגע, זיצענדיג אונטער די אויפשריפטען, און געהיט האָבען זיי די ווייסקייט, און ניט אפּגעטראטען, ווי שומרים פארשטארטע, פון זייערע פלעצער, ניט ריהרענדיג זיך, ווי פארשטיינערטע.

האָט זיין הארץ געכליפּעט אין דער שטיל:

„גאָט מיינער! — די כוחות אָט געהען מיר אויס.

„גיב מיר פליגלען ארויפצופליהען צו זיי, די אומבאפלעקטע שומרים, און קושען זיי פון הארצען ארויס, און זיי האלזען און אומארמען.

„ווי קאן איך בלייבען דאָ אויף דער ערד, דער קאלטער, ווען פאר מיינע אויגען פלאמט דער פּאלאץ?

„האָסטו מיך, גאָט, אומיסטנע שוואך באשאפען, און קליין, און אומבאהאָלפען אוועקגעלייגט דא אויפ'ן גראָז, אויסצוגעהן אין בענקשאַפט?

„כ'פּיהל מיין הארץ ווערט צוריסען פון ווילען — זיך צו באַהעפטען מיט דיר, און אריינגיסען מיין בענקשאַפט אינם גרויסען ים פון דיין נשמה, גאָט, מיין גאָט!

„אָבער גענוג פאר מיר איך זאל זיך אוועקזעצען ביי דיינע פיס,

און זיך באדען אינ'ם גלאנץ פון דער גרויסקייט, און זעהען בלויז דיין נאקען — גאָט אל־מעכטיגער !"

זיינען זיינע אויגען פארלאָפען געוואָרען מיט טרערען גרויסע, און לויטער זיינען זיי געווען ווי די קריסטאל־לויטערקייט פון די ווייסע טורעמס, און געזעהען האט די ווייסקייט דעם מענשענ'ס וועה און געוויזען האט זי איהם דעם וועג צו די הויכע געדאנקען.

זיינען געלאפען ווי צום טאנץ און זיך פארפלאָנטערט הארמאָניש געדאנקען און געדאנקעלעך, און אויסגעפלאסטערט האָבען זיי פאר איהם דעם זין פון דעם געוויזענעם, פאר איהם, דעם ליגענדען אויפן זאמד־פלאך מיט גראָזיגען צודעק אונטערגעבעט :

און געזעהען האט ער ערשט דאס וואס ער האט ניט געזעהן קיינמאָל.

פולע הויפענס שעהנקייט און פראכט האָט גאָט צוגאסען איבער דער ערד, און אין יעדען מענשען איינגעקנאָטען שטיקער ליכט, אויס־באהאלטען פון איהם אליין.

און קוואלען רייכע און פרישע האט ער צועפענט אין יעדער הארץ און זיי דערנאָך פארחתמ'עט מיט טויזענדער חתימות, און דעם שליסעל צו דער חתימה אויסבאהאלטען פון אויגען קוקענדע און אויגען בענקענדע.

בלויז געצעהלטע האבען געוואוסט דעם שפרוך צו עפענען די חתימה.

אין עקסטאז האָט דער שפרוך געדארפט ארויסגערעדט ווערען— אין דער פארטונקלונג פון שכל אונטער דעם דראנג פון א ווילען, וואס איז שטארקער פון יעדען געדאנק און טיפער פון יעדען געפיהל — א דראנג וואָס איז געגליכען צו משוגעת.

וואהנזיניגע ליבע — זי, די פרינצעסין פון די הויכען, האט גע־קאָנט באגליקען יעדען איינעם פון די געצעהלטע, און האט באגליקט.

זיינען די אין־נידער־געבאָרענע, די טרעגער פון פאר'חתמעטע קוואלען, די בארויבטע פון קראפט און זעהונג, ארומגעגאנגען ווי בלודנע שעפעלעך אויפ'ן באָדען, פארבלאָנדזשעטע, צורודערטע.

גערופענע זיינען זיי אלע געווען, אבער ניט־דעררופענע, ניט הערענדע ; ווארים אויערן האבען זיי געהאט פארשטאָפטע און אויגען — ניט זעהענדיגע.

וואלטען זיי ניט געווען געקאנט אויסהאלטען זייער פינסטערניש, און וואלטען זיכער געווען אויסגעגאנגען פון זייער אומזיכערקייט און ליידינקייט, ווען ניט, צייטענווייז, א מאמענט פון עקסטאז, וואס האט זיך צו זיי איבערגעגעבען פון די זעהענדיגע — דער סולת און דער זאלץ פון דער ערד.

טרוימער האבען זיי די זעהעוודיגע גערופען, און נביאים — די הערער!

געבענשטע אין די נביאים'ס גליק זיינען אלע געווען, און גע־לייטערטע אין דיכטער'ס זעהונג — די פארטויבטע. אין די געזאנגען אויסגעבאדענע האבען זיי געצויגען כח ווייטער צו לעבען און איינ־געטונקענע אין דער העלער ווייסקייט פון זייערע הערצער, האבען די פארבלאנדזשעטע געקאנט אויפהויבען זייערע אויגען און קוקען אין דער הויך. אהן די גרעסערע גייסטער זיינען די מענשען־קינדער גע־בליבען אין דער נידער, אין די זומפען צו קריכען ווי פראשען פאר־ברודיגטע . . .

אזוי האבען זיך געפלאנטערט די געדאנקעלעך אין מח פון שווארץ־אויגיגען, ליגענדיג אויפן גראז א האלב פאר'חלשטער, און געוואלט האט ער טראכטען טיפער אין אנבליק פון פאלאץ, דעם פיל־קאלירינגען, און געוואלט האט ער זעהען נאך ברייטער און ווייטער, דערזעהען די סאמע ברעגען פון דער וויזיע.

און אנגעשטרענגט האט ער זיך מיט אלע כוחות, ווארים גע־טראכט האט ער, אז זיין טרוים איז דער סאמע לעצטער, דער טויט־ברייננגענדער, דער צוגעזאגטער פון דער נאכט, דער שווארץ־מאג־טעלדיגער . . .

און — אויב שטארבען איז שטארבען ווי א העלד מיט דער שיין פון גליק אויף די ליפען און מיט דער פולער ברכה אויף די אויגען . . .

אבער פלוצלונג איז פארשוואונדען דער פאלאץ, און די טורעמס האבען זיך אפגעטאן פון זיין אויג, און געבליבען איז ער ליגענדיג א פארשמאכטער.

וואסער! וואסער! — האבען זיינע ליפען געמורמעלט.

אזוי שטארק געוועהטאגט האט זיין הארץ, און אויסגעגאנגען

איז עס ניט פון בענקשאפט, די באגייסטערענדע, די עקזאלטירענדע, נור פון שווארצער בענקשאפט . . .

האָט ער די אויגען געעפענט און דערזעהן מענשען אסך ארום זיך, און דערהערט האָט ער קולות:

— אָט איז דער אינגסטער פון די יונגע! ראטעוועט איהם! ברייגנט איהם אריין אין געצעלט!

דערוואַרעמט זיינע ביינער, די פארקיהלטע! . . .

איז איהם א גרויל אריבער איבער'ן לייב, און געטראכט האָט ער:

איז עס מעגליך אז זיי ווייסען גארניט פון דעם וואס כ'האָב געזעהן? איז עס מעגליך אז זיי זעהען נור דעם אָאזיס און די גרויסע סודות פון דער וויט האָבען קיינמאָל זייערע הערצער ניט בארירט?

אזוי האָט ער געטראכט, דער האלב-פאר'חלשטער, און ער האט אין דער געדיכטער פינסטערניש פארשלאָסען נאך אמאָל זיינע אויגען און האט זיך איבערגעגעבען צו די ניט-ווייסער, אז זיי זאלען טאן מיט איהם וואס זיי ווילען.

אבער טיף אין זיין הארצען איז געבליבען איין פלעמעל ברענען— ארויסגעראטעוועט פון גרויסען פלאַם, דעם אומבאוואוסטען.

דאָס שנירעל פערל

דער אינגסטער פון די יונגע האט פארלאָרען דעם גלאַנץ פון זיינע אויגען, די שווארצע, פונקט ווי די זון, די מדברדיגע, זאָל האָבען אויסגעגעסען מיט איהר שיין דעם ים פון פייער וואָס האט געגליהט אין זיי, און ווי פארלאָשענע האלעוועשקעס האָבען זיך געדוויכערט אין זיי, און ארומגעגאנגען איז ער א פאר'חושכטער, ווי די נאכט, די שווארץ-מאנטעלדיגע, וואָס האָט איהם געהאט גע-גלעט און געצערטעלט.

געשוויגען האָט ער, אָבער טראכטען ניט געקאָנט. ווי אַן אָפגעמעקטע טאבעלע איז זיין מוח געווען, און ווי א שטיק ליים א קלעפיגס, האָט זיך אין זיין ברוסט געוואלגערט דאָס הארץ.

וואו זענען אהינגעקומען, שווארץ-אויגיגער, פארטונקעלטער, — וואו זענען אהינגעקומען דיינע געפיהלען, די ברויזענדע?

און ווען געפרעגט האָט מען איהם, האָט ער זיינע פארטונ-קעלטע אויגען אין דער הויך געהויבען — צום הימעל געהויבען,

און געשוויגען. ניט א וואָרט, ניט א קלאנג איז פון זיין מויל ארויס; א פארשלאָסענער פאלאץ, א פינסטערער, איז ער געווען, אן ארומגע־הענדער, א קוקענדער אין זיך.

האָבען איהם געזעהן די מדבר־מענשען, און נאָך מעהר געקלאגט אויף זיין שווייגענדער קלאָג, און מעהר ווי ביי זיין פארפאלען ווערען איהם באוויינט. ווארים דעמאלט איז די טראגעדיע געווען אויסער זייערע אויגען און וויט אוועקגערוקט. אבער איצט האט די טראגע־דיע פארפינסטערט זייער בליק און זיך ארייגעריסען אין זייערע גע־פיהלען, די שטיל־טייכעלדיגע, און א חורבן אן אייביגען געזעעט אויף זייערע הערצער.

אזא שעהנקייט, א בלענדענדע, איז פארפינסטערט געווארען, און אזא ליכטיגקייט?

און א שאלה האָט געפיקעט זייער מח, אָהן אן ענטפער:

פארוואָס?

ניט געקאנט האבען זיי דעם זין פארשטעהן און ניט באגריפען האָבען זיי דאס געשעהענע, און געמורמעלט האבען זיי אין דער שטילקייט פון נעכט, טיף פארטראכטע:

„אפגעבריהט האָט ער זיך. צופיל ליכט געוואלט. אין די אומ־באוואוסטע ווייטען זיך אוועקגעלאָזט, און געשארט מיט הוילע הענט ברענענדע קוילען.

„א רחמנות!“

און פערל־טרערען זיינען אראָפּגעהאנגען פון זיינע ברעמען, און געוויינט א טיף געוויין האט דער אָאזיס ארום און ארום.

אָבער דער אלטיטשקער מיט דער ווייסער באָרד, דער זילבערדרי־גער, האָט זינט דעם אומקעהר פון איננסטען קיין רוה ניט געהאט און קיין שמחה ניט געפילט. אנטלאָפען אין מרחקים איז זיין נשמה און זיך באזעצט ערגיץ־וואו אויף די פעלזענס פון איינזאמע ברעגען, און געוויינט האָט זי, און געביינקט, און געזוכט דערלייכטערונג אין איינזאמקייט.

ביז דער וועה האָט אָנגעצונדען זיין הארץ, און אויסבעהאלטען לענגער האט ער ניט געקאנט. האט ער זיך אויפגעהויבען האסטיג פון זיין געלעגער אין גרויען פריהמאָרגען, און האט אויפגעזוכט אין קעסטעלע, דעם פארבליבענעם בירושה פון זיינע עלטערן, דאס פינ־

קעלדיגע שנירעלע פּרעל, און האט מיט איינגעהאלטענע טריט זיך גע־לאָזט געהן צום געצעלט, דעם פאראיינזאמטען, וואו דער טונקעל־אויגיגער איז געלעגען ווי א שטיין א שטומער.

„זאָג מיר נור, טייערער, זאג מיר, ליבער! וואס איז געשעהן מיט דיר אינ׳ם מערב־לאנד, דעם פינסטערען? און ווער האט עס צוגענומען דעם גלאנץ פון דיינע אויגען, די אמאָל גליהענדע, און די רוה — פון דיין הארצען — אויסגערויבט?“

האָט געציטערט דאָס לייליך, אויף די שטאנגען, פון ווינטעל, דעם קיהלענדען, און די ערד, אונטער די פיס פון אלטיטשקען, האָט פארשלונגען די טרער, די געלייטערטע, און געשוויגען האט דער יונ־גער, און געענטפערט האָט ער ניט, ווארים שווער איז געווען פאר איהם צו זאגען א ווארט פון שקר און דעם אמת אויסזאגען האט ער ניט געקאָנט.

איז דער אלטיטשקער צו זיינע פיס געפאלען, און געקושט זיינע טריט האט ער, און פארלייכטערט דאס הארץ זיינס מיט׳ן געבעט אויף זיינע ליפען, און אויסגעשטרעקט האט ער דאס שנירעלע פּערעל און דערלאנגט דעם טונקעל־אויגיגען, און אזוי געזאגט צו איהם:

„א פייל פון מיין בויגען האט דיין הארץ געלעכערט און אויף די פליגלען פון מיין ווינט האָסטו זיך אויפגעהויבען און גע־טראגען אהינצו וואו דו האסט דעם גלאנץ פון דיינע אויגען פארלאָ־רען . . . איז נעם אויף מיט צועפענטע ארמס די מתנה, דאָס שני־רעלע פּערל, און זאל דאס זיין א פארגיטיגונג פאר דיינע לײדען, די באלעסטיגענדע . . . דערלייכטער מיין שולד, און קייקעל ארונטער דעם שטיין פון מיין הארצען“.

האָט געהערט דער אינגסטער און א שטארק רחמנות־געפיהל איז איהם באפאלען אויף׳ן אלטיטשקען, און געזעהן האָט ער זיך ועלבסט אן אלטער, אָט א געבויגענער, מיט׳ן האָרב פון 80 זומערס און 80 ווינטערס אויף די פּלייצעס, און דאָס מאָל א טראכט געטאָן צו זיך, ניט זאָגענדיג:

עס קאָן דאך זיין אז איך וועל ניט שטארבען . . . עס קאָן דאך ויין, אז דאָס איז מיין בילד, וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ פון איהם, ווי עס שפּיגעלט זיך א בוים אין א טייך א לויטערן . . .

און —

ווען ער האט דאס געטראכט, האָט ער באלד גענומען פארשטעהן דעם זין און האט אויסגעשטרעקט די האנט צום שנירעל פּערעל, און עס גענומען פון זקנ'ס ציטערדיגע הענט, און עס אויפ'ן האלז אנגע־טאָן, און די ריינקייט פון יעדען פּערל אויף זיין הארצען איינגע־פּרעסט, און לייכטער איז איהם געווארען די לאַסט, און דערזעהן די ליכט פון טאג האָט ער.

— באשיידען לעב — האָט דער אלטיטשקער געזאגט, — און שטיל טראכטענדיג כעסט אָפּ דיין לעבענס־וועג, און היט יעדען פּערל ווי דאס אויג פון קאָפּ, און דעמאלט וועט אויפגלאנצען אין דיר די רוה און זעהען וועסטו דיין אייגענע געשטאלט ווי אין א שפּיגעל.

— ווייסטו וואָס ס'מיינט רוה, — קינד מיינס?

דאָס איז די געבענשטע האנט וואָס פלאנצט לעבען אויף די פעלדער פון הארץ און נשמה. דער עיקר איז צו זיין ניט א האר אי־בער יענעם, נור א האר איבער זיך. ערשט דעמאלט הערשסטו אי־בער זאכען, און ניט די זאכען הערשען איבער דיר, און עס וועט רוהיג אויף די לאנדשאפטען און מ'קאָן איינזאפּען אין זיך גאָט'ס גייסט.

א ברעקעלע גליק איז דא אין לעבען — א קליין־קורצינקע מי־נוטקעלע לעבט א מענש, און גענוג איז פאר איהם, ווען ער געפינט דעם שליסעל צו זיך; גענוג און איבערגענוג.

ניט אלע קענען אבער ארויסקריכען פון אייגענער הויט און זיך אוועקשטעלען דרויסען פון זיך און זיך זעלבסט אנפאנגען פארשטעהן. דער „ניט“ לערענט עס אויס. ניט דאס וואס גלוסט זיך, און עס ווערט מקוים אויפ'ן שטעל, גיט גליק און צופרידענהייט. נור דאס וואס גלוסט זיך און עס קומט דער „איך“ און שרייט אויס דונערענד:

— ניין, ס'זאל ניט זיין!

דאָס שנירעל פּערל נעם פון מיינע הענט, טייערער! בלויז איי־ניגע פּערל זיינען אויפגעשנירעלט אויפ'ן פאָדים, דעם דינענקען, ווייסע און שעהנע פּערל. דריק זיי צו דיין הארצען און זאָל זייער שיין אויפגעהן אין דיין מוח קלאָהר און ליכטיג.

האָט זיך צוגלאנצט די שיין אין די אויגען פון איינגסטען, און ער האָט געפרעגט:

„און וואָס וועט זיין?“

„כ׳גיב דיר מיין שליסעל, און דאָס איז אַלעס", האָט דער זקן קלוג געשאקעלט מיט׳ן קאָפּ און זיינע ליפּען האבען געשעפּטשעט אין דער שטיל ווערטער אומפארשטענדליכע.

געשפּערך וועגען טויט

און ווען געפיהלט האט דער אלטער, אז דער טויט דערנעהענטערט זיך און שטעקט אריין זיינע נעגעל אין זיין נשמה, און מעהר וועט ער ניט קענען ארומשפּרייזען, ער, דער אלטיטשקער, אויף דער ערד, דער טרייער מוטער פון אלע, האט ער ניט געוואלט אפזעגענען זיך מיט׳ן לעבען, ניט זעהענדיג פריהער צום לעצטען מאל דעם אינגסטען פון די יונגע און איהם טרייסטען און איהם דערמוטיגען און קרעפטיגען די הענט.

און — אויך אויב מעגליך, ארויסציהען פון איהם דעם סוד, דעם באהאלטענעם אין די טיפעגישען, ווארים געוואוסט האט דער אלטיטש־קער, אז ערגיץ־וואו איז ער געווען און געזעהן האט ער אזעלכעס וואס ניט אלע האבען זוכה געווען עס צו זעהען, און אז פון דעמאלט אן האט דער שווארץ־אויגיגער יונגער געזוכט אין די ביכער, די אלטע, און פארשטויבטע, די באשטעטיגונג פון זיין זעהונג, און די באלויכטונג.

איז ער געגאנגען אהין, צום ברעג פון דאָרף, ארויס פונ׳ם סאמע ישוב, ווייט ארויס, דארטען וואו עס האָט זיך געפונען א געצעלטעל, און דער יונגער איז געזעסען אן אייגגעבויגענער און האט געזוכט מיט די אויגען, די אמאָל צוגלאנצטע, דעם סוד פון באשאַף.

און ער איז אָנגעקומען אהין און האט זיך אוועקגעשטעלט לעבען דער טיהר, דער בריית־צועפענטער, האָט ער ניט געוואגט אריינצוקו־מען אינוועניג טאָמער וועט ער צושטערען דעם טראכטער׳ס רעיונות, און יענער וועט ניט קענען קומען צו זיך נאָך אמאָל.

בריית־צועפענט איז די טיר פון שטיבעל געווען, ווארים דער יונגער האט זעהר ליב געהאט מענשען, און בפרט דורשטיגע און הונגעריגע. דאס איז געווען אן אלטער געבאט ביי איהם שוין, ווען די זון האָט זיך צופלאמט אויף׳ן הימעל, פלעגט ער דערוואַרטען אויפ׳ן שוועל אן אנקומענדען וואנדערער, א שוועער־שלעפּענדען־זיך, און ווי א ליב א יונגער, איז ער אלע מאל געווען גרייט צו לויפען צום ברונים און ברייגגען וואסער צו קיהלען דעם דורשטיגענס הארץ, און מיט׳ן

לעצטען שטיקעל ברויט האָט ער זיך געטיילט, און איהם נאָך דערצו מיט שטילע און גוטע ווערטער דערוואַרעמט און דערמוטיגט.

אבער ווען דער אלטער איז אנגעקומען, האָט דער איינגסטער פון די יונגע, דער אפּגעשיידטער פון דער וועלט, און דער געבענשטער, וועלכער האט מעהר ניט געקאנט זעהן, און האט געמוזט דערטראכ־טען דאס וואס ער האט ניט דערזעהען . . . עוסק געווען אין א שווערען געדאנק.

ער האט געטראכט קוקענדיג אין זיך אריין:

די גאנצע וועלט איז פאלקאָם . . . פארוואָס זשע אזוי פיעל שלעכטס?

אזוי האָט ער זיך זעלבסט געפרעגט.

און נאָך עפּעס האָט ער געטראכט:

טויט איז דאָ, און דאָך לעבט אלעס, דער שטיין און די ערד און דאָס זאמד אונטער די פיס און די מדבר אין איהר שטילקייט, און אלעס אויפ׳ן אויבערפלאך און אין טיפענישען.

און נאָך עפּעס האָט ער געטראכט:

אפשר איז דאָס וואָס מיר רופען טויט גאר קיין טויט ניט, און אפילו דאָס וואָס לעבט איז אויך נאָר א שטאַפּעל צו העכערס.

און ווען געטראכט האָט דער יונגער זיין טראכטעניש, איז איהם געוואָרען זעהר שווער אויפ׳ן הארצען, און זיינע רעיונות, די טיפזי־ניגע, האָבען ארונטערגעוואויגען זיין שוואַכען קאָפּ, אז ער האָט איהם מעהר ניט געקאנט דערהאלטען. האָט ער איהם ניט אויפגעהויבען ארויף, נור איהם ארונטערגעבויגען, מחמת שוואַכקייט, און אומ־זיכערקייט, צום ספר און האט ווייטער געלערענט און ארייננגעקוקט אין די שווארצע רעיונות, וואָס האָבען ארויסגעפינקעלט פון די פאר־מעטס און בלעטער און שטיינער, די איינגעקריצטע . . .

זיינען לאַנגע שטונדען אוועקגעפלויגען, און ער האט זיך ניט אומגעקוקט, און דער אלטיטשקער איז געשטאַנען, און האט ניט גע־וואגט אויסצוריידען א וואָרט, כדי ניט צו פאַרשוועכען די הייליגקייט פון דער צייט, און ניט איבעררייסען די רעיונות. טאָג און נאַכט האָט ער געוואַרט, און ניט ארונטערגענומען די אויגען פון טיף־פאר־טראכטען יונגען.

ביז ענדליך האָט ער איהם דערזעהן און זיין אויג האָט זיך אָפּ־

געשטעלט אויפ'ן אלטיטשקענס בליק, און זיך באַגעגענט מיט איהם, און זיך צונויפגעגאָסען מיט זיין האַרץ, און געלאָזט זיך לויפען, ווי א הירש אין מיטען פעלד, האָט זיך דער יונגער, און אומגעאַרעמט האָט ער דעם אלטען און איהם געקושט און איהם אריינגעבעטען אין שטיבעל אריין, און איהם אוועקגעזעצט אויבען אָן, און אויסגעקושט מיט זיין גוטען בליק די טראכטעניש פון זיין מוח.

האָט דער אלטיטשקער ארונטערגעלאָזט זיינע אויגען און גוטס קייט האָט זיך צוגאָסען אויף זיין פנים, און ער האָט געזאָגט אזוי:

„ווארטען ווארט איך שוין אַט־דאָ א מעת־לעת א גאנצען, ווייל איך וויל דיר ניט איבערשלאָגען, טראכטער שטילער, אָבער קיין סך מעת־לעת'ן וועל איך ניט קענען פארברייננגען דאָ אויף דער ערד, ווארים א פאדים ציהט זיך אין דער וויטקייט אריין און רייסט זיך איבער, אדער ענדיגט זיך, און וויסענדיג דאָס, וויל איך ניט אוועקגעהן אָהן א זיי־געזונט פון דיר, מיין ביינקער! וואָס זשע האָסטו אזוי לאַנג געטראכט, טייערער? וועסטו מיר דיין האַרץ אפשר אויס־דערצעהלען!...

„דער טויט האָט מיך ניט געלאָזט רוהען — האָט דער אינגסטער געזאגט — און די רעיונות וועגען איהם רויבען צו ביי מיר דעם בליק צום לעבען...

האָט דער אלטיטשקער, דער מיט דער זילבערנער באָרד, וועל־כער טראָגט אויף זיינע פלייצעס, די פארקרימטע, 80 ווינטערס און 80 זומערס, זיך פארקלעהרט.

— איז עס אמת אז אויך די יונגע טראכטען וועגען דעם זעלבען וואס דער אלטער טראכט? און איך האָב גארניט געוואוסט, און באַ־האַלטען איז געווען פון מיר דער דאָזיגער סוד.

— און געוואָלט האָב איך וויסען — האָט דער אינגסטער פון די יונגע פארטגעזעצט — די ענד פון מיין לעבען און ווען דאס וועט געשעהן, אדער אפשר וועט עס קיינמאָל ניט געשעהן?

דער אלטיטשקער האָט איהם איבערגעהאקט אין מיטען און איהם ווייטער ניט געלאָזט רעדען, און האָט געזאגט אזוי צו זאגען:

— דו ווילסט צופיעל וויסען. זקנים האָט מען ארונטערגעשיקט אהער צו דערקלעהרען און אויסגעפינען דאס לעבען און דעם שטראָם פון די צייטען צו פארשטעהן. און ניט בלויז איינצעלנע זיינען גע־

שיקט געוואָרען, נור מאָסען, און באַפוילען האָט מען אונז זיך צו טיילען איינער מיט׳ן אנדערענס דערפאַרונג, און וויסען זאָל איינער פון דעם וואָס דער אַנדערער וועט אויסגעפינען. אבער די מלוכה פון טויט, —אפילו אויפ׳ן גרעניץ דאָרטען, וואו דער אבסאָלוטער געזעץ פון אי־בערבייט פון פאָרמען עקזיסטירט, איז פארשלאָסען געוואָרען פאַר אונז, און איז איבערגעלאָזט געוואָרען צו אנדערע, און וייט־זעהענדיגערע ווי מיר זיינען.

„בעסער איז פאַר אונז — און פאַר דיר — צו טראַכטען וועגען דעם וואָס איז און ניט וועגען דעם וואָס קאָן קיינמאָל דיינס ניט זיין, ווייל דעמאָלס וועט דאָס וועט פּאַסירען וועסטו שוין ניט זיין . . .

„מיט דעם וואָס דו וועסט זיך לאָזען לויפען נאָך׳ן טויט, וועסטו קיינעם ניט פארלייכטערען און קיין איינער פון די ברידער וועט ניט געהאָלפען ווערען אין זיין נויט, אין זיין אומגליק, דעם שוואַרצ־שאָטענדיגען.

„יא, אלטיטשקער טייערער מיינער . . . אבער אפשר וועל איך געפינען דעם סוד פון אייביגען לעבען ? אפשר איז גאר קיין טויט ניטאָ . . . דעמאָלט וועט דאָך זיין גוט אלע מענשען־קינדער, די קורצ־לעבענדיגע ?

„אָבער האָסטו שוין אויסגעפונען די גאַנצע פּראַכט וואָס ליגט איינגעהילט אין לעבען ? האָסטו שוין באַזונגען דאָס שעהנע און גוטע ? און האסטו שוין אויפגעעפענט אלע אויגען, די פארשלאָסענע, פון די וואָס זעהען גארניט ?“

האָט די דאָזיגע פראַגע, די לעצטע, פון אַלטיטשקען, געפּרעכט דאָס האַרץ פון יונגען, און ער האָט געפיהלט אז גערעכטער פון איהם איז דער אלטער, און אז יאהרען אסך אויף דער ערד זענען ניט אומ־זיסט, אז צומאָל דאַרף מען זיך צוהערען אין דער שטיל צו די רייד פון אלטען און פארשוויגען.

און אין זיין האַרצען האבען זיך אויפגעקליבען מחנות מיט נייע געדאַנקען און דערזעהן האָט ער ווידער אמאָל דעם פּאַלאַץ, דעם אויף לאַנג פארשוואונדענעם, און געטראַכט האָט ער: „אפשר האט מען מיר דאָס געוויזען, אין יענער שפּעטער שעה ביינאַכט, דעם זין פון דעם געזאגטען, און פארשוואונדען איז עס זינט דעמאָלט און אוועק איז עס מיט דער זעהונג . . .“

האָט דער אינגסטער דעם אַלטיטשקען ארומגעכאפּט און האָט איהם ניט אָפּגעלאָזט מעהר, ווארים אזוי לאנג ער האט איהם גע־האַלטען צווישען זיינע ארימס, האָט זיך געשפּיגעלט אין דער לופט דער פּאַלאַץ, דער פּרעכטיגער, דער ביינאַכטיגער.

און ווען זיי האָבען זיך געזעגענט, האָבען זיי אָפּגערעדט זיך נאָך אמאָל צו באגעגענען ביים אויפשיין פון פריהמאָרגען, ווען ווערטער באפליגעלטע טראגען זיך לייכטער איבער דער לופט, און דא איז שוין צוגעשטאַנען די נאַכט און מען האט אפילו ניט געקאנט אויפזוכען א ליכטיגען בליק אין דעם צווייטענ'ס אויג.

וואנדערער פון ווייטע לענדער

פון פארשיידענע ווינקלען פון דער מדבר זיינען אנגעקומען צעהן אומבאוואוסטע און ניט באקאנטע צווישען זיך מענשען, און געטראַ־גען האט יעדער פון זיי א זעקעלע אויף די פּלייצעס, און דורשטיגע זיינען זיי געווען, און פארמאַטערטע האבען זיי זיך אפּגעשטעלט אויפ'ן וועג.

האָט דער אינגסטער, דער וועמעס אויגען זיינען פארטונקעלט געווארען, דערהערט אין שטילען פארנאַכט זייערע טריט און ער האט געפיהלט, אז מען קאן ניט בלייבען אין געצעלט ווען מענשען, האַלב־פאר'חלשטע פון היץ און בענקענדע צו באנעצען זייערע ליפען מיט אביסעל וואסער, וואלגערען זיך ניט ווייט פון זיין שוועל.

איז ער ארויסגעלאָפען געשווינד פון זיין געצעלט און האט גע־טראָגען צוויי עמער וואסער אויף זיינע אקסלען, און איז אנגעקומען אויפ'ן פּלאַץ וואו גערוהט אויפ'ן זוים פון וועג האבען די צעהן וואַנ־דערער, די ניט באוואוסטע איינער צום אנדערן.

מיט איין בליק האָט ער אויסגעקושט דאס חלשות און דעם פּיין פון הונגער און דורשט אין זייערע אויגען, די האַלב־פארמאכטע, און האָט צוגעטראגען צו יעדען פון זיי אביסעלע וואסער, און האט זיי מחיה געווען אין זייער פארשמאכטקייט.

אויף יענעם פּלאַץ האָט זיך צופענט א גרויסער קוואַל, אן אפּ־פרישענדער, און ווען דאס וואסער אין די עמערס איז ניט געבליבען מעהר, ווארים טראגענדיג האָט די זון א טייל פון דעם אויסגעטרונ־קען, און די ליפּען פון די פארשמאכטע וואנדערער האבען נאָך געבע־

טען וואסער, האָט ער זיי געוויזען דעם קוואל און האט זיי איינגעלאדען צו טרינקען פון זיין וואסער. און געטאן האבען אזוי די וואנדערער און האבען זיך איינער דעם אַנדערען דערקענט און יעדענס הארץ האָט זיך אָנגעהויבען צו ציהען צום אינגסטען.

און א גלויבען איז אנטשטאנען אין יעדענס הארץ — א גלויבען וואָס האט זיי געצויגען זיך איינצובויגען און זיך לאזען ארומנעהמען פון איהם, דעם אינגסטען, דעם מיט ליבע אנגעפילטען און מיט געט־ליכען פייער באלויכטענעם, און איינער פון זיי, דער עלטסטער, מיט לאנגע האָר באוואקסען, האָט זיך אָנגערופען, און האט געזאגט אזוי צו זאָגען:

— מיר האָבען דעם גאנצען וועג געזוכט א ליכט ווי דיינס און א בליק ווי אין דיין אויג, לערער אונזערער! — האָבען מיר געזוכט פאר יאהרען צווישען די מענשען אין דער מדבר, און ווען מיר האבען עס געפונען, זאָלען מיר זיך אָפּטאָן פון דיין געצעלט מיט לײדיגען?

האָט געקוקט דער אינגסטער אויף איהם, און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, דעם אָנגעקוועלטען מיט פרישקייט. האָט ער דער־שפירט עטוואס נייעס אויפגעהן, אומפארשטענדליכעס, און עס איז איהם געוואָרען לייכט די לאסט אויף זיינע פּלייצעס, און זיין קערפּער איז ניט געווען שווער מעהר ווי פריהער, און ענדליך האָט ער געזאגט:

— אן איינפאכער מענש איז אייער ברודער, א זיצענדער אין געצעלט — ווארטענדיג אויף וואנדערער אומבאקאנטע, צו דערפרי־שען זייערע הערצער און באנעצען זייערע ליפּען, די פארשמאכטע. פאר וואס זאָלסטו, ברודער מיינער, מיך ריהמען פאר דעם?

האָבען אלע, אָבער, געקוקט מיט אזא בליק אויף איהם, אז ער האָט מעהר ניט געקאנט רעדען, און זיי האבען זיך אלע איבערגעקוקט מיט פארוואונדערונג און געזאגט איינער צום אנדערען:

„א וואונדערליכער מענש איז ער, און א גרויסער זעהער קוקט ארויס פון זיינע אויגען. ניט אומזיסט האָט אונז דער ווינט געטראגען פון אלע ווינקלען אהער, ווארים א גרויס פייער האָט זיך אנטפּלעקט צו אונז און מיר וועלען זיך דאָ דערוויסען זאכען וואס מיר האבען ניט געוואוסט. זעהט איהר דען ניט דעם שיין אין זיינע אויגען, דעם גלאנץ, דעם הייליגען?

דער אינגסטער פון די יונגע האָט ניט געוואוסט, אז אומגעקערט

האָט זיך דער גלאַנץ אין זיינע אויגען, און אז די נאכט, די פינסטערע, וועלכע האָט איהם שענדליך בארויבט, האָט צוריקגעקעהרט די גנבה....

אבער די מענשען האָבען יא געזעהן, די וואנדערער.

און —

ניט וויסענדיג נאָך דעם אמת, און ניט שפּירענדיג איהם אפילו, האָט ער מורא געהאט, אַז אין זיין הארצען וועט אויפגעהן פאלשער רום, און ער איז אנטלאָפען שנעל צוריק אין געצעלט, און האט זיך אוועקגעזעצט ביי די ספרים, און האט אנגעהויבען צו זוכען אין די אותיות, אבער די וואנדערער האבען זיך אויסגעזעצט ביי דער שוועל און האָבען ניט געוואלט אפּטרעטען און האָבען געזאגט יעדע ווײלע:

— לערער אונזערער, באלויכטער און זעהער! — שענק אונז א שוואכען פונק פון דיין אויג, און לערן אונז א שטיקעלע פון דיין תורה, די צערטליכע.

אבער זיי האָבען גארניט באמערקט, אז א טיפער שלאָף איז גע־פאלען אויפ'ן אינגסטען פון די יונגע, און פארמאכט האָט ער די אויגען, און ניט געזעהן האָט ער מעהר די זיצענדע ארום געצעלט.

האָבען זיי געווארט און ניט אויסגערעדט א ווארט, ווארים זיי האבען אלע געגלויבט אז זייער לערער וועט זיי אליין אריינרופען צו זיך און וועט זיי מאכען פאר זיינע קינדער, און וועט זיי אויסזאגען די סודות פון זיין הארצען.

טאָג און נאכט האָבען זיי געווארט — ביז עס וועט קומען די צייט פאַר דעם.

דער פלוצלונג־באלויכטענער זעהער

עס איז געבאָרען געוואָרען דער זעהער אויף די ברייטע שטרעקעס פון דער מדבר — און ווען ער איז געבארען געווארען, האָבען זיך די וואנדערער געלאזט געהן צו איהם און זיך געזעצט צו זיינע פיס און געקושט דעם שטויב פון אונטער זיי און זיך געבעטען ביי איהם אז ער זאל ניט אפּטאָן זיין חסד פון זיי, און זאל אייביג קוקען אין זייערע הערצער, און דערזעהן זאל ער דאס גוטע און דאס ריינע און דאָס שעהנע.

אבער איידער דער זעהער האָט זיך אנטפּלעקט פאר די געצייל־טע תלמידים זיינע, און איידער ער האָט זיי דערלויבט איהם צו דער־

הויבען אין זייערע הערצער, ניט אויסצוזאגען, האט ער זיך אפגעטיילט פון אלעמען און האט זיך טויזענד טבילות גע'טובלט אינם טייכעל לעבען אאזים.

אפגעטרויסעלט האט ער פון זיך דעם שטויב פון זיין לעבען, און גערייניגט און געלייטערט האט ער אנגעהויבען צו קוקען אין דער שעהנקייט ארום און ארום.

האבען צוויפלער געקוקט אויף איהם און האבען זיך ניט גע־קאנט אנחידושען אויף דער פראכט, וואס איז געלעגען אויף זיין גע־זיכט, דאס געלייטערטע, און זיי האבען געטייטעלט מיט די פינגער אויף איהם, און געקנייטשט מיט די שטערנס האבען זיי, און געזאגט איי־נער צום אנדערען:

— דער שווארץ־אויגיגער איז א „נביא“ געווארען, דער שווארצ־אויגיגער האט פארלארען דעם שאטען זיינעם און איז געווארען א גלאנציג־אויגיגער און א קלאהר־זעהער! א כישוף־מאכער איז ער, און אן אפנארער . . .

און זיי האבען געוואלט אריינטריפען א ביטערען טראפען אין זיין כוס. אבער ניט לייכט איז זיי דאס אנגעקומען. ווארים באוואַ־פענט מיט כלי־זיין איז דער יונגער זעהער געווען, און געוואוסט האט ער וועגען אלעם שלעכטס וואס איז דא אויף דער וועלט, און גע־זאגט האט ער אפען:

— זיי קענען ביי מיר צונעמען אלעם וואס איך האב, אבער אז איך האב גארניט — קענען זיי גאר ניט צונעמען. אפשר וועלען זיי וועלען צונעמען דאס וואס איך האב דערזעהן, וואס איך האב דעראבערט דורך שווארצע נעכט און דורך שווערע טעג, אבער דאס איז פאר זיי גארניט, זייערע פינגער קאנען עס ניט באריהרען . . .

און ער האט געלאכט צו זיינע תלמידים, און זיי וויטער געלערענט.

האט ער איינמאל אין א שטילען פארנאכט זיך אנגערופען צו זיי, און האט געזאגט אזוי צו זאגען:

„עס שטעהט אן א צייט א גרויסע, א שטארקע, און קלאפט אין אונזערע טיהרען:

„עפענט אויף, בלינדע! עפענט אויף, איהר, וואס זעהט ניט!

„אבער פארהאקט בלייבען די טיהרען פון די ניט־זעהענדיגע.

וואָרים געטער האבען זיי, און געטינס שעהנע, און ווען זיי נעכ־טיגען אין די שויסען פון די טויטע געטינס און אויף די קניע שטעהען זיי פאר די געטער פון האָלץ און פון שטיין, מיינען זיי, אז זיי האבען דאָס גאנצע גליק פון דער ערד און פון אלע וועלטען, וואס שווימען אין דער אונענדליכקייט, געקראָגען.

„זיי מיינען — און מאכען א טעות.

„שקלאַפען זיינען זיי צו די געטער, אבער די געטער זיינען גע־מאכט פון גוטע מייסטער, וועלכע האָבען מעהר כוח ווי זיי; דער מייסטער מאכט דעם גאט און — גאָט קומט דערנאך און פאר־שקלאַפט די באוואונדערער פון מייסטער.

„ווי קענט איהר, מענשען, ארימע, פארשקלאַפטע, צוניזיק'טע — ווי קענט איהר טראגען אויף אייערע שוואכע פלייצעס ניט בלויז איי־ערע אייגענע צרות, נור אויך די צרות פון אייערע אפגעטער? ווי נעמט איהר כוח ניט בלויז אויסצוטראָגען זיך, נור אויסצוטראָגען אזוי פיעל לאסטען פון טפשות און אומרעכט?

„ניט צו אייערע געטער האב איך טענות, נור צו אייער נאריש־קייט — צו אייער אומרעכט, וואס בעהאלט זיך אויס אונטער די שטיינערנע געביידעס און אונטער די וועגט פון אייערע אומווירדיגע טעמפלען!

„אָבער עס וועט קומען א צייט — האָט דעם נביא'ס מויל גע־רעדט, ווען מענש און אפגאָט וועלען זיך צושיידען, און ליגען וועט ווערען ליגען, און אמת וועט ארויסשפרינגען פון דער ערד. דעמאלט וועלען צופוילטע שטיקער האָלץ ווערען ווידער צונויפגעקניפט מיט דער ערד, פון וואנען זיי זיינען אפגעריסען געווארען.

„ווארים איצט הער איך דעם בוים, פון וועלכען א צווייג איז אָפגעריסען געווארען צו מאכען פון איהם א האנט פאר'ן אפגאָט, און א שטיק פון שטאַם איז אפגעשניטען געווארען צו מאכען א פוס — הער איך איהם וויינען אין די שטילע פארנאַכטען אויף דער פאר־שוועכונג פון זיין גאַנצקייט.

„דער בוים וויינט און דער שטיין קלאָגט — אויף אייער נאריש־קייט, מענשען אומגערעכטע! און איהר האָט אויערען און הערט ניט פארשטעהענדיג און איהר האָט אויגען וואס קוקען ניט זעהענדיג.

„איהר פארשוועכט די קדושה פון בוים און מאכט צונישט די גאַנצקייט פון שטיין. זיי האָבען אייך קיין שלעכטס ניט געטאָן, אבער איהר טרעט זייער כבוד אין שטויב און דערנידריגט זייער לעבען . . .

„ווארפט אוועק אייערע געטער און פארשפייט אייערע זומפּען, מענשען! — שטויסט אפּ פון זיך די מיאוסקייט פון אייער לעבען. עס איז דא אזוי פיעל רייכטום אומעדום, און אזוי פיעל שעהנקייט צו באוואונדערען און צו ליבען און צו באגיסען מיט א טרער פון אייער הארצען, און צו אייגענען, און איהר אנטלויפט פון דער שעהנקייט אין דושנע טעמפּלען אריין, וואו איהר גיסט אויס אייער תאווה אויף די שטיינער און מיט שטיקער האָלץ פארשוועכט איהר אייער לעבען.

„בלוט־באפלעקטע בילדער וואלגערען זיך אין אייערע טעמפּלען— איהר פארשאָלטענע צו אייביגער שאנדע, און פארשוועכט איז אייער בליק און אייער געפיל, — אומגליקליכע אומגליק־ברייננגער זענט איהר!"

אזוי האָט גערעדט דער נביא, דער באלויכטענער זעהער, און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פאר ליבשאפט צו זייניגע — צו די מענשען וועמען ער האט געשאָלטען און צו די מענשען וועמען ער האט פארמשפט מיט'ן אטעם פון זיין מויל.

ווארים מיט טיפער ליבשאפט האָט ער גערעדט צו זיי, און דער פייער, וואס האָט געברענט אין זיין הארצען, איז געוועזן גליהענד ווי א הייס שטיק אייזען, א צוברענטער.

און פונקט ווי ער, דער זעהער, האָט ליב געהאט די מענשען — אַלע מענשען, די גערעכטע ווי די אומגערעכטע, מיט זייער נארישקייט און אומרעכט, אזוי האָט ער געלערענט זיינע תלמידים צו ליבען דאָס זעלביגע, און ווען ער האָט גערעדט האט זיך איבערגעטראָגען דער פייער פון זיין יונגער נשמה צו זיי, אין זייערע הערצער, און זיי האָבען אויפגעכאפּט קלאַנגען פון א געטליכער סימפאָניע, און זיי האָבען מיט־געזונגען מיט די מלאכים אינ'ם הימעל־רוים, און צו־פלאָמטע האָבען זיי געקוקט אויף זייער גרויסען לערער און שטיל־שווייגענדיג נאָכגעפאָלגט זיין יעדען ריהר.

און — אסך מענשען־קינדער האבען געהערט און האָבען זיך פארזאמעלט ארום דעם זעהער, ווארים די זיסקייט פון זיין מויל איז

געוועז זיסער פון האָניג און איז ארויסגערונען פון א האריץ, וואָס האָט זיך פּלוצלינג צועפענט . . .

און ווען דער זעהער האָט דערזעהן, אז די פּנים'ער האבען זיך צופלאמט פונ'ם פלאם וואס ער האָט אונטערגעצונדען, האָט ער איינ־געלאדען אלעמען צום ברונים, וואו ער וועט פאר זיי ווייזען אפען דעם שנירעל פערל וואס איז איהם געגעבען געווארען. האָבען די מענשען געוואלט א בליק ווארפען אויפ'ן שנירעל פערל און א קלאנג האט זיך דורכגעטראָגען דורכ'ן ישוב — צו קומען זעהען דעם אנטפלעקטען וואונדער . . .

די ערשטע זעהונג

עס איז אנגעשטאַנען א נאכט א פינסטערע, ווען דער וועג־ווייזער, דער באלויכטענער, מיט די תלמידים זיינע, די צעהן וואנדערער, זיי־נען אוועקגעגאנגען ווייט ארויס פון ישוב, אויף אן אפגעלעגען פּלאַץ, אין א זאמדען־גרוב.

א טונקעלער הימעל האט זיי פון אויבען געשיצט און דאס זאמד אונטער די פיס האָט געזשומעט אין דער שטיל.

מיט פעסטע טריט זיינען זיי נאָכגעגאנגען, און מיט זיכערקייט אין הארצען, און געוואוסט האבען זיי אז דער באלויכטענער וועט אויפדעקען פאר זיי דאָס ליכט פון זיין הארצען, און וועט באשיינען זייער פינסטערניש.

אָן אַ זייט פון זאמדען־גרוב האָט זיך דער גלאנציג־אויגיגער באַ־לויכטענער אוועקגעזעצט, און ארום איהם אין אַ צירקעל זיינען געווען צונויפגעהעפט די תלמידים. יעדער פון זיי א געקליבענער אין לייד, אַ געצייכענטער אויפן וואנדער־וועג, א געמאָסטענער. שטיל און רו־היג האט דער באלויכטענער גערעדט, ניט געקוקט אין קיינעמ'ס אויגען, נור אין זיך אריינגעבליקט, האָט ער געשעפּט ברילי‌אנטען פון זיין צו־עפענטער נשמה.

„א מענש איז א טיפער ברונים — האָבען די ווערטער, די פּלאמיגע, ארויסגעצויגען זיך פון זיין מויל, און טיפער פון א ברונים, און געפעהרליך איז זיך ארונטערלאָזען צום דנאָ.

„צו שעפּען וואסער פון א מענשליכער נשמה — פון אייגענער אפילו — איז א געפעהרליכע אויפגאבע.

„אנטלויפט דער מענש פון זיך, און באהאלט זיך אויס דרויסען פון ברונים, און וואנדערט אוועק אין ווייטע מקומות.

„א שטאנג א גרויסער הענגט איבער'ן ברונים, און ווען עס לאזט זיך ארונטער דער עמער, צו שעפען וואסער פון די טיפענישען, הענגט ארונטער א שווערע וואָג פון דער אנדער זייט און שלעפט צוריק. דארף מען דרעהען דאָס רעדעל מיט קראפט און אנשטרענגונג און ציהען דעם שטריק מיט די לעצטע כוחות, און ארונטערקוקען דארף מען צום עמער, און פיהלען צי ער האט דערגרייכט דאס וואסער, אדער האָט בלויז דערגרייכט די פלאַך און הענגט דאַרטען ניט ארונטער־לאָזענדיג זיך.

„א שווערע אויפגאבע, און אַן אויסמאטערענדע, מיינע קינדער!

„עס איז פיינליך, צומאָל טראגיש, דער רעזולטאט. איז עס אַן איינשטעלעניש, וואס ניט יעדער איז בכוח, אהן א וועג־ווייזער, צו נעמען אויף זיך, און כדי אויסצומיידען די געפאהר און פטור ווע־רען פון זיך, האָבען זיי, די פחדנים, אויסגעקליבען געטער, צוגעפאסט צו זיי אליין, און אויסגעמייסטערט לויט אייגענעם געשמאַק.

„און ווען א מורא איז באַפאלען זייער גייסט, און זייער געמיט האָט זיך געבאדען אין אנגסט, און איז שיער ניט דערטרונקען געוואָ־רען אין איינזאַמקייט, האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע אויגען צום גאָט פון זייערע הענט און האבען געזאגט אין דער שטיל: העלף אונז! — און ער האט ניט געהאלפען, זייער גאָט.

„האָט דער וואָס האָט נאָך געהאט א ביסעל כוח אין זיך אויסגעקליבען צו הערשען איבער אנדערע, און נעמען אזוי ארום נקמה פון אייגענעם ברונים, און ארויסרייסען מיט'ן ווארצעל יעדען פרייען אקט פון אנדערע „איכען"; א מיאוסע נקמה איז דאָס געווען, א נקמה פון שקלאפישע הערשער, פאר אייגענער דערנידערונג און קליינקייט.

„די אנדערע, ווידער, וואס האבען אזא ביסעל כוח אויך ניט גע־האַט, און מוט האט זיי אויסגעפעהלט, זיינען געווארען שקלאפען צו יענעם, דעם כוח־באזיצענדען.

„דארף מען אנהויבען לערנען מענשען זיך אפצוטיילען פון הערשער־לעבען און שקלאפען־לעבען.ביידע זיינען זייטען פון א בריק וואָס פיהרט צו אנולירונג. ליגט א מצוה א גרויסע, און א

באפעהל א נשמה'דיגער, אויף די באלויכטענע, צו ווייזען די אומ־גליקליכע, די פארגעסליכע, דעם וועג צוריק צו זיך.

„פון איין זייט די סטאדע, פון דער צווייטער — די פאסטוכער.

„אוי, פאסטיכער שלעכטע, אוי, מאסע — בלינדע! . . . .

„ארים איז די מאסע און דערשלאגען, און קורץ־אטעמדיג איז זי פון שווערער ארבייט און אומוויסענהייט. אבער נאך ארימער זיינען די הערשער, די קבצנישע, די נקמה־נעמער, די געמיינע, די וואס ווייסען ניט אז זייער שמארץ טרייבט זיי, ניט זיי טרייבען.

„ארימע הערשער, און געמיינהייט אומזיכערע!

„הענגט איבער דער מאסע דער פחד פון טויט, דער אומדערבא־רעמליכער. ווארים דאס לעבען פון שקלאף איז אין די הענט פון האר. א שקלאף לעבט ניט אליין. און דער האר? די האנט פון אן אומ־גערעכטערען פון איהם, און א שטארקערען, הענגט איבער זיין קאפ, און צייכענט אויף רציחה־צייכענס אויף זיין שטערן, דעם צוקנייטשטען. ביידע ווייסען ניט ווי טיף דער אבגרונד פון זייער גענענזייטיגער דערנידערונג איז.

„אט האט איהר דעם אין דרייען איינגעדרעהטען שטריק: שקלאף, האר און פרייהייטס מענש. דער ערשטער אין א גרויסער צאהל, דער צווייטער — אין א פיעל קלענערער, און דער דריטער — אויף די פינגער איבערצוצעהלען.

„דער פרייהייט'ס מענש קוקט אויס ביי ביידע ווי דער אומרוה פון דער וועלט.

„ביים האר — משוגענער.

„ביים שקלאף — א פראזען־פלעכטער".

האבען די תלמידים געהערט מיט אפענע אויערן — מיט אן אנ־געקוועלט הארץ — די רייד, און זיי האבען זיך דערקוויקט, און זיי האבען געבעטען דורך די וואונקען פון זייערע אויגען דעם עלטסטען צווישען זיי צו פרעגען:

— און פארוואס, וועגווייזער, ליידט אזוי דער פרייהייט־קעמפער?

האט דער לערער ניט געוואלט ענטפערן אויף דער פראגע, ווארים די צייט איז נאך ניט געקומען, און ער האט ווייטער פארגעזעצט:

„און — גאט רעדט צו די שקלאפען און שרייט צו זיי פון די שטיינער פון דער גאס — שטעהט אויף און ווערט באפרייט!

„פארוואָס זאָלט איהר פאלען ווי מיסט אויף די פעלדער — שטארבט כאָטש ווי העלדען אונטער'ן קנוט, מיט אויפשטאנד אין אייערע הערצער, און מיט א קללה אויף אייערע ליפען.

„הערען זיי ניט.

„און צו די הארען זאגט גאָט: איהר וואס דערדריקט אזוי פיעל נשמה'ס, ניט וויסענדיג אליין צוליב וואס — איהר וועט דערדריקט ווערען פון אייער אייגענעם אומגליק, און ווען דער טויט וועט נעכ־טיגען אויף אייערע ליפען, וועט איהר שוין האָבען דערזעהן די פוסט־קייט פון אייער לעבען, אבער צוריקנעהמען וועט איהר ניט קענען.

„אין דער לעצטער מינוט וועלען זיך אויסשטעלען אייערע קרבנות, די בלינד געמאכטע און די טויב־געמאכטע, און זיי וועלען פאָדערען פון אייך יושר און גערעכטיגקייט, און ווען איהר וועט אויסשטרעקען אייערע הענט אונטערצושרייבען דאס פאפיר פון פרייהייט, וועט דער טויט קומען און וועט פארשטיינערען אייערע אָדערן און פארגליווערען אייער בלוט, און אזוי וועט איהר אויסגעהן, איהר אומברחמנות'דיגע.

„ווארום א פלוך איז אויף אייך און אייערע האנדלונגען!"

און א צאָרן א פייערדיגער האָט זיך אנגעצונדען אין זיינע אויגען, און עס האט געגליהט אין זיי דער צאָרן פון די שקלאפען, אין יענע מינוטען ווען זיי ווערען באהעלט פון גרויסען ליכט, אין מאָמענטען שנעל־פארפליגענע. האָט א מורא, אן אומפארשטענדליכע, ארומגע־נומען די וואנדערער, ווארים זיי האבען קיינמאָל ניט געזעהן אזא העליש פייער ברענען אין א מענשען און קיינמאָל ניט געהערט אזא דונער ארויסשאלען פון א מענשליך מויל.

אבער אויסריידען א ווארט האָבען זיי מורא געהאט. זיי האבען ניט געוואלט איבערשלאָגען דעם עקסטאז.

און — פונקט דעמאלט ווען דאס פייער האט דערגרייכט דעם העכסטען ברען־פונקט, האָט דער לערער זיך אוועקגעזעצט צוריק און איז פארשטומט געווארען . . . .

און געשוויגען האָבען אלע מיט איהם, געשוויגען איבער זייערע טיף־פארזונקענע רעיונות.

— ווי אזוי זאלען מיר דיך רופען, רבי און וועגווייזער?

דאָס האט געפרעגט דער עלטסטער פון די שווייגענדע, וועלענדיג איבערהאקען די שטילקייט.

— זאקוטא . . . זאקוטא . . .

און ניט מעהר.

און שטיל־שווייגענדיג האָבען זיי זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און זיינען זיך צוגאנגען אין די ווינקלען, ניט זאגענדיג איי־נעם דעם אנדרען א וואָרט, אָבער געוואוסט האָבען זיי אלע:

מאָרגען אינדערפריה דארפען זיי זיך טרעפען ביים זון־אויפגאנג אין זאמדען־גרוב צום צווייטען מאָל.

אזוי האָט זאקוטא פארענדיגט זיין ערשטע זעהונג און נבואה . . .

די וויזיע פון זאמד־גרוב

אינ׳ם גאלדענעם באגינען, ווען געוואלגערט האבען זיך אויף יע־דען שריט בריליאנטען פרעכטיגע, און געצויגען האָבען זיך פאסען שטראַלען פון אלע זייטען, און געגלוסט האָט זיך ארויסגעהן אין טאנץ מקבל־פנים זיין דעם אויפגעהענדען טאָג, דעם באַלויכטענעם, האָט דער יונגער לערער, דער איינ־איינציגער, דער זעלבסט־געפינער, זיך אויפגעהויבען פון׳ם פלאַץ, און ארום איהם זיינען שוין געשטאַנען זיינע תלמידים, די געצעהלטע, די געצייכענטע.

און ווען ער האָט געשטעלט זיינע טריט הינטער דעם ישוב, דאר־טען אין זאמדען־גרוב, דעם אפגעטיילטען, דעם פארשטויסענעם, וואו מענשען פון דער מדבר האָבען מורא געהאט אריבערצוקומען, האָבען די תלמידים א מינוט ניט געוואָרט און זיינען נאכגעגאנגען אין זיי־נע פוס־טריט.

— אונזער פיהרער — האָבען זיי געטראכט — האָט א אונז ניט צוגעמאכט. די נאכט האָט איהם סודות דערצעהלט. ער וועט זיי איצט אונז איבערגעבען . . .

אבער קיין איינער פון זיי האָט א וואָרט ניט אויסגערעדט.

אין סאמע מיטען גרוב האָט זיך דער באַלויכטענער אוועקגע־שטעלט און די זון האָט שוין ארויסגעקוקט דאמאלט פון הינטער דער מזרח־זייט, און ער האָט געזאָגט אזוי צו זאָגען:

„איך וועל איצט רעדען וועגען דעם פלאַץ, דעם זאמדען־גרוב, אין וועלכען מיר געפינען זיך.

„עס וועט קומען א צייט, און איך זעה זי שוין פליהען אויף אָדלער־פליגעל צו אונז, ווען ווי דאָס זאמד אויף די זייטען פון גרוב

וועלען זיין מענשען. אסך. אהן א צאהל. אבער זאמדיגע מענשען וועלען זיי זיין און קליינטשינקע.

„ניט באהעפט צוזאמען זיינען די זעמדעלעך, און צוטיילט צוווי־שען זיך, הגם איינס אויף דאס אנדערע ליגען זיי, זיינען זיי דאך באַ־זונדער און פארשיידען.

„אָבער טרוקען וועט דאָס לעבען זיין, ווי דאָס זאמד דאָ אין גרוב, און אינהאלטסלאָז, און ארומטראגען זיך וועלען זיי זיך פונ׳ם ווינט, דעם לייכטען, אין דער לופט, און וועלען בענקען און ניט וויסען ווי אזוי זייער בענקשאפט צו באפרידיגען. א טריקעניש וועט אָנקומען אויף זיי, און א קליינקייט וועט זיי ארומכאפּען, און זיי וועלען אויס־בענקען זייער לעבען אין קליינע שריט, אין קורצע בליקען, און אין אומזיכערע ווערטער.

„ווי א גרוב א שווארצער, א ערדיגער, וועט דאָס לעבען זיין פאר זיי, די רחמנות׳דיגע!

„אבער פונקט ווי א שטורם וואָס הויבט זיך אויף אין דער מדבר פארשיט אין די נעכט די גרובענס און עס ווערט גלייך די פלאך, אט אזוי וועט זיך אויפהויבען א שטורם אין הארצען פון יענעם מענ־שען, א שטורם פון ליבע און א שטורם פון גרויסקייט און ארויסקומען וועט ער א ניי־געבאָרענער.

„געצעהלטע וועלען בלייבען פון דעם שטורם, געראטעוועטע, און זיי וועלען ניט וויסען ווי אזוי דער שטורם האָט זיי אויך ניט אויפ־געפרעסען, אבער ווען זיי וועלען זיך דערזעהן ניי־געבאָרענע וועלען ערשט שלאָגען אין זיי נייע קוואלען, און מיט אויפגעהויבענע אויגען וועלען זיי דערזעהן א וועלט — א נייע — איבער דעם גרוב.

„און ארויסרוקען די קעפּ וועלען די פארבליבענע און ארויס־קוקען אויף דער גרויסער וועלט ארום, די ניט־זאַמדיגע, די ניט אפגע־טיילטע און צוריסענע אויף פּיצ־פּיצעלעך, און וועלענדיג דערזעהן אלעס וואס עס טוט זיך ארום און ארום וועלען זיי זיך באשליסען צו געהן פאַראויס.

„פון אלע זייטען וועלען זיי זיך רייסען ארויסצורוקען די קעפּ פון אונטער דער זאמדיגער קאָלדרע, און פון אלע ווינקלען אין גרוב וועלען זיך רייסען אומצעהליגע כוחות, אבער אין זייער דראנג צום דרויסען וועלען זיי זיך אנהויבען איינער דעם אנדערען צוטרעטען.

„מאכט וועט ארויסשטויסען פון זייערע מיילער, און איבער־שטרעקען זיך איבער אלעם — גובר זיין שלאפע און שוואכע וועלען זיי אלע וועלען.

„און ניט נור שטארקע וועלען חלומ'ען פון נאך גרעסערער שטארקייט, און ניט בלויז — הארצלאזע, נאר אפילו די גאר שוואכע וועלען זעהען זייער ישועה אין שטארקייט, און אויך זיי וועלען צו־טרעטען די איבעריגע.

„דאס וועט זיין דער שפיל פאר'ן שטארקען מיט שטארקייט — א שפיל פאר מאכט!

„אינ'ם שפיעל וועלען זיי זיך פארגעסען אין דער אייגענער שוואכקייט, און אפטאן וועט זיך דאס בילד פון זאמדען־גרוב פון זיי־ערע אויגען, ווארים ניט בלויז אפגעטיילטע און באזונדערע זיינען שוין איצט, נור אויך צוטרעטער און דערדריקער זיינען זיי.

אפילו דער וואס איז דער שוואכסטער צווישען זיי אלעמען, און טרעטען איבער אנדערע קעפ, אינ'ם רייסען זיך ארויס צו דער גרויסער וועלט, קאן ער ניט, — אפילו ער וועט ניט האבען קיין אנדער חלום פאר זיינע אויגען.

„איהר רופט עס משוגעים־טאנץ. ניין, א משוגעים טויטען־טאנץ רופט עס, ווארים אט אזוי געהען זיי, די שוואכינקע, צום טויט אין די הענט אריין, און ווארפען זיך איהם אריין אין ברייט־צועפענטען מויל.

„זייער יעדע באוועגונג שרייט: לעבען! לעבען! און אין אמת'ען טראגט עס טויט ניט פאר'ן שוואכען, נור אויך פאר'ן שטארקען.

„קינדער פון זאמד־גרוב — שרייט דער ווינט וואס בלאזט איבער דער פלאך פון דער מדבר, און אומגליקליכע וואס איהר זענט, און פאר'חלשטע פון דער ניט־אויסגעלאשענער בענקשאפט נאך מאכט. אבער זיי הערען איהם ניט און זיי לויפען איינער איבער'ן אנדערען, און זיי ווערען דערטרונקען צווישען די געפאלענע.

„אבער ארויסרייסען וועלען זיי זיך אלע — די פארבליבענע פון זאמדען־גרוב, און דעמאלט וועט זיך אנפאנגען דער געיעג נאך רוים און רחבות, אבער זיי וועלען ניט קענען זיין אפגעטיילטע צווישען זיך און צוריסענע ווי די זעמדלעך. אומארמען וועלען זיי דארפען זיך

איינער דעם אנדערען, און ווער עס וועט האבען מעהר ליבע אין זיין הארצען און מעהר פריינדשאפט אין זיין בלוט, וועט קענען מעהר פאר־כאַפּען און מעהר האָבען.

„די זאמדיגע ווענט וועלען אויפגעריסען ווערען, און ארויסגעהן וועט די זון אן אפענע און א גליקליכע איבער דער ערד און וועט דערזעהן א נייעם דור אן אויפגעשטאַנענעם אין באַגינען".

די וויזיע וועגען גליק

„ווי אזוי קענען מיר גליקליך זיין, באלויכטענער לערער אונזע־רער, און וועג־ווייזער — ניט מיר, נאָר אלע אין טאָל געבאָרענע און צום בארג־בענקענדע מענשען־קינדער?"

דאָס האָט געפרעגט דער טיפזיניגסטער צווישען זיי, דער סאמע שטילסטער — דער, אין וועמעס הארץ עס האט געצאנקט א ליכטעל, וואָס האט זיך ניט געוואלט אויסלעשען, ווייל אויפ'ן שפיץ האָט גע־ברענט א פלעמעל, וואס איז אויסגעגאנגען נאָך גליק.

גליק! גליק! — האבען אלע געמורמעלט אין דער שטיל. עס שטעהט א וועלט א גאנצע, וועלטען אומצעהליגע, און אומגעבאָרענע נאָך, מיט געהויבענע הענט, און בעט אביסעלע גליק. וואו האט עס זיך אויסבעהאלטען און פארוואָס האָבען עס די אבגרונדען פאר־שלונגען און — ביז ווען?

און ווען געזעהן האָט דער באלויכטענער די וועה־טרער אין זייערע אויגען, און די אנגסט זיך וויגען אין זייערע הערצער, האט ער מיטגעליד געהאט מיט זיי, און האָט געוואָלט זיי פארלייכטערען דעם שווערען וועג פון טראכטען, און צועפענען זאָל זיך פאר זיי דער הי־מעל און דערזעהן זאלען זיי אלע דעם סוד, דעם אזוי לאַנג בא־האלטענעם.

און זאקוטא האָט געזאגט אזוי צו זאגען:

„איהר פאראומגליקטע און פאר'חושכטע — איהר וואס הערט ניט אויף צו שוועבען איבער'ן תהום און האט מורא זיך אויפצו־הויבען טאמער וועט איהר פון דער הויך ארונטערפאלען און זיך צוקלאפּען, און אויך אויפ'ן גרונד צו בלייבען ליגען האָט איהר מורא, איהר די מיטעלע, די צו איינע פון די זייטען ניט־דערגרייכענדע, אייך איז אודאי ערגער ווי די וואס שטעהען אויף די זייטען, אויף די עקען.

„ניט פאר אייך איז גליק געשאפען, ניט פאר אייך איז רוים געבאָרען!

„איהר זענט טראָפּענס אין א ים א גרויסען, א שטורעמדיגען, אָבער איהר מיינט, אז איהר זייט אליין, און צונויפגעדריקט ווי איהר זיינט מיט אַנדערע טראָפּענס, פארגעסט איהר אן זיי, און האלט נור אין זינען אייער אייגענעם וועה און אייער אייגענע אנגסט. אין וועלט־אל איז באזונדערקייט ניט מעגליך, און אפגעשיידקייט איז ניטאָ. עס איז ניטא אזעלכעס ווי אליין־מורא פאר'ן אבגרונד. אויב מורא— איז זיך צונויפגיסען מיט אנדערע, און צוזאמען אויפהויבען די אויגען צום הימעל, און צוזאמען מאכען א פארזוך ארויסצוקריכען פון זומפּ, און ליב האבען די אנדערע ווי זיך אליין, און אוועקגעבען דאָס אייגענע פאר'ן פרעמדען — די לייד און די פרייד.

„גאָט האָט אייך ניט געבענשט מיט טיפען מוט, איז לייגט צונויף יעדענס ביסעל מוט וואָס פארוואלגערט זיך אין די ווינקעלעך, און בינדט צונויף יעדענס טרער אין א שטראָם א גרויסען, און אויפ'ן פלאך לאזט לויפען דאס שיפעל פון מוט, ביז איהר וועט ארויסשווימען אויף דער פריי.

„דער איינציגער צווישען אייך איז ווי א בלעטעל אויף א בוים, ווען עס טרויסעלט זיך ארונטערצופאלען אין הערבסט. פאלט זשע צוזאמען און דער ווינט וועט אייך פארטראגען אין א פרוכטבאר לאנד, וואו איהר וועט באפרוכטען די ערד מיט גרינקייט און מיט פרישקייט.

„נאָך וואָס זאָלט איהר פארוויאנעט ווערען אויף די בוימער, און ווען איהר וועט ארונטערפאלען, וועט איהר צושטויבט און צוריסען ווערען אויף שטיקלעך?

„אָט קומט — און זעהט!

„דער האָריזאנט איז צופלאַמט פון גרויסען פייער, וואס די זון אין איהר אוועקגעהן פון דער ערד, האָט אונטערגעצונדען. קענט איהר ארויסלייענען גאָט'ס ווארט פון'ם פלאָם? קענט איהר דערזעהען דעם גאָלדענעם צייכען אויפ'ן זוים פון די שטראַלען? און ווייסט איהר דעם סימן, און דעם אָנצייג — קענט איהר — לייענען?

„עס וועט קומען א צייט, און זי לויפט צו אונז שנעל און מיט הויכע טריט, ווען צופלאמט וועט דער מערב זיין ווי אט דער האריזאנט, דער באגאסענער מיט פלאם־פייערדיגקייט און מיט צושמאָל־

צענעם גליה, און מענשען וועלען דעמאלט, אין יענער מיט פלאם־באגאסענער צייט, קענען אנשעפען פולע עמערס מיט פייער פאר זיך און פאר דער איינענער נשמה. אלעס וועט זיין, און הויפענס מיט גאלד און עשירות אהן א גרעניץ וועלען זיך וואלגערען אויף דער ערד, אבער ווען דער מענש וועט זיך צוריהרען צו דעם, וועט עס שוואר־צער שטויב ווערען. אויך די וועלען שרייען צו די געטער, די אויס־דערוועהלטע פון זייער שוואכקייט, און פון דער שוואכזיניגקייט גע־בארענע און אויפגעוואכטע: גיט אונז גליק און שטארקט אונזערע הערצער מיט אביסעל מוט און מיט אביסעלע ווארעמקייט דערפרישט אונזערע ביינער!

„אויך זיי וועלען ניט וויסען אז די גרויסע עשירות וואס איז אויסגעשפרייט איבער דער ערד און אויסגעגאסען איבער שבעה ימים, איז ניט געשאפען פון די פילע, נאר פון די איינצעלנע.

„זיי, די איינצעלנע, וועלכע האבען געקאנט פון זייער וועה אויס־קלעפען וועלטען גאנצע, זיינען געווען אזוי רייך, אז זיי האבען ניט געוואלט און ניט געקענט פארהאלטען דאס עשירות פאר זיך און האבען עס איבערגעלאזט פאר די אנדערע. אין זייערע הערצער האט געברענט א העכערע הארמאניע, זיינען זיי פארצעהרט געווארען פון איהר, און געווארען א טאן אין דעם געזאנג, דעם ניט פארענדיגטען, און איבערגעלאזט די געשאפענע טענער, אז מענשען אין זייער לייד זאלען זיך שפילען מיט זיי. אין זייערע הערצער האט א גרויס פייער אויפגעלעבט און האט ניט געוואלט אויפהערען פלאקערען, האבען זיי זיך פארגעסען און זיך אריינגעווארפען אין סאמע מיטען פלאם און אויסגעהויכט דעם אטעם אינ'ם געוויש, און זיך באהעפט מיט איהם און פארשטארקט איז ער געווארען.

„מענש, מוז א גאט האבען — א גאט פאר זיך אליין געמאכט, ניט וואס אימיצער אנדערש האט אויסגעקלעפט, און ווען עס ווערט שווער די משא, און עס גלוסט זיך ארויפגעהן אויף א הויכען בארג און זיך ארונטערוואַרפען, ביז צוברעכונג פון די ביינער, אין אבגרונד אריין, און זיך ארונטערקייקלען ארונטער, אנטלויפט מען דעמאלט אין קליינעם, ענגען ווינקעלע, אין שטיבעל, וואו מען קאן זיך אויסבע־האלטען פון די וואונדען, און זיך אוועקשטעלען א געבויגענער פאר

גאָט דעם אייגענעם, דעם לעבעדיגען, און דעם „איביגען". און זיך שטאַרקען מיט זיין שטאַרקייט, און זיך בענשען מיט זיין ברכה.

„ווער עס קאָן אזא גאָט ניט באשאפען — אן אייגענעם — דער איז א פאראורטיילטער צו אייביגען וועה און אייביגען פּיין!

„און — ווען מען קאן, און מען האט ניט קיין מוט, זאל מען געהן צו די גרויסע אין די געצעלטען, און זיך זעצען צו זייערע פים, און אויסהערען דעם געזאנג, דעם געבענשטען, פון זייערע ליפּען ארויס־געזונגען און זיך פארגעסען אין זיי און זיך צונויפגיסען מיט זיי, און ניט אויפהערען צו זיין דאס פוס־בענקעלע און זייער שיין נאכ־פאָלגען. צווישען די יחידים קאָן מען איינעם געפינען, וועלכער זאָל שיינען ווי דער צפון־שטערן און צו וועמעס ליכט מען קאָן דעם וועג געפינען.

„ווארים מיר לעבען אין יחיד, און דעם רבים קאנען מיר נאך ניט באַנעמען. די קומענדע וועלען ערשט וויסען וואס דאס מיינט. מיר דארפען אויסקעמפען א וועג אדער סטעזשקעלע אויסלייגען כאָטש פאר'ן איינצעלנעם.

„אונזער לערע איז די לערע פון יחיד און זיין באהעפטונג צו גאָט. דאס איז אין מדבר געלערענט געווארען פאר הונדערטער יאהר־רען, און די לערע איז נאך ניט קלאָהר געווארען. מיר קענען ניט מאכען קיין גרויסע קרייזען, ווארים מיר פארלירען זיך אין שטח, און ניט אויסגעלערענט האט זיך אונזער בליק צו זעהען די דיסטאנץ, און ניט געמאָסטען איז זי אין אונזער הארץ.

„אין קליינע קרייזען—שמאָלע און ענגע—די קרייזען פון יחיד, דאָרטען ליגט דאס גליק, און ניט דרויסען פון זיי.

„ווייט פון אונז, און אוועקגערוקט כמעט ביים סוף פון די ראנ־דען, ליגט אויסגעשפּרייט א גרעסערער שטח, און זיי, די קומענדע וועלען קאָנען ארויסגעהן פון יחיד'ס לעבען און זיך קאָנען באהעפטען מיט מעהר ווי איין מענשען — מיט אלע אנדערע.

אזוי האָט געענטפערט זאקוטא דעם גרויסען ענטפער וועגען גליק.

און פארשוויגען זיינען געווארען די תלמידים, און ניט געקאנט אויסרעדען א ווארט האָבען זיי.

און געשוויגען האט אויך די מדבר מיט זיי.

„גיב אונז די פערל, זעהער!"

איבער די שטרעקעס פון דער מדבר, דער טיף־פארטראכטער, האָט זיך צוטראָגען א קלאַנג, וואָס האָט געקלונגען אין די אויערן פון די מדבר־מענשען, די אומגלויביגע, ווילד און ניט אמת.

א זעהער איז דערשינען, מיט גלאַנציגע אויגען דערשינען, וועל־כער רעדט מאַוים'דיגע ווערטער, און רופט מענשען צו זיך, און וואַנ־דערט, שלעפענדיג זיך, איבער זאַמד־גריבער!

און גערעדט האָבען זיי צווישען זיך און געשמייכעלט, די מדבר־מענשען, די אינגערע און אומגלויביגע, צווישען זיך:

„לאָמיר געהען זעהען די וואונדער פון זעהער! זאָל ער אונז ווייזען די מופתים זיינע!"

געקומען זיינען זיי אין מאַסען, געצויגען אין לאַנגע רייהען, לויפענדיג ווי אויף א בייז־וואונדער, און מיט צועפענטע אָרימס, און אומגלויבען און שפּאָט האָבען געאָרעמט שפּאַצירט איבער זייערע הערצער, און געלאַכט האָבען זיי מיט ברייט געלעכטער, וואָס האָט זיך צוגאָסען איבער דער מדבר־לופט, און צוקלאַפּט ווי דונערן און ניט אויפגעהערט האָבען זיי צו זוכען עמיצען וועמען זיי זאָלען קאָנען טויטען מיט'ן געלעכטער און מיט'ן שפּאָט און מיט דער לייכטקייט פון די קולות.

און לויפענדיג האָבען זיי געשריען:

„מיר זיינען אָרימע לייט, און דערנידעריגטע, און רייכטום איז פאַר אונז נויטיג, און דער גלאַנץ פון פערל נעמט אָפּ אונזער אויג, און צוגעזאָגט האָט ער, דער זעהער, אונז צו ווייזען א שנירעל פערל, צעהן פערל ווייסינקע; טאָ זאָל ער יעדען פון אונז באַשענקען מיט א שנירעל און מיר וועלען האָבען אַלעס וואָס מיר דאַרפען . . .

„גיב אונז, זעהער, דיינע פערל — האָבען זיי געשריען, און גע־לאָפען צו איהם מיט א ווילדקייט, אָן אומפאַרשטענדליכע, ווי ווילדע פערד, אומגעצוימטע — דו ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיי, אָבער מיר ווייסען; מיר וועלען זיין מבינים אויף זיי און ויסען וועלען מיר זיי צו פאַרווענדען פאַר אונזערע נויטען . . . גיב אונז פערל שעהנע, זעהער, און מיר וועלען א מאַרק אויפעפענען דאָ אין זאַמד - גרוב, וואו דו וואַרפסט אויפ'ן זאַמד, דעם שווייגענדען, דיינע מחשבות. מיר ווע־לען נוצען ברייננען מיט אונזער האַנדעל . . . מיר וועלען קאָוועז

גלאַנציגע מטבעות פון דעם און באַפאַרבען מיט רויטען בלוט וועלען מיר זיי און באַשעהנען וועלען מיר זיי".

נייגיריגע מיט צובראָכענע אויגען איז די מאַסע נאָכגעגאַנגען, און גרויס איז געוואָרען דער געדרויש. וואָס ווייטער פון זאַמד־גרוב ווי זיינען געווען, און הייזעריגער זיינען געוואָרען זייערע קולות, און פלאַמיגער איז געוואָרען זייער באַגעהר.

אבער דער זעהער איז מיט שטאַרקע טריט געטראָטען, ווי איינער וואָס ווייסט דעם וועג און ווייסט דעם ציעל, און רוה איז געווען אין איהם און שלום׳דיג איז זיין האַרץ געווען מיט זיך.

ביז זיי זיינען אָנגעקומען צום ברונים.

א קאַרעטע איז ביים ברונים געווען און שעפּעלעך קליינע פּלע־גען ציטערען פון באַגעהר צו שטילען זייער דורשט ביים ברונים, און פאַסטיכער, רחמנות׳דיגע, האָבען געקוקט אין זייערע אויגעלעך און געזעהען תמימות און אומבאַהאָלפענקייט.

האָט דער זעהער, צוקומענדיג צום ברונים, געזעהן די שעפּע־לעך און זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך דער תמימות׳דיגקייט, און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

„אזא תמימות אויף וועלכער דער ברונים, דער שווייגענדער, איז אַן עדות זייט יאָהרען, איז נויטיג כדי צו ברייגנען גליק דער וועלט, און דאָס איז ניטא איצט. אפשר ביים ענד פון די צייטען, אין די טיפע ווייטען, ליגט אויסבעהאַלטען אזא תמימות. איצט האָט גאָט אויסבעהאַלטען די תמימות ביי די שעפּעלעך, די קליינע און שוואַכע... אַן אבגרונד ליגט צווישען אונז און אייך, איהר קומענדע, איהר ווייט־ווייטע, נאָך ניט געבאָרענע, נאָך ניט געוואָרענע, קינדער פון דער וועלט, וואָס בלויז איהרע געבורט־וועהען פיהל איך פון דער ווייטען.

„דערווייל זיינט איהר געצוימטע, מענשען־קינדער! — צעהן אזעלכע צוימען זיינען אייך געגעבען געוואָרען צו פאַרשטעלען די ווילדקייט אין אייך, און זי אפּשוואַכען, און פאַרקלענערען אויף א ווייל. דאַמבעס פון גייסט זיינען זיי צו פאַרהאַלטען פאַרפלייצונגען און ניט דערלאָזען נשמה אַרונטערזינקען ווי בליי אין טיפען וואַסער.

„ווי פּערל ווייס־געלייטערטע, פינקלען זיי פאַר אייך, אבער איהר טרעט אויף זיי, ווי עס טרעט א בהמה אויף פּליושענע טעפּיכער, און איהר פאַרשוועכט די ריינקייט, די איינגעבאָרענע אין אייך, און מאַכט צונישט די פּערל, די אנגעהאַנגענע אויף אייערע העלזער.

„איהר זיינט ניט העכער פון דער בהמה און ניט געהויבענער פון דער ח״ה, ווייל בארויבטע זיינען זיי. די חיה שטילט איהר הונגער ארייגשטעקענדיג איהרע נעגעל און צייהן אינ׳ם קרבן. די בהמה, די שטומע, די נאאיווע, וואס שטעהט אפשר נעהענטער צו אייך, עסט דאס גראז אויפ׳ן פעלד און איז צופרידען. זייערע פערל ווערען ביי זיי געהיט ווי דאס שווארץ־אפעל פון אויג, און זיי לאזען ניט פאר־לארען געהן קיין געשאנק וואס איז זיי געגעבען געווארען.

„אבער אין אייערע הענט ווערען פערל און דימענטען שווארצע בלאטע, און אלעס וואס טראגט אין זיך די שעהנקייט פון באשאף, אלעס אין וואס עס איז איבערגעבליבען א שטיק אויסגעשמאלצענע קונסט, ווערט אין אייערע הענט סחורה צו האנדלען דערמיט.

„כ׳זעה די סוחרים פון גייסט ווי זיי פאראומווירדיגען דאס גע־שאנק — דאס שעהנסטע און דאס בעסטע וואס איז זיי מיט א ברייטער האנד געשאנקען געווארען, און מיין הארץ ווערט איינגעהילט אין טרויער, און וואלקענס שווערע און שווארצע לאזען זיך ארונטער אויף מיר, און איך פארשעהם זיך פאר דער בהמה אין פעלד, פאר דער חיה אין וואלד — בעהאלט איך מיין בושה. אט שטעהען פאר אייך טויערען אפענע, ברייט־צועפענטע, פארוואס געהט איהר ניט אריין? און פארוואס לאזט איהר, אז די חזירים זאלען צוטרעטען דעם וויינ־גארטען און אויפעסען די געוויקסען?״

און צוויי גרויסע טרערען האבען זיך אפגעשטעלט אויף זיינע אויגען, די העלזעהעוודיגע, און זיין הארץ איז געלעגען אין די ווער־טער און האט זיך נעטריפעט ווי א הוהן, אן ערשט־געשאכטענע, אונטער׳ן חלף.

אנגעקומען זיינען זיי צום זאמר־גרוב, ווען דער זעהער האט גע־האט פארענדיגט זיינע רייד, די געליטערטע, און האט אין שטילקייט, שטייף־פארשלאסענער, געטראכט וועגען דער אומבאגרעניצטער ליבע, וואס נעהמט ארום דעם אוניווערז מיט איהר ברייטער האנט, און געהט נעארעמט מיט׳ן טרוימער׳ס העל־זעהעוודיגקייט און מיט׳ן נביא׳ס שטארקען טעמפעראמענט פאר גערעכטיגקייט און פאר דער פולסטער הארמאניע.

האט ער צוערשט ניט אויפגעהויבען זיינע אויגען, ווארים ער

האָט מורא געהאַט, אַז ווען ער וועט דערזעהען זייער אָפּגעריסענקייט און אָפּגעשליסענקייט, זייערע אַלטע טראַנטעס אויף די ביינער, די אַרויסשטאַרטשענדע און אויסגעדרייוועטע, וועלען זיינע רעיונות דער־טרונקען ווערען אין זייערע קולות, און געציטערט האָבען די תּלמידים, און וועה געטאַן האָט זיי דאָס האַרץ יעדען, וואָס דער געשפּרעך און די זעהונג איז איבערגעהאַקט געוואָרען אין מיטען און פאַרשוועכט געוואָרען פון די טומעל־מאַכער, און אַ וואַנט אַ גראָבע, אַן אייזערנע און אַן אייז־קאַלטע, איז אויפגעשטעלט געוואָרען צווישען זיי און איהם, און צושטערט געוואָרען איז די קדושה, די לייכט־פליגעלדיגע.

האָבען זיך די מאַרק־געשרייען אויפגעהויבען אין דער לופט און פאַרטומעלט זיינען געזעסען די שווייגענדע, און ניט געוואוסט האָבען זיי וואָס צו טאָן אינ'ם געדויש אַרום דעם זאַמדען־גרוב.

אבער דער זעהער האָט זיך ניט געשראָקען און האָט דעם מוט ניט פאַרלאָרען. האָט ער זיך אויפגעהויבען פּאַוואָליע פון פּלאַץ און האָט געזאָגט:

— איהר ווילט זעהען דאָס שנירעל פּערל, קומט נאָך מיר, אבער פאַרלירט ניט דעם וועג און בלאָנדזשעט ניט אַרונטער פון דער סטעזשקע, וואָס איך וועל אויסהאַקען פאַר אייך.

ברויזענדע שטראָמען זיינען געפּלאָסען פון זיין האַרצען, און גע־שלאָגען מיט האַסט אויף די תּלמידים, וועלכע האָבען געהערט די שטי־מע פון די טיפענישען און ניט פאַרשטאַנען דעם מיין און געזוכט צו באַגרייפען — די אינוועניגסטע כונה פון די ווערטער. אָבער די מאַסע האָט ניט פאַרשטאַנען, און די ווערטער האָבען זי ניט באַגייסטערט, און געערדט איז עס ניט געוואָרען צו זיי אין זייער גלויבען, נור שקר האָבען די ווערטער כּלומרשט געטראָגען צו זיי, ווארים די פּערל האָט ער זיי ניט געגעבען צו שפּיגלען זיך אין זייער שיין און צו קאָנען מיט באַנומענע קולות צושרייען זייער סחורה איבער'ן ישוב און איבער אַנדערע ישובים.

האָבען זיי זיך מעהר ניט געקאָנט צוריקהאַלטען און אויסגעשריען:

— גיב אונז די פּערל, גיב אונז! . . .

האָט דער זעהער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף זייער פאַרווירונג

און ניט געקאנט זיי ענטפערן אויף זייער פראָטעסט, און געזאגט האָט ער צו זיי:

— קיין פערל, ווי איהר ווילט, האָב איך ניט, ווייל אן אָרימאַן ווי איהר אלע זיינט בין איך, און א געבאָרענער בעטלער אויף אייערע טיר־רען בין איך, און מעהר ווי מיין טאָרבע אויף די פלייצעס האָב איך ניט געהאט און האָב ניט".

האָבען זיי איהם ניט געגלויבט און געשריען ווייטער:

— דו ביסט ליגנער, ניט מעהר. דארטען אין זאמדען־גרוב האָסטו אויסבעהאלטען דיינע אוצרות, אין דער ערד האָסטו זיי באגראָבען, טיף־פארפארפעלט אין זאמד, און אומיסטנע האָסטו אונז אוועקגערופען אהערצו צום ברוגים, אז ווי שעפעלעך תמימות'דיגע זאָלען מיר גלויבען דיינע שקרים.

און פארלאָזט האָבען זיי דעם זעהער און אוועקגעלאָפען צוריק זיינען זיי צום גרוב, צו גראָבען וואס טיפער אין דער ערד און טאקע געפינען די באהאלטענע אוצרות, די וואס זיי האָבען געדיינקט, אז דער זעהער מיט זיינע תלמידים האָבען טאג און נאכט באוואכט.

און אָנגעפילט איז געוועזן די מדבר מיט העכערע קולות, און געשפירט האָט זיך דער פראָטעסט און דער רעוואָלט. די לופט האָט געציטערט אין מורא און אָפגעטאָן האָט זיך די שטילקייט פון די שטרעקעס.

די קלאָג - וויזיע

געקלונגען ווי א צויבער־גלאָק האָבען די ווערטער, די גאלדענע, אין די אויערן פון אלטען, ווען דער טויט האָט געלאסטשעט זיינע באקען, די בלאסע, און געזעהן האָט ער זיך אריבערגעהענדיג איבער דער בריק, און פארשוואונדען ווי אין די טיעפע היילען פון דער אייביגקייט.

אָט אזוי איז אויסגעגאנגען דער אלטער.

ערשט דעמאלט האָט זאקוטא אויפגעהויבען זיינע אויגען, די ליכטיגע, צום הימעל, און דערזעהן האט ער די געשטאלט פון דער אייביגקייט רוהען אויף הימעל און ערד, און געשפיגעלט האָט ער זיך אינ'ם גלאנציגען שפיגעל ארום און ארום.

דער טויט האט איהם ניט אפגעשראָקען, ווי דאס לעבען איז איהם ניט שווער געווען.

„הערט איהר, ניט־זעהענדיגע ! — האָט ער געזאָגט — און דערזעהט . . .

„צוויי זייטען פון איין מטבע איז לעבען און טויט. און א דינענקער ווענטעל שטעהט צווישען זיי. א קלאַג איז אויפ'ן לעבען וואס איז געגליכען צו טויט און א קלאַג — אויפ'ן טויט וואס איז געגליכען צו א שווארצער נאכט.

„כ'האָב ליב רוה נאָך שווערער ארבייט — רוה וואָס באַזעעלט און באַהעלט און באדינט די נשמה. רוה, אין וועלכער עס קריכען ארויס יענע שעהנע געדאנקען וואס באהאלטען זיך און אנטלויפען פון באוועגונג און אויפרור. דעמאָלט באָדט זיך די נשמה אין די וואסערען פון דער אייביגקייט און צערטעלט אוים א געבוי פון שעהנ־קייט און פראכט — פאר זיך און פאר אנדערע.

„א מענש דארף ניט דעראָבערען די גאנצע וועלט, כדי צו זיין דער הערשער פון דער וועלט. וועלדער און פעלדער שטרעקען זיך אוים אין איהם אליין — גרויסע, אונענדליכע שטרעקעס גלאנצען פאר איהם. ער דארף נור האבען מוט אויפצוהויבען די דאזיגע פעל־דער ארויף־צו און זיי האָבען פאר זיינע אויגען.

„טרוים איז לעבען — און עס איז ניטא מעהר ווי דאס.

„ניט אין דעם וואס מיר האָבען לעבען מיר, נור אין דעם וואס מיר האָבען ניט, וואס מיר דארפען ערשט דערגרייכען אדער דער־גרונטעווען.

„דאָס ניט דערגרייכטע איז דאס סאמע הייליגסטע — דער קודש הקדשים פון דער מענשליכער נשמה.

„יא, אלע הערשער און אלע דעספאָטען און אלע גנבים און אלע מערדער — זיי אלע זיינען אפשר אויף דעם זעלבען וועג. אויך זייערע נשמה'ס האָבען געביינקט נאָך דעם ניט־דערגרייכטען, אויך זיי זיינען באהערשט געווארען פון דעם זעלבען געפיהל. צווישען זיי און די גרויסע גייסטער פון דער מענשהייט, צווישען זיי און די קו־מענדע גרויסע, נאָך וועמעס שיין, לאנגע און גרויסע מענשען־שיירות וועלען זיך ציהען, איז דאָ בלויז איין שפאַן. אויף דעם זעלבען וועג געגאנגען זיינען זיי, און אפשר דעם זעלבען טראט אפגעמאסטען, אָדער דערזעלבער ברען האט זיי געבראטען, אבער דער ציל איז גע־ווען אן אנדערער.

„אין אלעמען ליגט באגראָבען די דאָזיגע ירושה — דער באַפעהל, וואס איז געגעבען געווארען דער מענשליכער נשמה, ווען זי איז ארויפגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן ברייטען שליאך פון לעבען. געה און דערגרייך! — דאָס איז איהר געזאגט געווארען. ניט אלע האָבען אויסגעקליבען דאס זעלביגע צו דערגרייכען.

„איך באקלאָג דיך, אלטיטשקער! ווייל אין דיר לעבט מיין אייגענע נשמה. אויך דו האסט געוואלט דערגרייכען דאס ניט־דערגרייכטע, און געגארט האסטו צו דערזעהן דאס ניט־זעהבארע, און ניט אויפגעהערט האָט דיין נשמה צו וויסען, אז עס פעהלט איהר, ביז דעם לעצטען אטעם־ציה, און געברענט האט דאָס ליכט פון אט־דעם לעבען אין דיינע אויגען.

„ביסטו מיר טייערער, אלטיטשקער, פון אוצרות מיט גאלד און אוצרות מיט זילבער, און העכער פון וועלטען מיט רום ביסטו מיר, און געלייטערטער קומט ארויס דיין געשטאלט פון מיין נשמה, ווי מיין אייגען ליכט . . .

„אין דער שטילער נאכט פון פארטראכטונג און פארטיפונג אין זיך האָסטו אויפגעבויט אין מיין זעל דעם דראנג צו זוכען דאָס ליכט פון דער וועלט, און ארויסגעגאנגען בין איך אליין אויף די פלאַכען, און געזוכט מיין פארלארענע נשמה אין דעם שוים פון דער נאכט. דיינע ווערטער האבען דעם פלאם אנגעצונדען אין מיר און מיך דערהויבען איבער׳ן אבגרונד, און מיך אוועקגעטראגען איבער די דיסטאַנצען, און געהאָלפען מיר געפינען מיין גאט, דעם גאט פון מיין נשמה.

„ווער ביסטו דען, אלטיטשקער? און פארוואָס האָסטו זיך ניט אנטפלעקט צו מיר פריהער?

„דו ביסט מיין בעסערער „איך”, ווען ער האט פארבלאָנדזשעט אין די טיפע וועלדער, די געדיכטע, די פארפינסטערטע. ווען יונג בין איך געוועזן און ניט געקאנט האָב איך אפרייסען אליין די פרוכט פון די בוימער. אבער דו האָסט געטראגען אין דיין זעל דעם וויסען און דעם דראנג און דו האסט איהם מיר איבערגעגעבען.

„דו און איך — בין איינער, און צווישען אונז איז קיינער ניטא.

„דערפאר ביסטו ניט געשטאָרבען, טייערער מיינער! ווייל דו לעבסט אין מיר און מיט מיר, און דו וועסט אויך לעבען ווייטער.

„און אויך איך וועל לעבען און זיך איבערגעבען מיט מיין פייער און מיט מיין קאלטקייט, מיט מיין רוה און מיט מיין קאמף, מיט מיין ליכט און מיט מיין פינסטערניש — זיך איבערגעבען דורך די דורות, די לאנגע, די אומענדליכע.

„איך וועל לעבען אין יענער מינוט פון הערשער, ווען ארונטער־לאזען וועט זיך איבער זיין נשמה דער פארהאנג און דערזעהן וועט ער — אין יענער אפגעטיילטער מינוט — די פוסטקייט פון זיין לע־בען און די הוילקייט פון זיין קאמף.

„איך וועל לעבען אין דער מאכטלאזיגקייט פון זיינע הענט, ווען זיי וועלען זיך מעהר ניט קענען הויבען אין קאמף.

„איך וועל לעבען אין דעם שפיז פון געוויסען וואס וועט שטעכען זיין הארץ, ווען ער וועט דערזעהן די אומצעהליגע קרבנות, זיינע געפאלענע, זיינע אומגליקליכע.

„און איך וועל אויך לעבען און אויפגלאנצען אין אויג פון קינד, ווען עס וועט אויסשרייען : מוטער ! און זי וועט ניט קומען, ווארים א פאר'חלשטע וועט זי ליגען לעבען איהם, א טויטע, און אן אפגע־גאנגענע אין בלוט.

„איך וועל אבער אויך לעבען אינ'ם שטראל פון דער זון, ווען זי וועט גלעטען דעם קאפ פון א פארבענקטען וואנדערער אויף די שליאכען פון לעבען, און אין די פינסטערע נעכט, ווען אויף זיין געלעגער וועט זיך קארטשען א יונגער העלד, און ניט קענען געפינען קיין פלאץ אין דעם פאלאץ פון זיין פאנטאזיע, אין פאלאץ וואס ער האט אויפגעבויט מיט'ן בלוט פון זיין הארצען, וועל איך קומען צו איהם — אויפשוואומען פאר זיין אויג, און איהם בענשען און איהם רוח פון פולען בעבער ברייננען.

„איך וועל לעבען אין די אדערן פון מענשען, וועלכער זוכט די סודות פון אוניווערז און קאן זיי ניט געפינען, און שוואך זיינען זיינע כוחות און באפאלען ווערט ער צומאל פון אנגסטען און טרויער־מחשבות און קליינקייט, און איהם שטארקען און זיינע הונגעריגע אויגען אנפילען מיט זאטקייט און זיין הארץ פאר'שיכור'ען צו זוכען ווייטער און זיך ניט אפשטעלען.

„איך וועל לעבען אין דעם אויפברויז פון מענשען, ווען ער ווערט ארומגעכאפט מיט יראת־הכבוד פאר דער שעהנקייט ארום איהם, און

דערזעהט די גרויסע פּראכט וואָס ליגט אויסגעצויגען אויף אונענדלי־
כע שטרעקעס, און קוקט דערנאָך אריין אין דער תמימות'דיגקייט
פון דער בלום אויפ'ן פעלד און אינ'ם שפּיגעל־געלאָף פון די קליינע
טייכלעך, און וואונדערט זיך, און הערט ניט אויף ארויפצושוועבען
צו דער סאמע הויך.

„אויך אין איהם וועל איך לעבען — אין זיין בלוט, אין זיין
ברען, און אין זיין וויזיע.

„ווארים אַ טרעגער בין איך, אַ באשיידענער, און גאָט האָט מיך
באשאָנקען מיט אוצרות וואס ווילען ניט בלייבען אפּגעטיילטע פון
דער וועלט, נור אריינגעגאָסענע ווילען זיי ווערען אין אלעם און פאַר־
מישט ווערען מיט'ן אייביגען געזאנג פון דער וועלט".

אזוי האָט גערעדט זאקוטא!

און געהערט האָבען די תלמידים און זייערע הערצער זיינען אויס־
געגאנגען, און אריינגעקוקט האָבען זיי אינ'ם שיין פון זיינע אויגען
און האָבען זיך ניט געקענט אפּחידושען, ווארים געטליכע ריינקייט
האָט ארויסגעקוקט פון זיי און ניט אויפגעהערט ארויסרינען האָט
זויבערע באשיידענקייט פון זיי.

ווארים עס איז ניט געווען קיין גאווה אין זיי די גאנצע צייט,
נאָר גערעדט האָט דער אמת פון די ווערטער און גאָט האָט גערוהט
אויף זיי.

האָט איינער פון זיי, אַ טיף פּאַרטראַכטער, אַן אויסגעמאַטער־
טער, פון וועמעס פּנים עס האָט ארויסגעקוקט דער פּחד און די גע־
פאַלענקייט אין יענער גרויסער מינוט, זיך אָנגערופען:

„לערער און באַלויכטער! זאג אונז כאטש איין ווארט און באַ־
שענק אונז מיט נאָך איין קלאַנג פון דיין הארצען. זיינען מיר אלע
איינגעשלאָסען אין דעם?

„ניט נאָר איהר אלע, נור אלע, אפילו די וואס זיינען ניטא דא,
אפילו די וואס דארפען ערשט געבאָרען ווערען. אין יעדען לעבט דאס
ליכט פון דער אייביגקייט, אבער ניט אלע מאָל באשיינט דאס דאַ־
זיגע ליכט דעם ריכטיגען פּלאַץ אין דער נשמה. צומאָל ווערט עס
אוועקגעטראַגען אין די אבגרונדען און אויסבעהאלטען פון דער איי־
ביגקייט, הגם עס קערט זיך אום צוריק. ווען די צייט וועט קומען

וועט דאס ליכט אַלע מאָל און אייביג שיינען ווי עס דאַרף און וואו עס זאָל.

„געבענשט איז יענע צייט! איהר ליכטיגקייט זאָל אייביג שיינען פאַר אייערע אויגען און איהר וועט זיין א טייל פון דער גרויסקייט".

אזוי האָט פאַרענדיגט זאקוטא.

„ווער בין איך?"

און צווישען די שווייגענדע איז געזעסען דער שטילסטער, ווי א פעלזען א שטומער, זיך צוגעהערט מיט אויערן אנגעשטרענגטע צו די רייד פונ'ם פיהרער, דעם באַלויכטענעם, און ניט פאַרלאָרען האט ער דעם קלענסטען קלאַנג.

און ווען די פנימער פון די שוויגער האבען זיך צומאָל פאַרקרימט אין טראַכטעניש פאַרהוילענער, און ווי שפּיגלען געשליפענע אַרויסגעבראַכט די אינערע בויגונגען פון גייסטער טיף־פאַרזונקענע אין מחשבות, האָט אויף זיין פּנים געשפּילט א רוהיגער שמייכעל אָט ווי א צווייפעל זאָל זיך דורכשלאָגען דורך די גראָבע שיכטען פון זיין נשמה.

אָט ווי ער זאָל ניט אינגאַנצען האָבען געגלויבט אין די רייד, די פלאַמיגע, פון זעהער, און זאָל זיין די פאַרקערפּערונג פון יענע מענשען, וועלכע זעהען בשום אופן ניט אין פּנים פון דער ערד און אינ'ם שטראָם פון לעבען ערנסט און שלימות.

האָט דער שטילסטער צווייפלער געוואָלט אוועקנעמען דעם זעהער פון די גרויסע, ברייטע זעהונגען, די וועלט־אַרומנעמענדע, די צו די ווייט־ווייטע האָריזאָנטען לויפענדע, און געבעטען האט ער אין א צאַרטען טאָן, א פאַרשעהמטען, צו רעדען וועגען זיך.

„רעד וועגען זיך, לערער גרויסער! — גיב צו פאַרשטעהן דעם באַשייד פון דיין אייגענעם זיין און די עקזיסטענץ פון דיינע סודות. זאָל די וואַנט, די אייזערנע, צובראָכען ווערען צווישען אונז און דיר, און קאָנען וועלען מיר דעמאָלט טראָגען דיין וואָרט אין ווייטע מקומות און שפּרייטען דיין תורה צווישען די ניט־זעהענדיגע".

גלאָט זיינען די רייד אַרויסגעפלאָסען פון זיין מויל, און קלינגענד זיינען זיי געוועזן. און זעלבסט־זיכער האָבען זיי זיך אַריבערגעטראָגען אין די הערצער, די איבערפּילטע, די ווי בלומען אין זון־שיין צוע־

פענטע, אבער אין זיין הארצען האָט געעגבערט א טיפער צווייפעל, און א געלעכטער האט געטאנצט איבער זיין מוח, ווארים געטראכט האָט ער ניט זאגענדיג עס:

„מרחקים צו דערגרונטעווען איז ער א בריה, און פון ווייטע דורות רעדט ער, אבער זיך גופא האט ער ניט אנטפלעקט און קיינער ווייסט ניט ווער ער איז, צי זאל ער פארביטען ווערען אויף די גרויסע אין די מארקען, די אין וועמענס נאָמען גאָט'ס ווארט ווערט פאר־קויפט צווישען די הענדלער, און אין וועמעס נאָמען מענשען לאזען זיך לויפען אויף טעפיכער און באגעגענען זיך מיט זונה'ס אונטערן אפשיין פון באלויכטענע קופּאָלען; און אפשר איז ער גאר ניט קיין אנדערער ווי יענע פאלשע נביאים, וועלכע זיינען אויפגעשטאנען און האָבען זיך פארקויפט צו די הערשער און די קמצנים".

האָט דער זעער אריינגעקוקט אין זיינע אויגען און צום ערש־טען מאָל זינט גאָט'ס ווארט האָט ארונטערגענידערט אויף זיין גע־מיט, האָט ער דערזעהן ניט קיין בליק, נור א שפּיז א שטעכיגע, און דערנער שפּיציגע האָבען ארויסגעשטעקט פון אונטער זיין הויט, און דאָס מעסערדיגע מויל האָט שטארק געשניטען אין גייסט.

איז די פינסטערניש פאר א ווייל ארויפגעקראָכען אויף איהם, און האט זיך צולייגט אויף זיין בלוט, און האט אריינגעטריפט גיפ־טיגען שטאָף אין זיינע אדערן, און געציטערט האָט ער, און געזוכט דאָס וואָרט, דאָס בריהענדיגע, דאָס מעכטיגע, דאָס דונערענד־זיכערע, אָפּצוטויטען וואס גיכער דעם צווייפעל, וואס האט זיך אויסגעשפּרייט אויף איהם.

האָט זיך דער זעהער פארלאָרען אויף א ווייל און שאָטענס גרוי־סע און לאנגע האבען זיך אויסגעשפּרייט און זיך צונויפגעהעפט ווי א שלאנג, צונויפגעדרעהט און פארפלאָנטערט, אז קיין וועג איז צווישען זיי ניט געוועזן מעהר און קיין סטעזשקע האָט זיך ניט אנגעזעהן.

אבער זי האָט אנגעהאלטען בלויז א ווייל און אוועקגעפלויגען איז זי באלד, און נאך א גרעסערע אינערע ליכטיגקייט האָט באהעלט זיין הארץ, און ער האט געזאגט:

„אינם לויף פון געשעהעניסען איז קיינער גארניט — איך אויך ניט.

„צוויי שטראָמען לויפען פאראלעל אין מענשליכען לעבען,

שטראמיג לויפען זיי צו פארכאפען די ווייטע טעריטאריע וואס ליגט פאראויס פון זיי.

„און ברעגען האָבען זיי, די שטראָמען, די לויפענדע, ברעגען שטעהענדיגע און ווארטענדיגע, פיער ברעגען האבען זיי — צו צוויי יעדער שטראָם. איין שטראָם לויפט און ווארעמט זיך ביי די ברעגען פון גוטען און שעהנעם און דער צווייטער — ביי די ברעגען פון מיאוסען און שלעכטען.

„דער ערשטער שטראָם איז רוהיג ווי דער געדאנק, אבער אינע־רע ווארימקייט לעבט אין איהם, ווי אין געפיהל, דעם ווארעמענדען, דעם גליהענדען און דעם ליכטיגען. רוה און גליה, זוכען און וועלען זוכען, בענקען און וועלען בענקען. דער קעניג, דער געדאנק, הערשט, אבער די דינער זיינע, די געפיהלפולע, גיבען איהם דעם סאמע כוח, דעם זין צו וועלען און צו בענקען. עס איז דא אין איהם צפונ׳דיגע קאלטקייט און עס ברענט אין איהם די תמוז׳דיגע זון. אבער אינע־וויניג, באהאלטען פון אויג, פון דרויסען, הערשט א שטילער פלאַך, און ניט א ווינטעל זאל באריהרען דאס וואסער, און ניט א שטראהל א שטאַרקער זאל צוקלאפען די רוה. עס איז ניטא קיין שפּילעוודיג־קייט פון זינד און עס איז ניטא קיין קאלירפולקייט. דער שטראָם איז קליין און ארים. ווארים קיינמאָל האָט זיך מיט דעם שטראָם דער בלענדענדער גלאנץ פון די הערשער ניט באהעפט און אפטמאָל האָבען זיך געפליוסקעט אין איהם די ארימסטע פון די ארימע, די היימלאָזע און די צוריקגעשטויסענע.

„כ׳האָב רחמנות אויף דיר, שטראָם, מיין שטראָם, דו געזוכטער, דו געבענשטער מיט דער ברייטער האנט!

„און פון דער צווייטער זייט איז דא דער שטראָם פון גלאנץ און פראכט.

„אָ, פראכט בלענדענדע! אָ, גלאנץ גליהענדער מיט פולע קאָלירען!

„אינ׳ם צווייטען שטראָם שפּיגלען זיך די פּאַלאַצען, די טיף איינגעווארצעלטע, די שטאָלצע און די רוהמפולע, און אויך די צאר־טע טריטעלעך פון די מפונקים, וועלכע זיינען איינגעטונקען געוואָ־רען אין זייד און סאַמעט פון געבורט, געפינען אין איהם יענע טראָ־פּענס, וואָס פארקערפּערען די אויסגערונדעטקייט פון זנות און תענוגים־

אָהן א שיעור, און דער הונגער פון די ניט־אָנגעזעטיגטע צוליב זאט־קייט געפינט זיך אין איהם, און די נקמה־טרעגער פון דער וועלט און די וואָגענס מיט־שנאה־באַלאָדענע טראגען זיך איבער איהם.

„און ווי שעהן איז ער פון דרויסען און פאר'כישופ'ענד רופט ער צו זיך און שרייט פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער:

— קומט צו מיר, איהר דורשטיגע, און טרעט אריין אין מיר, איהר אייביג־הונגעריגע, וואס זאטקייט איז ניט פאר אייך, און גע־בראָכענער דורשט איז בלויז צייטווייליג פאר אייך! . . .

„און עס הערען די הערער און לויפען און עס זעהען די זעהער, די פארבינדעטע, און קומען צו איהם און ווי פאר'חלש'טע טרינקען זיי פונ'ם וואסער און זיינען זיך מחיה.

„אָ, איהר שעה'איגע מענשען! א, איהר דערוויילע־לײדיגע און באַלד ־ אויסגעהער!

„איהר זענט ניט איינגאנצען שולדיג, איהר שולדיגע, און איהר טראָגט ניט איינגאנצען די זינד אויף אייערע פּלייצעס, ווארים ווייט קענט איהר ניט זעהען און ווייט קענט איהר ניט הערען. גלאַנץ איז פאַר אייך א דערמוטיגונג און פראכט איז פאר אייך — א דערוויי־ליגער געווינס, און איהר ווייסט ניט דעם טעם פון הערשאפט אין זיך, און דער טונקעלער גלאַנץ פון זויבערקייט האָט אייך זעהר זעלטען באַזוכט.

„אָט אין דיביידע שטראָמען לעבט דער מענש. דא א סעקונדע. דאָרט אַן אייביגקייט. און וואקעלט זיך די נשמה צווישען דער צוויי־שטראָמיגקייט, הערט מען איהר קרעכץ פון איין ווינקעל וועלט צו דער אנדערער, און באָדט זיך דער געדאַנק אין די טיפענישען הערט זיך דער גערודער און שוידערט אויף די לופט.

„אליין איז מען גארניט. מיט'ן שטראָם איז מען „עפּעס". וואו א מענש איז, דאָס איז ער. באהעפטענדיג זיך אינ'ם וועלט־אַל מיט דאָס שעהנע, קלויבט ער אַן כוחות ווייטער צו געהען, אדער פאלט ער אויף די קניע פאר דאָס מיאוסע און שלעכטע, ווערען זיינע כוחות פארצעהרט, און שוואכער פון מינוט צו מינוט ווערט ער, און קלענער וואקסט ער אויף אויפ'ן פּלאַך און ווי א פארוויאַנעטע בלום ווערט ער אויפגעגעסען פון דער ליידיגקייט ארום און פון דער ליידיגקייט אינוועניג.

„איך בין ניט דער האַנדעל פון מאַרק, און ניט די סחורה, אויף וועלכער עס ווערט אויסגעשריען, אַז די קויפער זאָלען קומען כאַפּען מציאות.

„מיין תורה זאָל ניט פאַרקויפט ווערען אין טעמפּלען. הויכע געביידעס, און שעהן־באַפּוצט, זיינען אומווירדיג פאַר מיר. זאָלען זיי געהערען צו אַלע די וועמען די מאַרק־שרייער האָבען געפאַנגען און פון וועמעס אָדערן מען ציהט גאָלדענע רענדלען און וועמעס בלוט, דאָס פאַרגליווערטע, איז אויסגעשמאָלצען געוואָרען אין מטבעות גלאַנציגע.

„מיינע לאַסטען זאָלען ניט טראָגען די הערשער, ווי זיי טראָגען די לאַסטען פון אַנדערע טרעגער, וועמען זיי האָבען באַ'גנב'עט און בע'גזלט, און זאָלען די קמצנים זיך ניט צוריהרען צו מיינע הענט.

„איך וויל ניט זיין דער שרייער און אויך ניט דער באַשריענער.

„אין די דורות וויל איך זיין דאָס באַהאַלטענע — אַפילו דאָס באַשפּיגענע, אָבער אומבאַפלעקט אין זיך.

„איך בין אַ „איך", צייטווייליג, ווייל „אייביגקייט" איז צייטווייליג. איך בין אָבער אַן אייביגקייט אינם שטראָם פון די צייטען.

„וואָרום אין מיר ווערט פאַרקערפּערט דאָס גוטע און דאָס שעהנע.

„מענש, נאַטור און גאָט.

„די בענקשאַפט, די שעהנקייט און די אַל־העכסטע גערעכטיגקייט.

„יאָ, אַ פאַרהאַנג הענגט איבער מיר, אָבער הינטערן פאַרהאַנג שפּיגעלט זיך דער גייסט פון די דורות.

„דער קאַמף פאַר גייסט בין איך ווי עס וועלען זיין אַלע אַנדערע נאָך מיר, די וואָס האָבען איינגעשטעלט זייער לעבען פאַר דער גאַנצקייט פון לעבען, און די וואָס האָבען, פאַר'חלשטע, געקוקט אינ'ם מאָרגען - שיין.

„איך בין ניט איינער, ווייל אַ סך אַנדערע וועלען קומען נאָך מיר.

„כ'בין דער זעהער פון די וויטען, דער באַפליגעלטער מיט דער גאַנצקייט פון לעבען, די בענקשאַפט נאָך גליק און די גאַרונג נאָך האַרמאָניע.

„בויגט ניט די קעפּ פאַר מיר און זעהט ניט אין מיר דאָס געזעהענע, נור דאָס ווייט־ווייטע געפינט אין מיר דאָס וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דורות פון קאַמף זעהט אין מיר".

אזוי האָט גערעדט זאקוטא וועגען זיך, און ווען ער האָט גע־רעדט, האָט אויפמערקזאם געהערט דער צווייפלער און האט אָנגע־הויבען צו פארשטעהן דעם זין פונ'ם גרויסען ענטפער, אין וועלכען זיין פראגע, די אפגעטיילטע, איז פארשטראנדעט געווארען. אבער די אַרומיגע האָבען געפיהלט, אז א גרויסער פלאַם האָט זיך צוברענט ארום זיי און די צונגען פון פייער לעקען זייערע הערצער.

אין דער פינסטערניש

ערשט ווען דער פארכמאַרעטער הימעל איז ווי די נאכט פאר־פינסטערט געווארען, און אנגעלאדען איז ער געווען מיט שווערע בלייענע זעק, וואס האבען איהם געדריקט מיט זייער לאַסט, און גיפ־טיגע ריחות האָבען זיך געטראגען אונטער איהם, און א וועלט א פאראומערטע האט געוויינט אין דער שטיל און איז אויסגעגאנגען אין יתום'דיגקייט. —

ערשט ווען די ערד אונטער די פיס האט אזוי געציטערט, ווי עס ציטערט א שעפעלע א פארבלאָנדזשעטס פאר'ן אָנקום פון שטורם ווען דער פאסטוך איז פארשוואונדען אין פארנאכט און האט פאר־געסען, אז עס בלאָנקעט זיך אַרום דאָס בלודנע און שוואכע שעפעלע, און געלעגען איז זי אין טיעפער אומבאוואוסטער דערווארטונג פאר א געשעהענים א מיסטעריעזער.—

ערשט ווען עס האט זיך אויפגעהויבען אַ שטורם א רווישיגער אין די ווייטען און האט צונויפגעבלאָזען פון אלע זייטען ימ'ען מיט זאמד און ימ'ען מיט וועהען אומפארשטענדליכע, און עס האָט זיך געדוכט, אַז דער שטורם דער פארטומלענדער, האָט געקראגען די אוי־בערהערשאפט איבער הימעל און ערד און א וועלט, אן אומגליקליכע, וועט אזוי פארגעהן אין אומגליק און אין מורא —

ערשט דעמאלט האָט דער זעהער אויפגעעפענט זיינע אויגען, זיינע פארטראכטע, און האט אָנגעהויבען פארענדיגען דאס ליד פון וועה און פיין, דאָס צוגעזאָגטע אין פרייד.

און געזאגט האָט ער אזוי צו זאגען:

„אין די צייטען ציהען זיך שטראָמען פיינליכע טרערען און שטראָמען וועהיגע בלוטען פליסען אין די ווייטען.

„יעדער שריט אויפ'ן וועג איז שווער צו מאכען, שווערער ווי אט אין דער מינוט זאָל געבאָרען ווערען די פרייד אינ'ם אומעט, וואס הענגט איבער די וואונט פון דער אייביגקייט, שווערער ווי עס איז פאר'ן שטורם צו פארכאפען די ליידיגקייט צווישען הימעל און ערד.

„אין יעדער שריט איז וועה און נויט רוהט אויף די געצעלטען.

„ווארים ארויסקומען פון דער נאַכט און פון דער נויט א גאנ־צער און געלייטערטער איז ניט לייכט אפילו פאר'ן גייסט.

„און די רשעות איז שטארק און געפעהרליך איז איהר מאכט.

„אין זכות פון אמת לעבט דער ליגען, אבער ער וויל איהם באַ־צווינגען און אונטעריאכען, און ער ווייסט ניט, דער ליגען, אז ווען נאָר ער וועט באווייזען צו פארניכטען דאָס שטיקעלע אמת, וואָס ברענט אין זיינע אדערן, וועט ער אליין פארניכטעט ווערען.

„און זי ווייסט ניט, די רשעות, אז זי איז א שלאַנג פאר זעלבסט־פארניכטונג, ווען ניט דאס ביסעלע גוטע אין איהר וואס גיט איהר כוח צו לעבען און געדייהען.

„דאָך — וויל דער ליגען און די רשעות אונטעריאכען ניט בלויז דעם אמת דרויסען פון זיי, נאָר אפילו דעם אמת וואָס ליגט אין זיי און וואס איז דער סוד פון זייער עקזיסטענץ.

„און ווייל ליגען און רשעות זיינען ניטאָ דרויסען פון מענש־ליכען הארץ און מענשליכען מוח, און ווייל ביידע, אויב זיי פאר־כאפען, פארכאפען זיי דעם גייסט פון מענשען, קעמפען זיי געגען יעדער שטיקעל ליכט, וואס פארוואלגערט זיך אינעוויינינג און געגען יעדער ברעקעל זין און אמת וואָס איז דאָ אין מענשען.

„לעבט די טיפסטע טראגעדיע אין אט די קאמפען, ווארים עס שפאלטען זיך הערצער אינם קאמף פאר לעבען און דער וועג איז באשפרינקעלט מיט בלוט, וואו נאר א פוס שטעלט זיך אוועק.

„אונטער'ן קנוט געהען זיי, די פארקנעכטעטע, און אונטער דער גרויער ליכט פון פארנאכטיגע לעבענס, און העלפען קענען זיי זיך ניט, ווארים אנטלויפען מיט זיך קענען זיי ניט, און קיין וועג פון געקליבענע אין גייסט און געצייכענטע אין וועהען העכערע קענען זיי ניט געפינען.

„טראָגט זיך דאָס קלאָג־ליד איבער זייערע הימלען און כמארעס

פינסטערע פארדעקען זייערע קעפ און עס ציטערט אין זיי דער ציטער פון יתום'דיגקייט.

„אָ, מאַסען קנעכט פאַראומערטע און, אָ, אומזיכערע און פאַר־צעהרטע אין פרעמדען פלאַם!

„עס וויינט איבער אייערע קעפ דער גורל, און פאַרלענדונג קוקט ארוים פון אייערע אויגען, די פאַר'חושכטע.

„אינ'ם שטיקעל ברויט, דעם פאַרפינסטערטען, דעם פאַר־קוואַרטען, ווי אייער קערפּער, דער בלוטלאָזער, ווי אייערע פּנימ'ער, די פארבלאַסטע, לעבט אייער וועה און אייער טרער.

„פאַר דעם ביסעל לופט צום אַטעמען גיט איהר אָפּ אייער פרייהייט און אייער לעבען שענקט איהר אוועק צו יעדען בעטלער, וואס האט אביסעל מעהר ברויט און לופט ווי איהר.

„צווישען בערג פּאַשעט איהר יענעמ'ס שאָף, כדי ער זאל האבען וואָס מעהר וואָל און וואָס מעהר פעטס. זאָלען די אויסגעמאָגער־טע אוועקגעבען זייער פלייש פאר אביסעל פעטס און זאלען די נאַ־קעטע, וועלענדיג פארדעקען זייער שאנדע, צאהלען מיט פולע עמערס בלוט פאַר יעדען שטיק וואָל.

„און איהר געהט און לאזט זיך קוילענען אויף יענעמ'ס מזבח!

„אין די טאָלען שלאָפט איהר אוים אייער מידקייט און אין חלומות טיפע פארגעסט איהר אויף איין מינוט דעם קלאַפּ פון רוט אויף אייערע נאַקעטע לייבער.

„און דאך לעבט אין אייך פרייהייט, און דאָך איז ניט געשטאָר־בען אין אייך יעדער פונק פון גערעכטיגקייט, און דאך שוועבט איהר צומאָל איבער טייבען פון פרייד און גליק, און דאך איז אין אייך אויך דאָ די בענקשאַפט, ווען איהר זענט אליין מיט זיך און דאס פייפעלע זינגט אוים א הימנע צום באַשעפער פון אלעס.

„אויך דורך אייך טראָגט זיך דורך דער שטראָם, ווייל פון אייך וועט ארויסקומען דער פרייער מענש און דער גערעכטער.

„אָבער אינ'ם גרויל און אין דער געדיכטער פינסטערניש הער איך דעם וועה פון אייער נשמה.

„עס טראָגט זיך אייער קלאָג צו מיר.

„עס גיט זיך איבער אייער גרויל צו מיר.

„איהר לעבט אין מיר אפילו ווען איהר ווייסט ניט.

„זינגט־זשע, גייסט־מענשען, אויך דאָס קלאָג־ליד פון די אויס־געצעהרטע און טרויערט מיט אין א געבענשטער שעה דעם טרוי־ער פון די גאָר טרויעריגע.

„זאָל דאס קלאָג ־ ליד פון די דערדריקטע און געטריבענע אויך אייערע הערצער דורכנעמען און זאָל אונטער אייער זון־שיין אויפ־געהן דאס געזאנג פון מידען און שוואכען.

„שטרעקט אויס א האנט צום שטומען וועה פון די שעפעלעך, וואָס געהען צו דער שחיטה אומבאוואוסט.

„און שענקט אַ נדבה פון דערהויבונג אויך פאר יענע ווייטע, וועלכע וועלען אלע מאָל דארפען טראָגען דאָס זאָקען־בענדעל פון די שטאַרקע און זיכערע און קלייבען ברעקלעך פון א גרויסען טיש.

„און ווי הינט הונגעריגע וואָיען אין דער נאכט נאָך שפייז.

„אינ׳ם קלאָג ליד ווערט געלייטערט״.

און ווען דאס לעצטע וואָרט האט געזאגט א זיי געזונט צו זיינע ליפען, די געהייליגטע, איז שוין דער הימעל געוועזן לויטער און שעהן און בלויקייט האָט גערוהט אויף איהם.

און אויף די ליפען פון די תלמידים האָט א פראגע געהויערט:

וואָס איז די באדייטונג?

אָ, קערפּער, קערפּער!...

וואָס באדייט עס? — די דאָזיגע פראגע איז אריינגעשושקעט געוואָרען פון אַ געהיימער קראפט צו יעדען אין אויער אריין, און ווען אפגעזעצט האָט זי זיך אויף אַ הארץ, האָט זי אויפגעזאָטען בלוט און געטראָגען גייסטער אין דער טונקעלקייט אריין ווארים ניט ווי־סענדיג אויף איהר וואס צו ענטפערען, האָט מען קיין רוה ניט גע־קאָנט האָבען.

„וויינט דער לערער אויף די ניט־באַווייזטע און קלאָגט טאקי ארויס די קלאָג פון לעבען פון זיינע ליפען?

„און פארוואָס זאָל באַלד דער ציעל, דער ניט־דערגרייכטער, ניט דערגרייכט ווערען און אויפהערען זאָלען קערפּערס דארען און קווארען און אָפּגעהן אין בלוט?

„און פארוואָס אזוי פיעל ליידען, גייסט גרויסער? און פאר־וואָס אזוי פיעל פינסטערניש? און פארוואָס אזוי פיעל רשעות?

„איז דען די וועלט, די גרויסע, די ווייטע און אונערשעפליכע, אזוי קליין אז עס איז ניטא פאר אלע מענשען־קינדער קיין גענוגענדע אוצרות?

„און פארוואס זאלען מענשען דארפען גאר זיך פארקויפען צום קאלב און אנדערע — פארקויפען פאר ברויט?

אזוי האבען געפרעגט אויגען צועפענטע. אזוי האבען געפרעגט הערצער פארשמאכטע. אזוי האבען געפרעגט בלוטען אויפגערעגטע.

„און וועט דער זעהער פארמיידען אן ענטפער, און וועט ער צוריקהאלטען דעם סוד, און קיין באשייד דארויף ניט געפינען?"

„וואס באדייט עס?" — האט איבערגעפרעגט דער זעהער, און געקוקט האט ער מיט אזעלכע ליידענדע אויגען אויף שוויגענדע פרעגער, און גליך געקוקט, פונקט ווי ער זאל וועלען צונויפגיסען זיין געמיט, דעם געבענשטען, מיט זייער געמיט, דעם מרה־שחורה׳דיגען, און פונקט ווי ער זאל וועלען אויסטריקענען מיט זיין בליק, דעם אנגעשפיצטען, דעם תהום פון חשרת, וואס האט זיך אויסגעשפרייט צווישען זיי.

און זאקוטא האט געזאגט:

„א, קערפער, דו קערפער, וואס שלעפסט אין די אבגרונדען, א, דו אין זומפען פארלארענער, דו אין תהומות פארפלאנטערטער!

„עס איז ניט די שנאה צו דיר וואס באוועגט מיך צו פרעדיגען צוריקהאלטונג און פארמיידונג, און עס איז ניט די קנאה אדער דאס נקמה־געפיהל, וואס באוועגט די נשמה צו נזירות און פרישות. עס איז די ריינקייט און די זויבערקייט, אויסגעטאן פון זיך, וואס ציהט ארויף און וויל דיך לייטערען קערפער, מיין קערפער!

„ווארים געבענשט ביסטו דאך שוין מיט דעם אליין, וואס דו ביסט באהעפט געווארען אפילו אין געדאנק, מיט דעם גייסט, דעם געטליכען. ווארים געבענשט און געלייטערט ביסטו דאך שוין מיט דעם אליין, וואס אין גרונד גענומען איז ניטא קיין חילוק צווישען דיר און דעם געלייטערטען אויג פון גייסט. דו האסט אבער א שוואכקייט צו דער ערד. דו ווילסט זיך ניט אויפהויבען. דו ווילסט שפייז און ווערסט פארטרונקען אינם געוויסער פון תענוגים, און די פארפלייצונג פון תאווה׳ס, ווען זיי ווערען דיר נאכגעגעבען, רויבט ביי דיר אין גאנצען צו דעם אויסוואהל.

„און ווען מען רעדט פון מעכטיגע און שלעכטע, און ווען מען טראכט פון ימים רשעות און טייכען פון אומשולדיג בלוט פארגאסענעם, האסטו, קערפער, מיט דיין לויפען אין דער נידער, מיט דיין געבויגענעם בליק ארונטער, א גרויסען חלק אין דעם.

„און דאך ביסטו אומשולדיג. דערפאר טאקע וויל איך דיך ניט באשטראפען מיט מעשים שווערע, נור דיך אויסהיילען וויל איך, אז זאלסט באררייכערט ווערען מיט מוטיגקייט און שטאלץ, און מיט פארטראכטער ליבליכקייט זאלסטו זיך קענען טראגען איבער דער פלאך פון דער ערד.

„ווארים קערפער איז אין מיטען, ווען הערשער טרעטען איבער קעפ צוטראטענע און צודריקטע. און קערפער איז שולדיג ווען צוטראטענע לאזען זיך, אהן אויפשטאנד און אהן דעם מינדסטען ווידערשטאנד, צודריקען אין טויט אריין.

„די ערשטע זוכען צו באפרידיגען זייער קערפער מיט פולע זעק פון גאלד און זילבער וואס קויפען אלעס, אפילו יענעמ'ס נשמה.

„די צווייטע פארענטפערען די פראגע פון קערפער דורך קריגען א שטיקעל ברויט א טרוקענס, און — זיי זיינען צופרידען.

„ווארים, ווען מען איז אנטוויקעלט אין גייסט, וואלט דער הערשער ניט געהאט איבער וועמען צו טרעטען און ער וואלט טרעטער ניט געווען און ווען רייך אין גייסט און אנגעגליהט פון איהם, וואלטען די צוטראטענע שוין לאנג געהאט אלעס וואס זיי מוזען האבען טאקע צו פארשטאפען דאס מויל פון'ם קערפער.

„בין איך ניט געגען דיר, קערפער, און ניט דיין שונא געווען — קיינמאל ניט.

„איך — גייסט — בין דיין פריינד. איך בין איינס מיט דיר און דיין בעסטער פריינד, ווען דו באהעפטסט זיך מיט מיר און ווען דו לאזט זיך אוועק אויף די ברייטע שליאכען מיינע, די גע'ירשנטע, די גערייניגטע.

„און ווי לאנג וועט דויערען די לויטערונג? און ווי לאנג וועט ליידען דער קערפער?

„געהט ארויס אויף די וועגען און פרעגט די לויפענדע צייט.
פרעגט זי: ביז וואנען?
„און ווארט אויף איהר ענטפער.

„ניט קיין באשטימטען ענטפער קאָן זי אייך גיבען.

„ווארום שוין פון לאנג, און פרעגט אייערע זיידעס און זיי וועלען אייך דערצעהלען, אז איין אויפגאבע בלויז איז דא איצט פארן מענשען: דעראָבערען רוים.

„און דאס איז אַ שווערע אויפגאבע.

„אַ וועלט א פיל־פארביגע ליגט אויסגעשפרייט פאר אייך, מענשען־קינדער, און איינגעהמען דארפט איהר זי און זי ארייננעמען אין זיך.

„און וואס גרעסער די וועלט אין אייך וועט זיין, אלץ מעהר עשירות וועט איהר אויפדעקען, און איהר וועט וויסען וועגען איהר און פארשטעהן דעם באטייט, הגם איהר וועט עס ניט באזיצען. ווארים ניט די קינדער פון רוים זיינען באשאפען פאר דער דעראבערונג פון צייט. א רחבות איז פאר אייך, געהט און פארכאפט ! . . . פארטרייבט די חיות פון די וועלדער און אונטערטעניג מאכט די בהמות אין די פעלדער. צוואווארפט אייערע נעצען און פאנגט פיש טויזענדע מאָל שטארקערע פון אייך. די דיסטאנץ איז אייך געגעבען געווארען. ראנגעלט זיך פאר יעדען שפאן ערד.

„אַזוי ארום שטעלט צופרידען דעם קערפער, איהר קערפערליכע, איהר מדבר־מענשען. ווארים אייער וועג איז איבער דער מדבר אויסגעלייגט, א וועג א רחבות׳דיגער און כמעט אונענדליכער.

שטעלט זיך צופרידען מיט רחבות־דיגקייט.

„וואָרום אַנדערע וועלען קומען, און געבענשטע אין צייט, ערשט זיי וועלען וויסען דעם אָפּשאַץ פון צייט און זיי וועלען דארפען דעראָבערען ניט בלויז רוים, נור צייט־הערשער ווערען.

„דורות פאר דער באהערשונג פון רוים רוף איך אייך . . . האַלב־גליק באַזיצט איהר. רוים בלויז.

„ווען באפרייטע אין גייסט זענט איהר, און פול־געבענשטע, וואלט איהר געהאט א גרעסערען אוצר ווי איהר האט איצט.

„לייד, קערפער, ביז דו וועסט זיך זעלבסט באפרייען קאנען און זיך אויסלערנען, דעם צו פאלקאָמענהייט שטרעבענדען סוד זיך דערוויסען״.

זיינען געפלאָסען די ווערטער ווי טענער צארטע פון א פידעלע

אין מלאכ׳שע הענט און געהערט האָבען די ווייטען וואס זיינען גע־
לעגען איינגעפּרעסט אין דער מדבר.

אין געדיכטען וואלד

און גרעבער זיינען געקומען פון אַלע זייטען, ווארים געהערט
האָבען זיי, אז א זאמד־גרוב איז געפונען געוואָרען, וואו עס זיינען
אויסבעהאלטען ניט בלויז פּערל פּרעכטיגע, און קאָסטבארע, נאָר
גאָלד און זילבער אסך.

האָט יעדער געכאַפּט זיין אייזעלע און זיין קעמעלע און איז
געלאפען אהין, — אהין צו דעם מדבר־פּלאַץ, דעם פארהוילענעם, צו
פארכאַפּען אביסעל פון דער עשירות און אביסעל פונ׳ם גליק, וואס
איז בעהאלטען אין די געדערים פון דער ערד, און מיט פלאמיגע
פּנים׳ער זיינען זיי געקומען און מיט צועפּענטע הערצער, און אניאַ־
גען האָבען זיי אַלע געוואלט די צייט, די פליהענדע.

האָט די מדבר נאָך קיינמאָל ניט געזעהען אזא גערויש אויף
איהרע זאמד־כוואליעס — א גערויש פון ניט־איינגעשטילטע געמיטער
און אויפגעריסענע פארלאנגען.

האָט דער הימעל געגעכטיגט און געטאַגט אויפ׳ן גערויש און
איהם געצערטעלט מיט זיין בלויקייט און מיט זיין כמורנעקייט, וואו־
רים אויך הימעל האָט רחמנות געהאט אויף די וואָס וועלען אנטוישט
ווערען אינ׳ם גערויש.

און די ערד אונטער זייערע פיס האָט זיך געבעטען: „טרעט מיך
ניט אזוי, דריקט מיך ניט אזוי, מיך, אייער מאמע און אייער
פריינדין! . . .״

אָבער די מענשען האבען ניט געהערט דעם מורמעל פון הימעל־
הויף, און דאָס געבעט פון דער ערד אונטער זייערע פיס האָט כלל
ניט דערגרייכט זייערע אויערען, די פארשטאפּטע, און געשלונגען
האָבען זיי, און טאקע געווען זיכער, אז אַלע: לופט, ערד און הימעל
— האָבען זיך צונויפגערעדט צו שטערען זייער גאנג און אפּשטעלען
זייער געלאַף צום ציעל.

און ווען האָריזאנטען ליבליכע האָבען זיך צופלאמט איבער זיי־
ערע קעפּ, האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אז דאָס איז א בגידה פון הימעל,
וועלכער וויל זיי אפּנאַרען מיט זיין פלאַמיגקייט, אז אומזיסט איז

זייער זוכען אין דער ערד די אוצרות, די באהאלטענע, און אז גאָלד, אנגערויטעלטען, קאן מען נור געפינען ביי איהם.

גאָלד! גאָלד! — האָבען זייערע ליפּען געשריען ביינאכט און בייטאָג. און ווען געגעכטיגט האבען זיי אויף זייער וועג, האבען זיי זייערע אויגען ניט פארשלאָסען אויף ביינאכטיגען שלאָס, ווארים זיי האָבען מורא געהאט, אז עמיצער וועט זיך אויפכאפּען און זיך ארויס־גנב'ענען פון די שיירות און אוועק אליין.

האָבען זיי שומרים וואכזאמע אויפגעשטעלט צו היטען די וועגען. און ווען זיי האָבען מורא געהאט פאר די שומרים, האָבען זיי אנ־דערע געדונגען, אז זיי זאלען היטען די היטער . . .

— גיט אונז אהער דעם זאמד־גרוב, — האָבען די אָנקומענדע פון אלע ישובים געשריען — אביסעלע גאָלד פון זאמד־גרוב איז מעהר ווערט ווי די גאנצע וועלט מיט ווערטער שעהנע און גין־גאָל־דענע! — מיר וועלען אונזער לעבען אוועקגעבען, אבי אונזער בליק אָנצוזעטיגען מיט'ן געלען מעטאל, דעם אזוי לאנג געזוכטען.

און אפּגעטאן האָט זיך די איינפאכקייט פון זייער הארץ, און די תמימות איז אין גאנצען אוועק, און ניט געבליבען איז א ברעקעל גוטסקייט אין זייער הארץ.

אבער דער אָזים, וואו דער זעהער איז געבאָרען געוואָרען, האָט פריהער פון אלע געוואוסט, אז די גאנצע מעשה מיט'ן גאָלד איז אויס־געטראכט ניט פון עמיצען אנדערש ווי נאָר פון די לײדיג־געהער און פון די פוסטע קעפּ, און זיי האָבען באשולדיגט ניט קיין אנדערן ווי דעם אינגסטען פון די יונגע, דעם שווארץ־אויגיגען זעהער פון דער מדבר, וועלכער האט פארטרוימט א טרוים און האט ארונטערגע־פיהרט אומצעהליגע פון וועג דעם גלייכען, און א גרופּע האָט זיך צונויפגענומען צו פארטרייבען דעם זעהער פון זייער מיט, כדי דער צאָרן פון די מדבר־מענשען, דער ארויסרינענדער פון זייער זיכערער אנטוישונג, זאל ניט אויסגעגאסען ווערען אויף זיי, ווי א מבול, און זיי פון דער ערד פארטיליגען, און זיי זיינען געקומען צום זעהער און צו איהם אזוי געזאגט:

„אנטרין פון צווישען אונז און באהאלט זיך אוים פונ'ם צאָרן— געה אוועק אויף די בערג און דערצעהל זיי בעסער די טראכטעניש פון דיין הארצען, ווארים די מענשען דאָ קענען דיך ניט באנעמען

און וואָס דו זאָגסט און וועסט זיי זאָגען וועלען זיי טייטשען פארקערט . . .

דעמאָלט האָט דער זעהער גענומען זיין גרויסען שטעקען און דאָס טאָרבעלע אויף די פּלייצעס און האט געריכטעט זיינע טריט צום ראנד פון דער מדבר און איז ארויס אויפ׳ן ברייטען שליאך צווי־שען אויסגעשטרעקטע וועלדער, פארבאהאלטענע און אנגעפילטע מיט שלענג און עקדישען, און מיטגעגאנגען זיינען מיט איהם בלויז זיי־נע תלמידים.

און — געוויינט האָט זיין הארץ און געזאָגט :

„אַן אומגליק האָב איך געבראכט אויף מיינע מענשען, וועמען איך האָב אזוי ליב, אַן אומגליק און א געדיכטע פינסטערניש. איז וואוהין זאָל איך געהן צו באהאלטען מיין וועהטאָג ? וועט די שלאנג אין וואַלד מיך פארשטעהן ? — ווארים גיפט איז אריינגערונען אין מיין נשמה און גאַליגקייט האט מיך אין גאנצען פארכאפּט, און איך האָב נאָך אזוי פיל צו זאגען און אזוי פיל צו לערנען די אומפּאר־שטענדיגע ! זאָל איך שטאַרבען אליין און מיט מיר זאָלען אָפּ־שטאַרבען אויך די זעהונגען פון מיין נשמה ?"

זיינען געשטאַנען די בוימער מיט צעצווייגטע הענט, צונויפגע־וויקעלטע, און געקוקט פארחידושטע אויף די אנקומענדע, און ניט געוואוסט האבען זיי, אז איינער פון די סאמע אומגליקליכסטע געהט צו זיי, זיך אפּצורוהען פון זיין וועהטאָג און צו אנטלויפען פון די אנגסטען.

און דאס גראָז אונטער די פיס האָט געשעפטשעט שטיל :

„ווער טרעט עס אויף אונז, שוואַכינקע, אזוי צערטלענד און אזוי מילד ?"

ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו א געדיכט פּלאַץ וואו די זון האָט ניט דערגרייכט, און פינסטער איז געווען, און הימעל און ערד זיינען געווען איינגעוויקעלט אין איין גרינעם דעקטוך.

דאָ האָט זיך דער אנטלאָפענער אפּגעשטעלט און האט געזאגט :

„איז עס מעגליך, אז דער גייסט וועט פאר דורות דארפען אזוי זיך אויסבאַהאַלטען אין דער וועלט ?

„איז עס מעגליך, אז איך מאך איצט דורך דעם לאנגען וועג פון אלע אנדערע, וועלכע וועלען קומען נאָך מיר און זיך אויסבעהאלטען

אין די געדיכטע וועלדער און צווישען שלענג און עקדישען זוכען רעטונג ?

„איז עס מעגליך, אז דער גייסט וועט אלע מאל און אייביג אויסגעטייטשט ווערען אלס אומרעכט און אלס שלעכט, און כדי צו רעטען זיך פון אונטערגאנג, וועט ער דארפען אנטרונען ?

„אויב אזוי איז דאך שוין בעסער זיך צו באהעפטען מיט דער אונענדליכקייט און אנטלויפען פון גערׅאנגעל און, ווי א מענש וואס האט פיינט בלוט - פארגיסונג, אוועק פון'ם שלאכט־פעלד !"

האבען די דאזיגע געדאנקען, די פינסטערע, איינגעוויקעלט זיין זעל, און זי האט איצט מעהר ניט געזעהן די העלקייט ארום און ארום און עס האט זיך איהם געדוכט אז ער פאלט אין אן אבגרונד א טי־פען, א דנא - לאזען.

און א מורא איז באפאלען די תלמידים נאך מעהר, ווארים אויך זיי האבען געשפירט די ירידה, און אויך זיי האבען געוואוסט, אז ניט אומזיסט שטעהט ער א פאר'חושכטער אין געדיכטען וואלד, א פארטראכטער.

אבער פלוצלונג איז די פינסטערניש באלויכטען געווארען, און א ליכט א העלס איז ארונטערגענידערט פון די הויכען און דערזעהן האבען זיי, אז די חשכת טהוט זיך אפ פון זיי, און עס געהט אויף א זון אין פינסטערען וואלד.

האבען זיך זייערע אויגען צועפענט און זיי האבען דערזעהן, אז ניט פארלאזטע זיינען זיי און ניט פאר'יתומט ווערען זיי פארבלייבען, און זיי זיינען געפאלען צו די פיס פון זעהער, און האבען זיך גע־בעטען, אז ער זאל זיי ניט איבערלאזען אין דעם פינסטערען וואלד, און זאל זיין מיט זיי אויף שטענדיג.

ווארים דער גלויבען האט זיך ווידער אין זייערע הערצער באַ־זעצט און — די זיכערהייט האט געפונען א נעסט אין זיי.

און דאן האט דער זעהער אויפגעעפענט זיין מויל און האט זיי אנגעהויבען דערצעהלען די סודות פון זיין הארצען.

די וויטען, די ניט - עראבערטע ! . . .

ערשט איצט האט דער זעהער אריינגעקוקט אין די אויגען פון זיינע תלמידים און ער האט ארויסגעשעפט פון זיי אוצרות ניט

צום אָפּשאצען און צארטקייט ניט צום באנעמען, און געווארט האָט ער צו הערען פון זיי א ווארט, צונויפגיסען זיך מיט זייערע געפיה־לען און ווערען זאל פון אלעמענס הערצער איין האַרץ, און אפשפּיגלען זאל זיך די גרויסקייט אין זייערע רייד.

עס האט די מידיגקייט פארטראגען זיין גייסט אין טיפען, ניט דערגרונטעוועטע, און געזעהן האט ער מיט זיין אויג דורות נאָך ניט־געבאָרענע, דורות זוכענדע און דורות בלאנדזשענדע, און געוואלט האָט ער איצט זיך ארונטערלאזען צו זיי, די נאָהענטע, צו זיי, די אייגענע, און זיי אומאַרמען מיט'ן וואָרט, דעם טויאיגען.

ווארים הויך האָט געסטאַרטשעט דער לייטער, דער אויפגע־שטעלטער פון זיין גייסט, הויך אין הימעל אריין און געשפּאלטען האָט ער איהם און געזעהן דאס אומגעזעהענע האבען זיי אלע.

איצט האָט ער געוואלט זיך ארונטערלאָזען פון דעם לייטער, און ארונטערקומען צו די פלאכען, די אויסגעגלעטע, און צו די ני־דערען, די טיף־גרונטיגע.

האָט ער זיך דעריבער טאקע אין דרייען איינגעבויגען.

האָט ער די אויגען, די ליכטיגע, ארונטערגעלאזט.

האָט זיין האַרץ אויסגעזוכט פונקען אויסגעלאָשענע אין זייערע הערצער און געוואונדערט איבער די אויסגעברענטע אשעס.

האָט זיין גייסט זיך געוואלט באהעפטען אפילו מיט דער קליין־געדאנקליכקייט פונעם צווייפלער און מיט דער אפגעלאזענקייט פון'ם מרה־שחורה'ניק, און אפילו מיט די וואָס האָבען קיינמאָל א וואָרט ניט אויסגערעדט, זייענדיג צושוואומען אין זייער טראכטעניש, און ניט וויסענדיג נאך אויף וואס זיך אפצושטעלען.

און אפילו מיט דער נשמה פון אלטען, דער ערשט־אוועקגע־גאַנגענער, האָט ער זיך געוואלט פאראייניגען, ווארים געביינקט האָט ער נאָך א וואָרט פון ווארעמקייט און געזוכט האָט ער אן ענטפער.

הינטערן פעלזען, דעם שווייגענדען, אין געדיכטען וואלד, דעם פאַרהוילענעם, פארוואָרפען צווישען בוימער צעצווייגטע, האָט דער זעהער זיך אוועקגעלייגט, און מיט פארמאכטע אויגען האט ער אין זייערע הערצער אריינגעקוקט און געצויגען פון זיי ווערטער נאך ניט־אַרויסגעזאגטע, געדאנקען נאך ניט־אויסגעדריקטע.

און מיט זיין שווייגען האט ער עס געוואלט טאָן — מיט זיין בליק, מיט זיין צעצונדענעם פלאקער, דעם אינוועניג־בריהענדען.

איז געווען איינער צווישען זיי, וועלכער איז פון ווייטע לענדער געקומען, דער ווייטסטער, אבער שטענדיג זיך האלטענדיג אין דער נאָהענט, צום זעהער, איז ער ביים סאמע פייער געזעסען און זיך גע־באָדען אין די וואַסערען, די צופלייצטע.

און ווען ער האט זיך באגעגענט מיט'ן בליק פונ'ם זעהער, דעם ניט־רעדענדען, האט ער ניט געקאָנט אויסהאלטען, ווארים געפילט האט ער, אז דער זעהער ווארט אויף איהם צו זאָגען א וואָרט, און אז נאָר אין דער שעה, דער איינציגער, וועט ער קאָנען דאָס וואָרט, דאָס באפליגעלטע, זאָגען.

און געגלוסט האט זיך איהם רעדען פון ווייטען, ניט־דעראָבער־טע. דארטען וואו דער זעהער האט פארענדיגט.

דערווייל פארענדיגט.

און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען פון פלאץ, דער ווייטסטער וואנדערער, האָט דער וואלד אין דערווארטונג זיך גע'סוד'עט, און בוימער און בוימלעך האבען געפיהרט א געהיימניספולען געשפרעך, און דופטען האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט און זיך איבער־געגאָסען צווישען די צווייגען, און עס האָט זיך אויסגעדוכט אז די בעהאלטענע צווישען די בוימער וועלען קיינמאָל דעם וועג ארויס פון וואלד ניט וויסען צו געפינען.

און אז פארבלאָנדזשעטע וועלען זיי פארבלייבען, צוגעבונדענע צום פלאץ, דעם פארהוילענעם, ווי די בוימער, געפענטעטע.

האָט זיך א קייט א לאנגע אויסגעצויגען ארום זיי און געווארט האָבען אלע, ווי די גראָזען אויף דער ערד, אויף א רעגען א ברכה'דיגען.

„הערט־זשע זיך צו, איהר הערענדע, און לייגט צו אייער אויער צו מיינע רייד:"

אזוי האט אָנגעפאנגען דער ווייטסטער, דער בלייבסטער.

„כ'האָב געהערט א געזאנג, א וואונדערליכען, אויפגעהן פון אונטער דער ערד.

„און א צויבער האָט מיך ארומגעכאפט.

„צוצונדערנע קוילען זיינען מיר אויף א פייכטער ערד.
„בלומען אויף א פעלזיגען באָדען זיינען מיר.
„אינ'ם אויסגעשריי פון גאט זיינען מיר געבארען געווארען —
אינ'ם אויסגעשריי שטארבען מיר.

„אונזערע וועגען זיינען צוטיילטע. געהט־זשע ארום אויף די וועגען און שפּרייט גאָט'ס ווארט און די גרויסע האָפנונג פארפלאנצט אויף די פארוואָרלאָזטע פעלדער פון דער וועלט.

„אַ דורשטיגער בין איך אהער געקומען, און א פארשמאַכטער פון ווייטען וועג — נעמט זשע מיט אויף די ווייטע וועגען די קוואלען, די געבענשטע!

„איך זעה נור א קליין טיילכעל פון דער זון, און דער פלאם באַצויבערט מיינע אויגען מיט די קלענסטע פונקען.

„אבער די ווייטען זעה איך ווי זיי ליגען ניט דערלאָבערטע, פאר'־הלשטע. ניט קיין טריט האבען געקלונגען אויף זיי, ניט קיין באוועגונג איז געבאָרען געוואָרען אין זיי.

„וועלדער געדיכטע האבען אָפּגענומען די וועלט, און מדבריות אונענדליכע, און איינגעוויקעלט אין דערנער־געוועבען איז די ערד, די צו פרוכטבארקייט שטרעבענדע, די צו לעבען אויסגעהענדע.

„אין מיטען הארצען פון די אקעאָנען זיינען גרויסע שטיקער ערד, פארוואָרפענע און איינזאמע, געבליבען שטעקען.

„עס שוימען די כוואליעס אויף די גרויסע ימים. זייער שטורם־געזאנג איז שטומפיג און לעבענסלאָז.

„רוים איז דאָ, און רחבות — דער חלל ליגט אויף אונז.

„לאָמיר באצווינגען אין אונזער מאכט די ווייטקייט, אז זי זאָל נאָהענט ווערען, און לאמיר אנפילען מיט אונזער געזאנג און אונזער קלאָג דעם חלל.

„די גאנצע ערד מוז געהערען צו אונז. מענש, דו ביסט האר! מענש, דו ביסט דעראָבערער געווארען!

„ווי די שפּין עסט אויף די פליג, אזוי מוז מענש אויפעסען די ליידיגקייט און זאט ווערען. ניט אויף אייביג, נאר אויף דערווייל.

„ווארים הונגער איז אונז געגעבען געווארען, און דורשט — א געשאָנקענער.

„אָבער קיין זאטקייט וועט ניט זיין און דער דורשט, דער גע־

בראָכענער, וועט ניט בלייבען אזוי. וואס מעהר רוים אַלץ ערגער וועט ווערען, און וואס מעהר ערד — אַלץ שמאָלער וועט ווערען די סטעזשקע. דער גורל איז דא און דער אורטייל איז איבער אייערע קעפּ, איהר דעראָבערער פון די וויטען פּערוואָרפענע!"

אזוי האָט גערעדט דער וויטסטער און דער בלייכסטער.

און פייער־פונקען האָבען ארויסגעשפּריצט פון זיין מויל, און זיין הארץ איז געוועזן אזוי גוט און אזוי ליבליך האט ארויסגעקוקט די נשמה פון זיינע אויגען, און פארהוילען איז ער געוואָרען אזוי פּלוצלונג ווי ער האָט אָנגעפאנגען צו רעדען און געווארט ערשט צו הערען אַ ווארט.

און ווען זאקוטא איז ארויס פון זיין פארטראכטונג און איז געקומען צו זיך פונ'ם טרוים אונטערן איינפלוס פון'ם רעדענדען, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויף'ן פּלאַץ און האט אויפגעעפענט זיין מויל ווידער אמאָל און אין דער שטיל גערעדט, אבער ניט צו זיי, די ארומזיצענדע, גערעדט, נאָר ווי צו זיך אליין, ווי עמיצער זאָל וואוינען אין זיין הארצען און זאָל האָבען ארויסגעקוקט אויף זיין ענטפער.

„אָבער קען מען דעראָבערען וויטען פארהוילענע — האָט ער גע־פרעגט אין א צארטען טאָן — ווען מען האט הילצערנע און שטיי־נערנע געטער?

„געטער טויטע און געטער פארשקלאָפענדע — זיי ווייסען ניט פון פרייהייט אין רוים, און אומבאַוועגליכע זענען זיי, געבונדענע צו דער ערד. ניט פאַר די וואָס טראָגען זיי אויף זייערע פּלייצעס איז געגעבען געוואָרען די פרייהייט, און ניט פאַר די וואָס וועבען אוים הלומות זינלאָזע איז געשאָנקען געוואָרען די רחבות.

„געראָטען אין די געטער, געהען זיי, די דינער, אויף די בערג און פאַר'שיכור'ען זיך.

„געראָטען אין די געטער, געהען זיי אין די טאָלען און בלאָנ־זשען אום.

„צו זוכען דאָס אומבאַוואוסטע — מוז מען סודות־טרעגער זיין, און אנטפּלעקענדיג א סוד מוז מען זיין גרייט, אז סודות זאָלען נאָך אַלץ בלייבען.

„ווארים די קינדער פון די וויטען — די דעראָבערער פון רוים, וועלען זיך ניט באַניגענען מיט דער ערד בלויז.

„ווען יעדער שפּאַן וועט זיין באַדעקט און יעדער טריט וועט זיך באַוועגען אונטער פיס שטייפע און פעסטע, און עס וועט שוין ניט בלייבען אויף דער ערד קיין אינזעל קיין פאַרהוילענס, און די מדבר אליין וועט רעדען דאָס לשון פון די דעראָבערער, און ניט מורא האָבען וועט דער מענש פאַר די כוואַליעס פון די ימים, וועט ער אלץ ניט זיין צופרידען.

„וועט ער וועלען אריינבליקען אין די וועלטען, די אנדערע.

„וועט ער קוקען אין די הימלען.

„וועט ער וועלען אויסמעסטען מיט זיין בליק — אויב ניט מיט זיין שפּאַן — די שטחים צווישען די שטערן.

„ארומגערינגעלט פון דעם אומבאוואוסטען וועט דער מענש אלץ שפּאַנען צום מקור, און וואָס ווייטער ער וועט ווערען אלץ שטאַרקער וועט זיין זיין באַגער צו טרינקען פון זיינע וואַסערען.

„און אויפ'ן וועג געהענדיג וועט ער מוזען פאַרוואַרפען זיינע געטער.

„וואָס לייכטער די לאַסט, אלץ גרעסער דער שפּאַן.

„ווארים צו גאָט, דעם אומבאַקאַנטען, געהט דער מענש, דורך רוים און דורך צייט.

„א שווערער וועג איז דער רוים־וועג. אָבער ווען ער וועט צוקומען צו דער ענד, וועט ער באַגעגענען דעם אנדערען מענשען, דעם טרעגער נאָך פון שווערערע לאַסטען, אָבער אייגענע.

„און זיי וועלען זיך די הענט גיבען, דער מענש פון רוים־דעראָבערונג און דער מענש פון צייט־דעראָבערונג.

„אויפ'ן ראַנד פון די גרעניצען וועלען זיי זיך דערקענען.

„אָבער דאָך פרעמדע וועלטען וועלען זיי זיין איינער צום אנדערען. די גייסט־מענשען און די פיהרער פון רוים־דעראָבערער וועלען בלויז באַצויבערען, אָבער ניט פאַרשקלאַפען.

„דער צייט־מענש וועט שוין האָבען א דעראָבערטע ערד פאַר זיך, און אויפבויען וועט ער קענען די פּרעכטיגסטע בנינים אויף איהר, ווארים פאַרטריבען איז שוין די חיה פון וואַלד און ארויסגענומען פון די הענט פון געצעהלטע איז געוואָרען דאָס וויסען.

„אָבער זיין קאַמף וועט זיין פיעל שווערער, אין די אומגע־

רעכטיגקייט וועט נאָך הערשען און פּארוועבט אין אַ שרעקליכען געוועב וועט ער זיין זיין גאַנץ לעבען.

„ניט קיין באַפרייטער וועט ער זיין — ניט קיין געליטערטער נאָך.

„און דערלייזער וועט ער דארפען האָבען און שליחים פון גאָט'ס ווארט וועט ער זוכען.

„ניט געפינענדיג זיי אין זיין נויט, וועט ער פאַר זיך שאפען פאַלשע נביאים און פארבלאָנזשעטערהייד וועט ער טאַפּען אין דער פינסטערניש. און דער עיקר — ער וועט ניט וויסען דעם זין פון זיין גוראַנגעל און די וואָס וועלען יאָ וויסען, וועט זייער לשון ניט זיין פאַרשטענדליך און הערען וועט זיי קיינער ניט.

„עס וועט נור זיין אָפען פאַר איהם דער וועג צו דער פאַרגאנגענהייט — צוריק צום רוים־מענשען, צוריק צו די איבלען, די פארשוואונדענע, און די ווארטענדע אויף צוריקקום.

„אָבער אין דער פארגאַנגענהייט צו געהן וועט זיין אונמעגליך פאַר איהם. ווארים אַ געדיכטע פינסטערניש וועט הענגען איבער דעם וועג און אַ מורא, אַ ניט־דערקלערליכע, וועט איהם צוריקשטויסען.

„און אין דער צוקונפט וועט שטעהען און ווארטען פאַר איהם דער גוראַנגעל, דער געפעהרליכער, דער קאַטאַסטראָפאַלער.

„די צוקונפט וועט ניט זיין קיין מורא בלויז, נאָר אַ כוואַליעדיגצושטורעמטער ים, וואָס דורשט איינצושלינגען.

„און ער וועט ניט וויסען ווי אַזוי צו געהן אַהין, און קיין הילף פון קיינעם וועט ער ניט האָבען.

„וועט לאַכען איבער'ן מויל פון אבגרונד דער מענש פון רוים, לאַכען און אויסלאַכען.

„און עס וועט זיך קייקלען דער געלעכטער איבער וועלטען פאַרלאָפענע.

„און דער תהום צווישען דער פארגאַנגענהייט און דער צוקונפט וועט אָפּ'חוזק'ען פון זיין שוואַכמוט.

„און ווען ער וועט אָנהויבען צו קרעכצען, דער צייט־מענש, וועט זיין קרעכץ זיין אַ טראַגישער און אַ פול־מיט־בלוט אָנגעגאָסענער, און ער וועט זיך שעמען פאַר זיך צו וויינען, ווארים מיט־וויינען מיט איהם וועט די גאַנצע וועלט.

„און אַ שאַנדע וועט ער דערפיהלען וואָס וועט איהם אויפ־

פּרעסען און אַ באַליידיגונג וועט איהם אַרומנעמען פון אַלע זייטען, און ער וועט ניט קענען דערטראָגען די שפלות.

„וועט זיין אַ רחמנות צו קוקען אויף איהם, מעהר רחמנות ווי אויף יענעם מדבר־מענשען, דעם רוים־דעראָבערער.

„אָבער דער שטראָם וועט פליסען און ווייטער פליסען.

„דאָס אָנגעצונדענע פייער וועט ניט אויסגעלאָשען ווערען.

„אָט הערט די טריט פון דערלייזער קלאַפּען אויף די פליגלען פון דער צייט! אָט הערט מיט'ן הארצען דאָס געזאַנג פון'ם שניטער, ווען ער דערזעהט אַ געבענשט פעלד פול מיט זאַנגען באַגילדעטע!

„לייגט צו אייער אויער צו די טריט. הערט איהר ניט דאָס קול פון זינגער? הערט איהר ניט דעם מוטיגען פויקען־געקלאַנג פון דעראָבערער און צוטיילער פון עשירות?

„גאָט לעבט אינ'ם געוויש. גאָט לעבט אינ'ם גרויסען ווילען צו באַצווינגען די צייט. און גאָט וועט לעבען אינ'ם גרויסען אויס־געשריי, דעם פאַר'שיכור'ענדען, נאָך גליק פאַר אַלעמען.

„טאָ קושט זיינע טריט — די פעסטע, און שטרעקט אויס די האַנט צו איהם, דעם קומענדען און דעם אָנקומענדען!"

און ווען די ווערטער זענען אַרויסגערעדט געוואָרען, איז שוין זאַקוטאַ געשטאַנען אויף די פיס און זיין האַריגער גאַרטעל איז געווען צונויפגעדריקט און ער האָט געקוקט אין די גאָר ווייטע ווייטען מיט בליצענדע אויגען.

כּ'לעב אין אייך! ...

נאָכדעם ווי די געזאַנגען, די געהייליגטע אין וועהען, האָבען זיך פאַרענדיגט און פאַרוויקעלט נאָך אַמאָל אין שטיל־שווייגען, האָט דער זעהער דערשפּירט, אַז די צייט צו הערען איז פאַרשוואונדען.

און דאָס וואָרט, דאָס באַפליגעלטע, האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיינע תלמידים'ס ליפען.

האָט ער געוואָלט זיי זאָגען אַ זיי־געזונט וואָרט, אַ שטילס און אַ געליטערטס, אָט ווי עס זאָל שוין געווען אָנקומען די צייט פון זיין אפשיד פון זיי, און אויסלעבען זיך אין דעם דאָזיגען וואָרט זיינעם און איינזאַפּען אין דעם די לויטערקייט פון אַסך אַנדערע נשמות, וועלכע דאַרפען ערשט קומען אינ'ם לויף פון די יאָהרען.

ווארים געזעהן האט ער זיך ניט ווי איינער, נור ווי א סך, און יעדענ'ס אינערליך געפיהל האט געפינקעלט אין איהם, און א ים איז ער געווען איינצושלינגען טייכען און טייכעלעך, און א זון האט געסמאליעט אין זיין הארצען.

און זאקוטא האט געזאגט אזוי צו זאגען:

„הערט זשע מיך אויס, איהר הערענדע, און זאל ניט מיין ווארט פאלען אויף טויבע אויערן.

„ווארים ווייניג הערען און געצעהלטע דערהערען.

„ווארים ווייניג זעהען און געצעהלטע דערזעהען.

„ווארים ווייניג קענען זיך צוזאמענגיסען מיט ווערטער און געצעהלטע — מיט מיינע ווערטער. ניט פון דעם וואס עס איז אין מיינע ווערטער, נור מיט דעם וואס עס וועט זיין, וואס עס מוז זיין.

„און קיין ברירה איז ניטא.

„און גאט איז מיין עדות און יעדער ליכט־שטראהל וואס איז געפאלען אויף מיר באשטעטיגט, אז איך האב ניט געוואלט נעמען ביי אייך גארניט.

„גיבען האב איך אייך געוואלט און געגעבען.

„אויב בלאנזשענדע זענט איהר, וויל איך אייך ארויספיהרען פון נעדיכטען וואלד.

„אויב טרינקענדע זענט איהר, וויל איך אייך ארויסשלעפען פון די זומפען און די שטראמען, און אויב פארשטיינערט זענט איהר געווארען, וויל איך פייכט מאכען און פרוכטבאר מאכן אייערע פעלדער.

„מיין גאנג איז ארויסצושלעפען אייך און אין מיין אנשטרענגונג ליגט אייער באפרייאונג.

„פונקט ווי דער רעגען דארף פאלען ווען ער וויל באפייכטען, און ווי דער טוי אין פריהמארגען.

„טריקענט דער טוי, איז וואס זשע שרעקט איהר זיך?

„טריקענט אויס דער רעגען, איז וואס זשע פאלט איהר ביי זיך ארונטער?

„אין מיין ארונטערגעהן ליגט דאך אייער ארויפגעהן. אין מיין וועה ליגט דאך אייער פארגעניגען.

„און אייער לעבען, דאס נאך־ניט אויסגעלעבטע.

„ווען איך רעד צו אייך בין איך איהר און אייער געליטערטער

און אײדעלסטער פאָרמע, און װען איך שרײ אױף אײך, שרײט דעמאָלט ניט איך, נור אײער בעסערער „איך“, און װען איך שעלט אײך שעלט איך מײן אײגענעם ארונטערפאַל װאָס .קאָן קומען צו־ליב אײך.

„װארים גײסט איז אינערליך האַרמאָניע.

„און חשבון װאָס שטימט און ציפערן װאָס זענען ניט געבראָכן.

„און װען גײסט פיהלט זיך געקרײנקט, איז עס דערפאַר װאָס די האַרמאָניע װערט געשעדיגט און צובראָכען.

„און װען גײסט פאַלט אַרײן אין מרה־שחורה, איז עס דערפאַר װאָס ער איז דער געגענזאַץ פון טױט.

„דערפאַר רוף איך צו אײך פון די טיפעניש.

„דערפאַר הער איך ניט אױף צו פאַלען אױף אײערע שװעלען און װײנען ביטער.

„דערפאַר װערט מײן זון פאַרטונקעלט אַנטקעגען אײער שװאַרצ־קײט און עס קלאַמערט זיך מײן נשמה װי אַ דערטרונקענער נאָך אַ רעטענדער האַנט.

„דערפאַר שרײ איך פון די װילדערנישען: קומט אַרױס אױף דער פרײ!

„און װען מײן קול װערט ניט דערהערט, װעט עס דערהערט װערען.

„און װען דער װעה פון מײן נשמה װעט פון װינט פאַרטראָגען װערען, װעט ער אפשר פאַלען אַמאָל אױף פרוכטבאַרער ערד.

„װארים אַזױ רעדט דער גײסט פון די צײטען — דער רײנער געדאַנק פון מענשען, זײן געפיהל פאַר שעהנקײט און זײן דראַנג צו גערעכטיגקײט.

„קריצט זשע אײן מײנע װערטער אין אײערע הערצער, די צו־ריסענע, און פאַרצײכענט אױף גרױסע שטיקער פאַפּיר מײנע געפיהלען.

„װארים קומען װעלען זײ, די קינפטיגע, און װעלען מיך זוכען אױף די טאָװולען פון ביכער און צװישען בלעטער מיך װעלען געפינען.

„היט זשע אױס די בלעטער פון שטױב.

„און זאָלען זײ ניט אױפגעגעסען װערען פון איהם.

„און װען איהר טראָגט אַרױס אױף דער גאַס מײנע װערטער, דערלאָזט ניט אַז זײ זאָלען פאַרטונקעלט װערען.

„זאָלען זיך אומריינע הענט ניט צוריהרען צו מיינע בלומען.
„זאָלען זיך אומריינע הענט ניט צוריהרען צו מיינע לאַסטען.
„בלויז די וואָס האָבען ניט פארשמירט זייערע הענט מיט רויב און מאָרד זאָלען פיהלען דעם טעם אין ביינאַכטיגער טראַכטעניש.
„בלויז די וואָס קענען אַליין אויסטראָגען זאָלען קומען אין מיינע פּאַלאַצען.
„און זאָלען די וואָס קענען ניט קומען, וועלכע האָבען אויסגע־קליבען פאַלשע געטער און נארישע נביאים — זאָלען זיי אויסגעהן איינזאַמע און פאַראורטיילטע.
„פארשאָלטען זאָל ווערען זייער טראָט בייטאָג און זייער אָטעם ביינאכט זאָל בריהען ווי א צוהיצטער שטיק אייזען.
„און זאָלען זיי קיינמאָל קיין רוה ניט געפינען.
„ווארים ניט האָס רעדט פון מיינע רייד ארויס, נור דער אמת.
„און ווען זיי וועלען אויפהויבען אמאָל זייער האַנט און מיך רופען וועל איך קומען צו זיי גרייט זיי צו העלפען.
„אָבער ווער ווייסט דען, צי דעמאָלט ווען זיי וועלען מיך רופען, וועלען זיי עס מיינען?
„ווער ווייסט דען צי זיי וועלען מיך רופען פון אייגענעם ווילען אָדער געטריבענע פון לעבענס־כח?
„זיי וועלען עס וויסען, ווען איך וועל שטעהען א געבויגענער פאַר זיי און מיין אויג וועט זוכען דאָס וואונדערליכע פינטעלע אין זייערע הערצער“.

א מענש, ניט קיין גאָט.

„און נעמט מיך ניט אָן פאַר קיין גאָט, נור פאַר א מענשען— איינעם פון אייך, גליך צו אייך און נאָהענט צו אייך.
„ווארים איך בין דאָך איהר און איהר — איך.
„אויב איך בענק, בענקט דאָך מענש אָט אזוי.
„אויב איך טרוים, טרוימט דאָך מענש אָט אזוי.
„און אויב איך צעגער אין מיין גאנג, צעגערט דאָך מענש אזוי.
„און אויב עס צוגיסט זיך אין מיר א וואסער־פאַל, האָט איהר דאָך געבענשטע מאָמענטען אין אייער אלעמענס לעבען ווען איהר הערט דעם דונער־קלאַפּ פון וואסערפאַל.

„און אויב עס הערט זיך אַ שטיל קול פון די טיפענישען אין מיין הארצען, איז עס דערזעלביגער קול וואָס הערט זיך אין אייך.

„און ניט אייביג לעב איך. איך גיס זיך איבער אין פאָרמען. איך בין אין אייך אַלעמען און איהר זענט אין מיר. אָבער זאקוטא לעבט ניט אייביג. זאקוטא וועט אויף די בערג שטארבען. זאקוטא וועט אויסהויכען זיין נשמה מיט'ן אויפגאַנג פון מאָרגענשטערן. זאקוטא וועט איינשלאָפען, אז ער זאָל קענען נאָך אַמאָל זיך אויפ־כאַפּען אין אַנדערע מענשען און זאָל קענען נאָך אַמאָל איינשלאָפען.

„און ניט פאר קיין גאָט־מענש נעמט מיך אָן, און ניט פאר קיין גאָט־זוהן.

„מיר זענען דאָך אַלע גאָט'ס זיהן און אין אונזער לעבען שפּי־געלט זיך דער זין פון דער געטליכקייט.

„ווארים אַ גאָט־זוהן קאָן טראָגען אויף די שפּיץ־פינגער שפּיזען שארפע און שפּיציגע און זיך ניט פארדרויטלען.

„ווארים ער זעהט ניט ווי די שפּיז שטעקט זיך אריין אין פלייש.

„און פריש בלוט פארדרויטעלט ניט זיין פנים.

„ער מיינט אז דאָס איז ווירוך אין זיינע נאָזלעכער, אדער אַ קרבן אויף זיין מזבח.

און ניט קיין נביא, וועלכער טראָגט די צוקונפט אויף ווערטער באפליגעלטע, בין איך, נור אַ זעהער אָן אָרימער.

„אַ זעהער אריינצוקוקען און באגייסטערען.

„אַ זעהער צו לעבען און מיטצולעבען.

„אַ זעהער צו מאכען זעהעוודיג אַנדערע.

„ווייל אַ זעהער וואָס טראָגט אליין ניט קיין שטיינער, איז קיין זעהער ניט, און ווען ארימקייט און נויט פון זיינע ברידער קוקט ניט ארויס פון זיינע אויגען איז ער אַ פאַלשער נביא.

„און ווען איהר קומט אין די פּאַלאַצען, די קאָלירדרייכע, קוקט זיך צו און איהר וועט דערזעהען ווי עס וויינט ארוים דער גייסט פון צווישען דער פראכט.

„לייגט צו אייערע אויערן און איהר וועט דערהערען דאָס קול פון דער אייביגקייט וואָס באַקלאָגט די פארשוועכונג.

„און איהר וועט אויך מיטוויינען, אויב איהר זענט גאַנץ מיט זיך.

„און איהר וועט אויך קלאָגען אויף אייער צובראָכענקייט, אויב איהר זענט צובראָכען.

„אָ, שקר, שקר! און אומווירדיגע רשעות און מיאוסקייט . . .

„זוכט מיין געשטאַלט אין די פּאַסטיכער. זוכט מיין געשטאַלט אין די נידריגסטע, אין די פאַרשעהמטע און אין די לאַסט־טרעגער.

„און אין מאָמענט ווען זיי ווערען מוטיג זאָלט איהר וויסען אַז גאָט האָט זיך אנטפּלעקט צו זיי.

„און ווען זיי טראָגען א פּאַקעל פון רעבעליאָן אין זייערע הענט זאָלט איהר וויסען אז א גרויס פייער האָט אויפגעפלאַקערט אין זייערע הערצער.

„און גאָט איז מיט זיי.

„אָבער איצט לאָמיר געהען צו די בערג און אויפ׳ן שפּיץ זיך אוועקזעצען.

„כ׳פיהל דעם אָנקום פון נאכט אין מיינע גלידער.

„ארויסגעזאָגט האָב איך דאָס וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין מיין הארצען — צושפּרייט עס צווישען אַלעמען.

„און פון לאנד צו לאנד טראָגט מיין וואָרט.

„אָט קוקט ארויף צו אָט דעם בארג וואָס שטעהט פאר אונז.

„ווער קלעטערט עס דאָרטען אויפ׳ן שפּוע?

„העי, דו געהער, העי דו קלעטערער וואונדערליכער! — ווער ביסטו עס אין דער טונקעלער שטונדע?

„פון וואנען קומסט עס, דו טרעגער פון זאק אויף די פּלייצעס?

„און וואוהין געהסטו עס?

„ווער האָט אויסגעהאקט פאר דיר דעם ערשטען בוים אין מיטען וואלד און עס האָט זיך פאר דיר אנטפּלעקט דער גאנצער וואלד?

„און ווי אזוי האָסטו אין א פינסטערער נאכט געפינען אן אָנהויב פון א סטעזשקע?

„און וואָס זעהסטו דאָרטען אויפ׳ן שפּיץ פון בארג?

„דיין גאנג איז שטאָלץ און מוטיג.

„דו ביסט — מענש!

„ווארים ניט דער וואָרעם פון דער ערד געהט אזוי סאָפּענדיג אויפ׳ן שפּוע פון בארג.

„ניט די פיער־פיסיגע חיה פון וואלד מיט איהרע שארפע ציינער.

„און ניט די בהמה וואָס קייט גראָז.
„און ניט די פליג וואָס שפּרייזט איבער דער לופט און זשומעט.
„און ניט די פראָש וואָס איז געבאָרען צו קריכען אין בלאָטעס.
„מענש איז עס און מענש געהט אַזוי.
„בין איך שטאָלץ מיט דיר, מענש — אויף דיין פאַלען פּונקט ווי אויף דיין אויפשטייג.
„אויף דיין קלעטערען פּונקט ווי אויף דיין אַרויפקלעטערען.
„האָב איך דיך אַזוי ליב אַפילו ווען דו ווערסט פאַרהילט אין חושך.
„ווארים דיין שטרעבונג איז דאָך אַרויסצוגעהן פון חושך און זיך באַפרייען.
„און אין דיין שטרעבונג לעבסטו און דיין טרוים אין דיין לעבען וואָס ווערט געבאָרען.
„דו האָסט מעהר כוח ווי דו דענקסט, מענש, און אַפילו ווען עס באַפאַלט דיך אַ מורא און דיין נשמה ווערט אַרומגענומען מיט שטייפע רייפען, און דו טראַכסט און וויינסט:
„די וועלט איז צוואוואונדעט און פון איהרע וואונדען רינט אויס דאָס לעבען.
„די וועלט איז אומגליקליך און עס רינען טייכען טרערען איבער איהרע פלאַכען.
„די וועלט איז אַזוי טונקעל און עס איז אונמעגליך פאַרן מענשען צו ווערען העלד און זעהען קלאָהר דעם ווייטען, גרויסען ציעל וואָס צויבערט מיט בעהאַלטענער ליכט.
„ערשט דעמאָלט איז די צייט רייף זיך אויפצוהויבען און זאָגען צו זיך אַליין:
„עס פּאַסט ניט פאַר'ן הערשער אַ שקלאַף צו זיך אַליין ווערען!
„עס פּאַסט ניט פאַר'ן פּרינץ אַרונטערצורייסען זיין צירונג און זיך אונטערגעבען.
„אַרויפצו־געה! אַרויפצו־שפּאַן! און פעסט זאָל זיין דער טראָט און שטאַרק זאָל זיין דער מוט.
„אַזוי רעדט דער מענש.
„און גאָט רעדט פון זיינע רייד".
„און צו דיר, מענשליכער קלעטערער, זאָגט גאָט אַזוי צו זאָגען:

„הויב אויף דיינע אויגען, דו מענש, צו די בערג, הויב זיי אויף און פאל ניט ארונטער ביי זיך.

„ווי הויך דער בארג איז, אזוי הויך איז דער ציעל צו וועלכען דו געהסט און נאך העכער. ווארים אין די וואלקענס סטארטשעט ער, אין דער טונקעלקייט אפילו, און אויב דו קענסט איהם ניט זעהען, וועלען איהם אנדערע זעהן.

„ווארום פליושענע סטעזשקעס זענען אויסגעשפרייט איבער דער וועלט, סטעזשקעס וואס פיהרען צום ציעל:

„באפרייאונג!

„ניט איין מענש זאל באפרייט ווערען.

„ניט איין פאלק זאל באפרייט ווערען.

„נור די מענשהייט זאל באפרייט ווערען.

„אלע מענשען זאל פריי זיין און הויך געשטעלט זיין.

„און ליבליכקייט זאל זיין אויסגעגאסען אויף דער ערד און לעבען זאל דער מענש אין הארמאניע און אין גערעכטיגקייט.

„און ניט מיט'ן געדאנק זאל די גערעכטיגקייט באגריפען ווערען.

„און ניט דורך לאגישע ארגומענטען זאלען מענשען געפינען דעם וועג צווישען גערעכט און אומגערעכט.

„און צווישען גוטס און שלעכטס.

„און צווישען שעהן און מיאוס.

„נור מיט'ן געפיהל זאל דער מענש אנטאפען דעם אמת.

„און איהם טראגען אין זיך גופא וואו נור ער וועט געהן.

„און לעבען זאל מיינען געפיהל.

„און דערקענט זאל דער אמת ווערען ניט ווי קיין דרויסענדיגע זאך.

„תהומות אריבערשפרייזען ליגען פאר אייך, מענשען-קינדער, איהר רייכע אין גייסט, איהר זעלבסט-זיכערע, וועלכע געהען צום מזבח גרייט צו זיין קרבנות.

„שווערע לײדען וועט איהר דורכגעהן און גיהנמ'ס וועט איהר טראגען אין אייערע געמיטער.

און וועלטען מיט פיין און דערנידריגונג, אבער איהר וועט באפרייט ווערען.

„און ווען איך זעה אייער באפרייאונג, פינקעלט פאר מיר דאָס גליק מיט אלע קאָלירען.

„און זעהענדיג אויפגעהן פון נעפּעל די וועלטען וואָס איהר האָט אויפגעבויעט, די שעהנע, די דערהאַבענע, איז עס פאר מיר א באלוינונג פאר מיין מיה.

„הויבט אויף אייערע אויגען.

„קוקט גלייך און קוקט טיף.

„פונ׳ם וואָרעם זענט איהר ארויסגעקראָכען, פונ׳ם וואסער און פונ׳ם זומפּ.

„און פון דער מאַלפּע.

דער גאנג איז אזוי קלאָהר און דאָס ליכט וואָס איז אייך געגעבען געוואָרען איז קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען געוואָרען.

עס האָט געברענט שוואך. עס האָט געטליהט.

„אָבער געברענט.

„און עס איז קיינמאָל ניט אויסגעלאָשען געוואָרען.

„ווארים אינ׳ם שטראָם פון די צייטען האָט גאָט אויפגעצונדען א גרויס פייער און האָט געזאָגט:

„געה און לייטער זיך!

„געה און צוברען זיך!

דורך דעם פיש זאָלסטו דורכגעהן און דורך דער חיה, אָבער דעם פונק זאָלסטו מיטטראָגען און צובלאָזען זאָלסטו איהם.

„אָט געהט ער, דער ערשטער צוצונדענער מענש, און טראָגט דעם פאקעל פון ליכט אין זיינע הענט, און אָט געהט ער דער שווער־באלאָדענער וואנדערער און קעמפט מיט דער וועלט און קעמפט מיט זיך.

„דער זיג איז פאר דיר, מענש!

„דיין קאָפּ איז א געקרוינטער.

„ברעך הימלען מיט דיין געדאנק.

„דערגרונטעווע די אָפּגרונדען מיט דיין געפיהל.

„און לערן צו פארשטעהן איינער דעם אנדערען און לערן צו פארשטעהן זיך אליין.

„און שטארקער פון אייזען זאָלסטו זיין, און פעסטער ווי די ערד אונטער דיינע פיס.

„און ווען דו וועסט שטארבען, זאָלסטו שטארבען מיט א ברכה אויף דיינע ליפּען.

„ווייל דו ביסט טיפער פון די טייכען און שטארקער ווי די שטארקסטע בערג. זיי ווערען אויפגעגעסען פון דער צייט. זיי האָבען ניט קיין קיום פאַרצוזעצען. דאָס וואָרט פון זייער לעבען איז בלויז באוועגונג.

„אָבער דו, מענש, ביסט באוועגונג דורך געדאנק און באוועגונג דורך געפיהל.

„דו ווילסט.

„און א קלאָהרער ווילען איז עס.

„און באוואוסטזיין האָסטו.

„אָבער דיין געפיהל וועט דיך פיהרען ווייטער. ווארים געפיהל איז טיפער. געפיהל איז דער ים, וואָס רינגעלט ארום דאָס אינזעל — באוואוסטזיין.

„און ביז וואנען געפיהל וועט ניט ווערען איינס מיט געדאנק און געדאנק וועט ניט צוריקקומען צו זיין מקור — צום געפיהל, און זיי וועלען זיך באגעגענען צוזאמען, דער ווייטער, אין קייטען געבונדענער ברודער, און דער היימישער, פרייער און ווארעמהארציגער ברודער — וועט די באפרייאונג פון מענשען ניט זיין קיין גאנצע.

„אָבער זי וועט קומען.

„זי קומט שוין.

„אין שוואכע פאָרמען.

„הויב זשע אויף דיינע אויגען און קוק גלייך און טיף.

„געה אויף די בערג און זיי גליקליך און טראָג די לאסטען מיט פרייד, ווארים פון דיר וועט ארויסקומען דאָס גרויסע און דאָס גרעסטע.

„ווייל ניט קיין האר איבער שקלאפען וועט זיין דער מענש אויף'ן שפּיץ פון בארג, און ניט מאכט וועט זיין דער אָטעם פון זיין מויל, נור גערעכטיגקייט וועט ברענען אין זיינע אָדערן און די ליבשאפט צו אלעמען וועט ארויסרעדען פון זיין יעדער האנדלונג".

און ווען די רייד האָבען זיך פארענדיגט האָט זיך אָנגעפאנגען דער גאנג ארויף — צום שפּיץ פון בארג, וואָס האָט זיך געפונען אין מזרח זייט פון דער מדבר, דער בארג פאר וועלכען אלע האָבען מורא געהאט.

די פיער תפלות

און ווען פארענדיגט האָט דער זעהער זיינע זעהונגען, האָט ער געזאָגט צו זיינע תלמידים אזוי צו זאָגען:

„מיט'ן מאָרגענשטערן הויבען מיר אָן די שטונדען פון שטיל־שווייגען און טראַכטעניש. ווי לאַנג קאָנט איהר שווייגען, איהר הערענדע? ווי לאַנג קאָנט איהר קוקען אינ'ם מאָרגען־ליכט און זיין גליקליך?

„ווארים אלס רעדענדע בריאה פארשטעהט ניט מענש, ניט זיך און ניט אנדערע. אין ווערטער זיינען שוין אסך דורות דערטרונקען געוואָרען, און אין רעדען האָבען מיר זיך אויסגעלערענט דאָס לשון פון ניט־פארשטעהן.

„אָבער דער סוד פון שווייגען איז געבליבען א ניט־געעפענטער.

„בלויז די בוימער ווייסען דעם סוד. קוקט זיך איין אין זייער שושקען זיך, אין זייער שטילען ווינקען מיט די צווייגען, די ברייט־צועפענטע, און טראכט זיך אריין אויך אין דעם טראכטען פון דער ערד אונטער אייערע פיס און איהר וועט פארשטעהן, אז דער דאָזיגער סוד, דער אומפארשטענדליכער פאר אונז, איז אויסגע־גאָסען איבער דעם גאנצען אוניווערז און וואו נור א אויג דרינגט אריין זעהט עס ניט־אנטפלעקטע שעהנקייט".

האָבען זיי געשוויגען, די געקליבענע, און געזעסען מיט פאר־מאכטע מיילער און פארשלאָסענע הערצער, פארשלאָסען אויף טוי־זענדער שלעסער.

און קיין קלאנג האָט זיך ניט־דורכגעטראָגען דורך דער לופט און קיין שארך איז ניט ארוים פון זייערע לעפצען.

האָט דער וואלד זיך געחידושט אויף'ן בילד, דעם בעהאלטענעם, צווישען די שטאמען, און דאָס ווינטעל האָט געבלאָזען אין פאר־וואונדערונג זעהענדיג דאָס. אויך די שטראהלען, די איבערגעהאקטע, וועלכע האָבען זיך דורכגעריסען וואר־ניט־וואו דורך די צווייגען, זענען געפאלען אויף זיי מיט סודותפולקייט.

איז עס געווען ווי איינער, וועלכער געהט ארוים אויף בעהאלטענע וועגען, כדי אויסצומיידען דעם שטורם און דראנג פון דער צייט, און זוכט עטוואָס וואָס ער האָט שוין לאנג־לאנג פארלאָרען.

איז עס געווען ווי איבער אן אויבערשטער שיכטע פון דער

לופט, איבער ערד, פליהט א פויגעל און עס שווייגט דער הימעל איבער איהם.

איז עס געוועזן ווי די פארטראכטונג פון שטערן איבער דער מדבר נאך א זוניגען, פלאמיגען טאג.

און ערשט ווען א לאנגע צייט איז אוועק און דער צווייטער מארגענשטערן איז אויפגעגאנגען אויף די פארטראכטע, האט זיך אנגערופען דער זעהער, זאקוטא, דער געבענשטער, דער געליטערטער:

אינ׳ם שווייגען זענען פיער תפלות געבארען געווארען, אויס־געשמאלצענע אין בענקעניש און דורכגעגאנגענע דורך בריהענדע פלאמען.

— 1 —

גאט פון דער ווייטער מדבר, געבענשטער און ניט־דערגרייכטער.

דו לעבסט דאך אין אונז, אייביגע בענקער, צי מיר ווייסען צי ניט.

בעהאלטענער גאט, פון די באהעלטענישען ארויסקוקענדער!

דו קוקסט דאך ארויס פון אונזער בליק, און אין אונזער טרויער קאן מען דיך געפינען.

ווארים גרויס ביסטו, און אונערקלערליך. גרעסער ווי דער געדאנק און פלאמיגער ווי דער געפיהל אונזערער, וואס געהט אויס נאך דיר ווי א געליבטער נאך זיין געליבטע. גרויס און גרעסער ביסטו, ווי אלעס וואס מיר קענען אנקוקען מיט אונזערע אויגען פאר טויזענדער און מיליאנען יאהרען.

ווען איך שטעה פאר דיר, ציטערט אין מיר מיין הארץ און עס געהט אויס מיין נשמה.

צו דיינע פיס זיך וואלגערען איז פאר מיר א כבוד, און צו זעהן בלויז דעם זוים פון דיין גרויסקייט איז אן איבערלעבונג וואס איז גרעסער פון מיין „איך" און שטארקער פון מיין פערזענליכקייט.

מיינע מעסטונגען פון גרויסקייט ווערען קליין און אומבאדייטענד, ווען איך ווענד זיי אן אויף דער וועלט און אויף דיר.

מיינע ווערטער ווערען שוואך און אינהאלטלאז, ווען זיי ווערען געווארפען אין דיינע טריט, די ניט־אויסגעמאסטענע.

און ווען איך כאפ א בליק אויף דיינע פאלאצען, שווינדעלט מיר אין די אויגען.

און א טרער פאַלט אַרונטער.
און א שרעק באַפאַלט מיך.
און א ליבשאַפט נעהמט מיך אַרום, גאָט, מיין גאָט!
וואו זשע נעהמט מען גענוג שטאַרקייט דיינע שטראַהלען איינ־צוזאַפּען און אויסהאַלטען?
וואו זשע נעהמט מען גענוג האַרץ פאַר דיר, א וואוינונג אויכ־צובויען, און טעפּיכער גאָלדענע אויסצושפּרייטען?
מיין כלי איז קליין און צובראָכען און די קראַפט וואָס רינט אַריין אין איהר איז אין איבערפלוס.
מיין האַרץ איז שוואַך און צורודערט — איז ווי קען איך דיך אַריינגעמען?
גיב זשע קראַפט אין מיין בליק און טייל אויס אביסעל פּראַכט פון דיין פּראַכט צו זעהן בלויז דיין מאַנטעל.
טייל אָפּ אביסעל פאַנטאַזיע, און דערהויב מיין „איך".
שענק מיר א שטראַהל פון דיינע שטראַהלען, אז איך זאָל קענען זיך אויפהויבען און אַריבערפליהען אינ'ם קדשי־קדשים און שטעהן דאָרטען ווי א בעטלער ביי דער טיהר און בלויז אין אן איבערגע־האַקטען מאָמענט אַריינבליקען דורך דעם שפּאַלט פון דער טיר. שענק מיר אביסעל פונ'ם גלאַנץ, און זאָל איך ניט אויפגעגעסען ווערען פון גליה.
ווי א בעטלער שטעה איך פאַר דיר!
מיינע לעפּצען פּרעפּלען א תפלה און קיין אויסדרוק צו מיינע געפיהלען קען איך ניט געפינען.
ווארים שוואַך און בלאַס איז מיין וואָרט און קליין.
און דו ביסט דאָך אזוי גרויס — אז דיין גרויסקייט אונטער־יאָכט מיך.
ווארים שקלאַף בין איך, ווען איך בין ווייט פון דיר, און האַר ווער איך, ווען איך קום אין בארירונג מיט דיר: און דו האָסט דאָך אזוי פיינט א שקלאַף; אָבער די הערשאַפט מאַכט מיר נאָך ענגער און דושנער ווערט מיר צו טראַכטען וועגען דיין פּראַכט אין אנבליק פון מיין קליינקייט.
און מעהר וויל איך און קאָן ניט דערגרייכען . . .
לעבט אין מיר די גלוסטונג און הערט ניט אויף.

ווער איך פארברענט אין דיין פייער און פון אלע זייטען גיסען זיך ארויף די שטראָמען.

שטארק מיך, אָ, גאָט גרויסער — דו וואָס ביזט די ליבשאפט פון מיין נשמה, דער זין פון מיין לעבען און די זון וואָס הענגט איבער מיין קאָפּ.

— 2 —

ווי א בלאָנזשענדער שטערן אויף'ן הימעל־רייך צווישען אומ־צעהליגע שטערן געה איך ארום.

זוך איך גאָט אין דער בלום. זוך איך גאָט אינ'ם זעמדעל אויף'ן וועג.

און זוך זיך אליין.

יוארים איך און דו בין דאָך איינס. ווארים עס איז דאָך ניטאָ קיין צווישען־שייד. ווארים איך בין די וועלט און קיין וועלט קיין אנדערע איז ניטאָ.

ווארים א שפיגעל פאר דער וועלט האָסטו מיך באשאפען.

און אין מיינע קנייטשען מאָהלט אוים די צייט איהרע בילדער.

ווארים צוגעבונדען צום רוים בין איך, אָבער דער שפיגעל־שיין פון דיין געשטאלט טראָגט מיך איבער טהאל און בארג.

דיינע נעבט זיינען גרויסע און געהיימניספולע, און די טעג וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען זיינען פרעכטיגער פון דער פראכט וואָס מענשליכע הענט קאָנען באשאפען.

און ווען איך פארגעס זיך אויף זיך און גיב זיך איבער צו די זאכען ארום מיר, טוה איך עס פון דיין כבוד וועגען.

ווארים איך מיין אז איך דין דיך אזוי — מיט מיין געפיהל און גערדאנק.

און ווען איך בויג מיין קאָפּ פאר'ן גלאנץ פון גאָלד און פאר דער שיין פון זילבער ברעך איך איין מיין פלייצע, איז דאָס אפשר אויך א גוטער מיין אין א שלעכטער טאט.

און ווען דער גערוך פון וויין נעמט מיך ארום און עס גלוסט זיך צו פארטרונקען אין בארוישונג מיין בענקשאפט, מיין איך דאָך אז איך טוה אויף עפּעס.

פארוואָס זשע האָסטו געשאפען ארום מיר אזוי פיל טונקעלקייט?

פארוואָס אזוי פיעל שאָטענס, וואָס ווילען דיך פארבייטען און דיין גרויסקייט בארויבען?

פארוואָס אזוי פיעל שטורעמס ארום מיר, ווען איך בין אזוי שוואך?

פארוואָס אזוי פיעל בוואָליעס?

און פארוואָס האָסטו מיר געבונדען מיט טויזענדער שטריק?

און ווען עס ווערט פארטונקעלט דער גלאַנץ פון מיינע אויגען, און ווען פארצווייפלונג כאפט מיך ארום... פארוואָס קומסטו ניט און באלויכסט מיינע פינסטערנישען?

און פארוואָס טראָגט זיך מיין „פארוואָס" און ווערט פארטרונקען אין דער אייביגקייט?

און קיין ענטפער איז ניטאָ און קיין באשייד.

כ'ווייס אז דו געפינסט זיך ניט צו קיינעם, סיידען מען זוכט דיך. איך ווייס אז דיין גרויסקייט וויל זיך ניט אנטפלעקען אָהן גרעניצלאָזער אָנשטרענגונג?

ווארים דו ווילסט הארץ ניט פלייש. דו ווילסט געפיהלען אלס קרבנות. און געלייטערטע געפיהלען אויף א מזבח א געלייטערטען.

אין טויזענדער וואסערן ווילסטו, אז דער מענש זאָל זיך וואשען, און טויזענדער ימ'ען ווילסטו אויפשטורמען און ער זאָל זיי דורכגעהן.

טאָ שענק זשע איהם אביסעל כח איבערצוטראָגען אין זיינע אָדערען די אויפרייסונג און די צורייסונג.

האָב זשע רחמנות אויף א יתומדיגער נשמה, ווען זי טרינקט זיך אין פארצווייפלונג.

און גיב דערהויבונג יענעם וואָס בענקט אזוי נאָך איהר.

און ווייז דעם וועג צו די וואָס קענען ווייזען דעם וועג צו דיר.

ווארים ווער קאָן דיך דערגרונטעווען און ווער קאָן דען אויסהערען דאָס שטורעמדיגע געזאנג?

און ווער איז דער, וועלכער קען זאָגען, אז ער האָט געזעהן דיין געשטאלט און איז ארויסגעקומען גאנץ?

אין די קנייטשען פון דיין מאנטעל לאָז זשע כאָטש וואנדערען די נשמות פאראיינזאמטע און דעק אויף כאָטש א טייל פאר די ניט־זעהוודיגע, אז אויך זיי זאָלען זיך קענען ארויסהויבען פון די זומפען און פון די ליים־גריבער.

דו האָסט דאָך אזוי פיעל עשירות פארזעעט און אזוי פיעל אוצרות אויסגעטיילט אומעדום.

באלויכט זשע אלעמענס אויגען און זיי וועלען אין ליבע צו דיר און אין ליבע צו זייערע ברידער אויסגעהן.

העלף דעם מענשען איין שפאן צו מאכען און ער וועט לויפען ווי א לייב און ער וועט ארויסשרייען זיין פרייד איבער דעם וואלד און וועט פארכאפּען גאנצע וועלטען.

דו וואָס לעבסט אין יעדען פון אונז — דו וואָס ביסט רייך ניט אָפּצושאצען — פארוואָס זשע בעהאלסטו זיך אין דיינע באַהעלטענישען ?

פארוואָס דווקא אינ׳ם שטילסטען ווינקעל פון מיין נשמה זיך פאררוקט, אז איך זאָל מוזען אָפּוואַרפען פון זיך יעדע אנדער זאך, כדי דיך צו דערבליקען קענען ?

קום, און אנטפּלעק זיך.

צו אלעמען אנטפּלעק זיך.

אָבער מיין קול טראָגט זיך אין דער ליידיגקייט און דו ענטפערסט מיר ניט.

אינ׳ם פּלאַץ פון מיין הארצען ביסטו א פרעמדער געוואָרען — דו היימישער פאָטער און ברודער פון מיין גייסט ! . . .

אין דיין געשטאלט האָסטו מיך באשאפען און אליין ביסטו אנטלאָפען און זיך אויסבעהאלטען און פון יעדען שארף הערט זיך אן אומפארשטענדליכער קול :

„איך בין ניטאָ !"

פון איין ווינקעל וועלט צו דער אנדערער טראָגט זיך דער אויסגעשריי. הער־זשע דאָס געוויין פון די טיפען און זעה די גלוסטונג אין די הערצער.

האָב רחמנות אויף דעם מענשען — דעם האר פון דער וועלט און איהר אומגליקליכסטער שקלאַף.

— 3 —

ליגט דער גייסט פון מענשען צו דיינע פיס און שרייט אויס :
העלף מיר !

הערסטו ניט, דו האר פון דער וועלט, דאָס געוויין און דאָס געזאנג?

פון די רינשטאָקען שרייט ער און פון די פּאַלאַצען, די רחבות׳־דיגע. פון די ענגע שטיבלעך גערט אויף צום הימעל א געשריי און פון די פּרעכטיגע בנינים.

איז ער אן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער, וועלכער וואנדערט אויף די וועגען פון דער וועלט, און קלאָגט אויף ענגשאפט און דחקות.

איז ער א פארפּוצטער אין זיידענע קליידער און א באהאנגענער מיט דימענטען און ברילּיאנטען.

פוןביידע קוקט ארוים דער יאוש.

ליגט אויסגעגאָסען דער גרויסער פארשטאנד איבער גאָר דער וועלט און דאָס געזאנג איז אזוי בארוישענד, און דאָך געפינט ער ניט דעם וועג.

ווילסטו, האר און פּאַטער, גיסטו אריין אין דעם שוואכסטען ווערימעל מעהר הארמאָניע ווי אין גרעסטען מענשען, און ווילסטו טיילסטו אוים מעהר טרוים און וויזיע צום אָרימסטען, וועלכער געהט אויף די ברעגען פון דער וועלט ווי אויפ׳ן שארף פון א חלף.

ווילסטו בארויבסטו דעם רייכסטען פון דעם לעצטען ביסעל טרוים און ער שטארבט צווישען הויפענס גאָלד און זילבער, אן אומגליק־ליכער און א פארחלשטער.

ווילסטו פילסטו אָן דאָס הארץ פון אן אומגליקליכען מיט אזוי פיעל נקמה און שנאה, אז ער ווערט פארצעהרט אין אייגענעם פייער.

און ווילסטו פארווארפסטו אויף ווייטע שפּיצען פון בערג נשמות פארחלשטע.

דו ביסט אזוי רייך אין טרוים, אז די פּאָרמען וואָס דו שאפסט זענען איינע אנדערש פון דער אנדערער.

דו גרויזאמער געליבטער פון מיין זעל — דיך וועמען איך זוך אייביג און אונאויפהערליך, פאר וועמען איך שטעה מיט גע־בויגענע קניע א פארווירטער און דערשטוינטער — שענק אביסעל גליק דיינע זוכער, גיב אביסעל טרוים א פארוואַרלאָזטער וועלט.

צווישען צווייגען האלב־באלויכטענע פון לבנה־שיין געלייטער־טען, ווען עס שטעהט א טייכעל א שטילס און שפּיגעלט אָפּ די בוימער ארום און ארום, אין איבערגעקערטען בילד, אין די וואסערען — זעה איך דיך.

צווישען בארג־שפיצען פארחלומטע — זעה איך דיך.
אין פעלדער פארטראכטע און שוויינענדע.
אינ׳ם גלאנץ פון דער קאץ׳ם אויגען.
אין דער טונקעלקייט פון דער טויב׳ם בליק.
אינ׳ם גערויש פונ׳ם קוואל אויפ׳ן פעלד, אָדער צווישען בערג הויכע.
אינ׳ם שעפּטשען פון גראָז אין ביינאכטיגער רוה.
אומעדום זעה איך דיך.
און פון אויבען זעה איך דיך, אויפ׳ן סאמע פלאך.
נור אין מענשען האָסטו אויסגעקליבען דאָס פארבעהאלטענסטע ווינקעל. אין איהם צועפענסטו קוואלען בלויז אזוי זעלטען.
און ווי א קמצן טיילסטו איין מינוטען פון גליק און רוה.
איז מקנא דער מענש אין מינוטען פון דערהויבונג — אין געצעהלטע מינוטען פון דיין אנטפלעקונג — דעם פויגעל אונטער׳ן הימעל און דער לאנדשאפט.
און ער וויל אומארמען דעם וואלד און דאָס פעלד קושען, ווען עס רוהט אויף איהם דיין גייסט, און ווען ער קערט זיך אום צוריק צו דער ענגשאפט פון די ווענט, איז ער אן אויסגעמאטערטער און אן אומגליקליכער.
און ווען ער וויל זיך אוועקלאָזען אויף זיינע געדאנקען צו דיר, איז ער אזוי געבונדען, און יעדער טראָט איז אן ארייגפאל אין אבגרונד.
ווארים דער טעות לויערט אויף אלע זייטען.
דראפּעט ער זיך אויף אייזערנע ווענט.
קריכט ער מיט די לעצטע כוחות צווישען דערנער.
איז מקנא דער מענש די בלום אויפ׳ן פעלד און אין טאל.
דו הייסט איהם אליין אויפשפּילען אין זיך גאָט, און ציהסט פון איהם ארוים דעם סאמע תמצית.
און די קנוילען פארפלאָנטערען זיך אלץ שטארקער.
און די פראגען זענען אזוי פיעל, און אן ענטפער צו געפינען אויף זיי איז אזוי שווער.
הויב אויף דעם מענשען פון מיסט. גיב איהם א פונק פון דיין גרויסקייט. טייל איהם צו א שטראהל פון גליק.

וועט זיך צוגיסען א טאנץ אויף די הערצער און אמת'ע שמחה וועט זיך צונויפגיסען מיט גייסטער.

פארוואס זאלען שאטענס אויפעסען דיין געשטאלט?

— 4 —

כ'האב דיך ליעב פון די טיעפענישען, גאט, מיין גאט, און הער ניט אויף צו בענקען נאך דיר.

דיין וועלט איז גרויס און רייך, און וואו נעהמט מען א ווארט צו שילדערען דיין גרויסקייט, און וואו דערגרונטעוועט מען א טרוים וואס זאל זיין ברייט גענוג דיך אומצוארמען?

גיב איך אוועק די גרעסטע עשירות פאר איין גלאנץ-בליק און שענק אוועק צו די ארימע אין גייסט אלץ וואס עס איז פראכטיג און אלץ וואס איז פאראייניגט.

דיינע האריזאנטען ציהען מיין נשמה אהן אויפהער און דיינע זונען בריהען מיין גייסט.

קום זשע ארונטער צו מיין געצעלט און לעש אוים מיט אביסעל פון דיין פייער דעם ים וואס שטורעמט אין מיר.

ווארים דיין פייער לעשט און צינדט אן. דיין פייער איז קעלט און היץ צוזאמענגענומען.

נעם מיך ארום מיט דיין וואלקען, ווארים עס איז ליכטיג אין דיינע טונקעלקייטען.

אזוי האט פארענדיגט זיינע תפלות — זאקוטא, דער זעהער.

און נאך די תפלות האבען זיך געהערט געזאנגען פון פאר־שיידענע זייטען.

דאס געזאנג פון נצח

אינ'ם שיין פון דער אייביגקייט זענען מיר אלע געבארען, אבער די אייביגקייט איז פאר אנדערע געגעבען געווארען.

אונז איז רוים געגעבען און אונזער טאנץ שפרייט זיך אוים פון שטרעקע צו שטרעקע.

עס געהט אויף אינ'ם רוים דאס געזאנג פון דער אייביגקייט.

זי איז אן אונענדליכער שטראם, און אן אייביג פליסענדער, און אהן א ברעג איז זי.

איז כאפט מיך אָן א שוידער ווען איך קוק פון דערווייטענס אין איהר אריין.

זי רינגעלט מיך ארום.

און קיין ארויסגאנג איז ניטאָ.

זינגט זשע א געזאנג צום שטראָם פון די צייטען.

דעם ברעגלאָזען שטראָם וואָס נעכטיגט צווישען וועלטען ניט־אנטדעקטע.

קוקט ווייט — און ווייטער — אין די וועלטען, די הענגענדע — זעהט איהר דען ניט אז עס איז ניטאָ קיין אָנפאנג און קיין סוף איז ניטאָ?

וואָרים אייביגקייט ווייסט ניט פון דעם.

פאלט דער ברעגלאָזער שטראָם ארונטער פון הויכען בארג און איהר פאלט מיט איהם. קלאמערט זיך אָן איהם און פארשוועכט ניט דעם פלום מיט ווערטער. אינ׳ם גערויש זינגט אויס אייער געזאנג און פארגעהט. אינ׳ם גערויש פארענדיגט אייער אויסגע־צווייגענעם טאָן און שטארבט.

שפארט אריין די אייביגקייט אין יעדען מאָמענט. פארגעסט, אז ער איז געקומען און פארפליהט.

ווערט א טאָן אינ׳ם געזאנג פון די צייטען. גיסט זיך צונויף מיט די ווייטע. אין איין מאָמענט קענט איהר איבערלעבען דורות. אין איין סעקונדע קענט איהר ארייננפרעסען טויזענדער יאָהרען.

גיסט זיך צונויף מיט ליבשאפט און ערפורכט מיט די מענשען פון די ווייטע צייטען און שפרינגט איבער בערג און טאלען צו זיי, די ווייטע.

זינגט מיט דער וועלט דאָס געזאנג, דאָס אייביגע, די מעלאָדיע, וואָס איז געשאפען געוואָרען אין רוים און איהר וועט צוקומען נעהענ־טער צום מקור פון זאכען.

און ווען איהר וועט באהערשען דעם רוים, וועט איהר דער צייט׳ס קינדער ווערען.

מיט פרייד געהט אנטקעגען דער אייביגקייט — די פארשלינגערין פון דורות!

און מיט עקסטאז זינגט אויס דאָס לויב־געזאנג.

דאָס געזאַנג פון תפארת

שטיל רוהט די שעהנקייט אויף די בערג און בעהאַלטען אין די טאָלען צווישען בוימער און גראָזען איז זי.

זי איז מילד און געטליך און באַווייזט זיך ניט דורך שרעק און גרויל, נור דורך מילדקייט און צאַרטקייט.

איהר בליק פאַרשיכורט. זי זוכט הערצער דורכצושטעכען און איהרע פיילען שיקט זי צו די טרוימער.

אין טרוימיגע מינוטען שטעקט אריין די בלומען פון פעלד אין אייערע הערצער און זייער אָפשיין טראָגט אייביג. ווארים דופטען פאַרגראָבטע לאָזען זיך ניט אויסוועפען און בילדער באַצויבערענדע זענען נאָך שטאַרקער.

זעהט די שעהנקייט פון וואַסער־געררויש און די שעהנקייט פון וואַסער־געמורמעל אין די טייכען, אין די קוואַלען און אין די אַזערעס.

זעהט די גראַציעזקייט פון בוים, דעם פאַרוואָרצעלטען אין דער ערד.

זעהט די פרומקייט פון גראָזען פאַרוקטע אין וועלדער געדיכטע.

און ווי שעהן זענען שטערן וואָס וואַנדערען און שטערן וואָס קוקען אַרונטער פאַרגליווערטע פון הימעל־רייך!

און ווי שעהן איז דאָס ווינטעל וואָס גלעט דיינע באַקען אין טאָל און ווי מחיה'דיג איז דער וואָלקען וואָס באַדעקט דעם באַרגשפּיץ איבער דיין קאָפּ.

און ווי שעהן איז דער מענש, ווען ער לאָזט זיך אַרונטער אין זיינע אייגענע טיפען און שעפּט עמערס פולע פון שמחה.

זינגט זשע דאָס געזאַנג פון וועלטען אונענדליכע און זייער שעהנקייט.

זינגט זשע די מעלאָדיע פון שעהנקייט — אומבאַגרעניצטע.

זינגט זשע וועגען צאַרטען טאָן און צאַרטען שאָטען־שיין.

ווארים מילדקייט — זעהט! ווי זי נעהמט אייך אַרום. ווארים צאַרטקייט דרינגט דורך יעדער איבר און פאַרשיכורט אייך.

קומט און ווערט באַגליקט. קומט און זאַפּט איין אין זיך די געטליכקייט.

ווארים ווי א פּאַלאַץ טראָגט זיך פאַר אייך דער אוניווערז און יעדער טייל זיינער איז אָנגעפילט מיט אַזוי פיעל שעהנקייט,

וואָס איז ניט צום אָפּמעסטען און ניט צום אָפּוועגען. ציפערן זענען קליין און ווייניג און קיין סך הכל איז ניט מעגליך צו מאכען.

טרינקט אָן אייער נשמה מיט שעהנקייט און איהר וועט גע־לייטערט ווערען. וואנדערט אום נאָך א שטראהל און איהר וועט א גרויס פייער געפינען. געהט נאָך אין די פוס־טריט פון שעהנקייט און איהר וועט גאָט דערזעהן. איהר וועט זיך געפינען!

און שטרעבען וועט איהר נאָך מעהר, און ניט אויפהערען זינגען וועט אייער נשמה, ביז'ן לעצטען אָטעם־צוג זינגען, און אין טאנץ, ווען זי וועט אויסגעהן, וועט דער קוש פון דער אייביגקייט קיינמאָל ניט קענען אָפּגעמעקט ווערען.

ווארים שעהנקייט קאָן ניט געגעבען ווערען סיידען דורך קלאנג, סיידען דורך שטריך און בילד.

זוכט דאָס בילד און איהר וועט עס געפינען.

דאָס געזאנג פון חסד

א מילדער שמייכעל ליגט אויסגעגאָסען אויף אלעס.

קוק זשע אריין אינ'ם בילד און לייען ארויס די באדייטונג און דעם זין.

עס זינגט די נשמה פונ'ם דערהויבענעם און פאראורטיילט ניט. זי וויל ארויפנעהמען צו זיך, דערפאר לאָזט זי זיך ארונטער אין די טיפענישען און זעהט דעם חסד וואָס דאָס אלגעמיינע ליכט טוהט מיט אלעמען.

ווארים ליב האָט דער באשעפער אלעס, און אפילו דעם גאָר שלעכטען.

ווארים אין בעהאלטענע מינוטען שיקט ער זיין שטראהל צו באלויכטען די נשמה אפילו פונ'ם ערגסטען.

און אפילו ווען עמיצער איז שווארץ ווי די נאכט, און פאר־וויאנעט געהט אוים אין איהם די נשמה, קומט א מלאך פון גנעדיגקייט און ווייזט איהם דעם וועג.

און צו יעדער צייט שטעהט דער חסד אוןווארט צו העלפען.

טאָ, מילדערט אייער געמיט פאר אלעמען, און קוקט מיט לייט־זעליגקייט אויף יעדען.

און פארייאָגט די נקמה־געפיהלען פון אייערע הערצער.

זייט מילד ווי דער וואלד, וועלכער באשיצט די שפין וואס האט זיך אנגענומען מיט איהר קרבן.

און זייט אזוי גוט ווי דער ים, וועלכער שיצט דעם גרויסען ווי דעם קליינעם פיש.

באהויכט מיט גנעדיגקייט יעדענ'ס שלעכטיגקייט און דערוואַרעמט פארקיהלטע נשמה'ס.

דאָרים דער שלעכטער קאָן זיין גוט און דער געמיינער קאָן ווערען געלייטערט.

הויבט אויף די ווערט פון לעבען און גנעדיגקייט העכער פון זיך, און לערענט זיך אוים דעם וועג פון איבערטראָגען שווערע לאסטען.

דעמאָלט וועט אייך זיין אזוי לייכט דאָס לעבען מיט א שמייכעל אין הארצען צו באגעגנען.

כאוועט אוים א שטארקען מענשען אין אייך און איהר וועט ניט דארפען אָנקומען צו קיינעם.

געהט אוועק אין וואלד אריין און יאָגט אייך ארוים אין די ווייטע שטרעקעס דרויסען פון די שטעדט. שפאנט און קוקט. שפאנט און באטראכט. דענקט איבער דער גרויסקייט וואס ליגט אויסגעליגט פאר אייך. קוקט זיך צו צו דער נאטור'ס אונטערטעניגקייט. קוקט אריין אין דער מעכטיגער ערד'ס בליק פון גנעדיגקייט.

הערט זיך צו צום געזאנג פון פויגעלע און איהר וועט דערפיהלען, אז פרייגיביג איז עס.

הערט זיך איין אינ'ם זשום פון דער ביהן און איהר וועט זי באוואונדערען. אפשר וועט איהר זיך אָפּלערנען פון איהר דעם זין פון חסד און פון גרויסקייט.

און ווען איהר דערזעהט איבער זיך אויסגעגאָסען די ברכה פון הימעל און ערד, שעפּט ניט פון די קוואלען, ווי אומדאנקבארע, נאָר טראכט וועגען דער ברכה און זייט דאנקבאר.

און ווען ארבייט־שוויים באווייזט זיך אויף אייער פנים, ווערט ניט אין כעס אויף אייער גורל און באשליסט ניט צו אנטלויפען. האָפּערדיג שלעפּט דעם אקער־אייזען און מוטיג געהט אויפ'ן שליאך פון לעבען.

דאָס געזאַנג פון יסוד

שטעהט א הויז אין דרויסען אויף א פונדאמענט.
אַט אזוי בויט אויף אייער גייסטיג הויז!
ווארים די ווענט האָבען קיין ווערט ניט און דער דאך וועט זיך ניט האלטען אָהן יסוד.
וואָס זשע זאָל זיין דער יסוד?
שנירעלט דורך אן אידעע דורך אייער לעבען און צו איהר דינט און פון איהר ציהט זאפט און חיונה.
מיין הארץ געהט אוים נאָך אייך, איהר גרונטיגע מענשען, איהר וואָס האָט געקאָנט אויפבויען אייער הויז אויף פעסטע יסודות.
זאָל זיין אז איהר האָט ניט דערגרונטעוועט דעם סאמע יסוד פון אייער יסוד.
זאָל זיין, אז אייער אידעע האָט געלאָקט פון דערווייטענס, ווי עס געהט אויף אין געדיכטען וואלד א פענסטערל א באלויכטענס.
זאָל זיין, אז איהר האָט געטאפּט אין דער פינסטערניש און זיך אָנגעהאלטען אָן איהר בלויז ציטערווייליג.
אָבער אייער יסוד האָט אייך געגעבען כוח.
ווער שמועסט שוין איינער, וועלכער קאָן האָבען דעם יסוד פון אלע יסודות און קאָן ארויפקלעטערען אויף הויכע בערג.
און איינער, וועלכער הויבט זיך אויף מיט מסירת נפש!...
קלייבט אייך אוים אן אידעע, פון די סאמע זויבערע, און מאכט זי פאר'ן יסוד פון אייער לעבען.
קאָנצענטרירט זיך אין איהר און איהר וועט געגעזען ווערען.
זאפט איין אין זיך די שיינקייט און די פראכט און טראָגט דעם קערן פון באשאף אין אייער הארצען.
ווי א זון וועט דעמאָלט אויפגעהן אייער לעבען און ווי א טייך א פארפלייצענדער וועלען פליסען אייערע כוחות.
און אויב ניט דינען די נאטור, איז דינט דעם מענשען ארום אייך.
באדינט זיך אליין.
און טראכט ניט אז מיט'ן יסוד־אויפשטעל דינט איהר עמיצען און יענער דארף אייך דאנקען ברייגגען און קרבנות אויפקלייבען, אָדער מתנות שענקען.
זאָל עס קומען צו אייך, ווי פון זיך אליין.

זאָל עס קומען ווי א בילד פאר'ן דיכטער, ווי א געזאנג פאר'ן מוזיקער.
ריינינגט אָפּ שמוץ פון אייער יסוד און פארמישט ניט קיין פרעמדען שטאָף.
ווי א צירקעל זאָלט איהר אויספורעמען אייער לעבען, און אין מיטען אויפבויען יענעם יסוד וואָס זאָל דינען פאר אן אנשפּאָר.
און ווען איהר וועט האָבען אזא צענטער, וועט איהר ניט בלאָנזשען.

דאָס געזאנג פון גבורה

מיט קראפט און כח געהט אויף די זון אויף דער ערד און זינגט אויס א געזאנג יעדען טאָג צום באשאפער פון אלעס.
מיט קראפט וואקסט דאָס לעבען אויף דער ערד.
מיט קראפט באוואונדערט די נאטור די גרויסקייט פון באשאף.
וועלטען פון קראפט שוועבען איבער'ן רוים און מעסטען די שטראָמען פון צייט אויף זייער וועג.
און יעדער זאך אויף דער ערד שטרעבט מיט אייגענעם כוח זיך צו דערהאלטען ביים לעבען, און געגען די אומשטענדען קעמפט עס, אריינצולעבען זיך ווייטער אין שטראָם.
עס געהט אָן א קאמף צווישען יעדער קלײנער און גרעסערער באשעפעניש און צווישען איין געוויקס און אנדערען — א קאמף פאר רוים און צייט.
אָבער קיין קראפט געהט ניט פארלאָרען.
און ווען די שפּין עסט אויף די פליג, איז עס גבורה.
און ווען א שטראהל שפּיגעלט זיך אין קוואל איז עס גבורה.
און ווען די בלום זאפט איין אין זיך דעם טוי, איז עס גבורה.
עס איז דאָ הארמאָניע, און עס איז דאָ געזאנג אין אלעס.
איין אָרקעסטער. איין טאָן. און אזוי פארשיידענארטיג.
די לענטע פון באשאף נעמט אלעס ארום און ליב איז פאר'ן שעפער אלעס וואָס איז דאָ און אלעס וואָס פארגעהט.
איז פּונקט ווי א מאהלער לאָזט א פּונקט פארשלונגען ווערען פון אן אנדערען, און פּונקט ווי איין טאָג דערהויבט זיך איבער'ן אנדערען, צו מאכען דאָס געזאנג מעלאָדיש, אזוי עסט אויף א שפּין א פליג.

אינ׳ם אלגעמיינעם ארקעסטער האט יעדע זאך און יעדע גע־שעהנים איהר פלאץ און איהר צייט.

און יעדער פינטעלע איז א טייל פון א בילד און יעדער בילד א טייל — פון א גרעסערס, די פערפעקטע מעלאדיע, די העכסטע גערעכטיגקייט און די שעהנסטע שעהנקייט. כאפט זשע אויף מיט אייער אויער א טאן פון די טענער און טראגט זיך אוועק אויף די פליגלען פון אייער זעהונג.

און ווען איהר וועט פרעגען:
וואס איז די אלגעמיינע מעלאדיע?
וואס איז די העכסטע גערעכטיגקייט פון אויפגעהן און פארגעהן?
און וואס איז די אל־העכסטע שעהנקייט אינ׳ם שפיל פון שפילען?
זאג איך:
כ׳שפיר זי אין זיך.

עס שיינט ארויס פון מיר א שיין און עס שלאגט פון מיר ארויס א גבורה וואס איז אן עדות.

ווארים יענער שטומער ווילען צו לעבען איז אן עדות דערויף, און יעדער דערהויבענער בליק וואס פאלט אויף מיר.

איז ניט דאס לעבען אין אייך, פרעגער, א געניגענדער עדות?

שפראצט איהר ניט ארויס פונ׳ם באדען ווי א בלום וואס ווערט ארויסגעצויגען פון אונטער דער ערד?

די בלום שפראצט מיט גבורה, און איהר וואקסט מיט גבורה.

און אפילו ווען אייער גערדאנק טראכט פון ניט־לעבען איז עס אלץ לעבען. ווארים איהר שטארבט דאך קיינמאל ניט. אויפ׳ן גרע־ניץ צווישען לעבען און טויט, ווען איהר ווערט געשטויסען פון ביידע כוחות, לעבט איהר דאך אויך און אפילו אין יענעם לעצט־לעצטען מאמענט, ווען איהר זענט שוין כמעט ניטא, גיט איהר נאך אלץ א קרעכץ און לעבט.

ווארים די גבורה פון לעבען איז אין אייך ביז א מיליאן־חלק פון אייער לעבען.

און ווען איהר קוקט זיך צו צו דעם אלעמען באוואונדערט איהר דען ניט דאס גאנצע ארום אייך?

ווארים אויב איהר זענט פאר זיך אליין סוד, איז דער ארום א סוד־שבסודות.

און אויב איהר פארשטעהט זיך אליין ניט, און ווייסט ניט פון וואנען איהר נעמט זיך אָן מיט גבורה צו קעמפען דעם קאמף פון לעבען, איז דאָך טויזענד מאָל צו באוואונדערען דאָס דרויסענדיגע.

איז דען ניטאָ אין דעם טיכעל וואָס לויפט אין די ווייטקייטען אריין דער זעלבער כוח־הגבורה ווי אין אייך?

איז דען ניטאָ אינ'ם פעלזען וואָס ליגט און ווערט געשלאָגען פון די כוואליעס ביים ברעג ים דיזעלבע גבורה וואָס אין אייך?

און ווען איהר באוואונדערט די גבורה, זינגט דאָך אייער הארץ דעמאָלט אזעלכעס וואָס איהר אליין ווייסט ניט די באדייטונג דערפון, און ווען איהר אנטלויפט אין פעלד אריין, אנטלויפט איהר דאָך כדי צו באוואונדערען און אויסצוזינגען די מעלאָדיע.

ליגט אויסגעגאָסען די גבורה איבעראל און אין אייך און ווען עס ווערט אייך ענג שעפט איהר גבורה פון דעם אלגעמיינעם קוואל.

פארוואָס זשע זאָלט איהר ניט נעמען ווען עס איז אייך אפילו ניט ענג?

פארוואָס זשע זאָלט איהר זיך ניט אויסלערנען צוזאמענצוגיסען מיט איהר?

און פארוואָס פיהלט איהר ניט דעם פולס פון דער וועלט?

און פארוואָס האָט איהר געמאכט אזא מחיצה צווישען אייך און איהר?

אוועגט און פריהמאָרגען זינגט זי פאר אייך אויס איהר טיפ־זיניגע מעלאָדיע און רופט אייך צו זיך.

פארוואָס פארזאמען אייערע טריט?

אין איינזאמקייט

א ליכטיגער פרימאָרגען איז אויפגעגאנגען צווישען הימעל און ערד, און שטיל איז געווען די לופט, ווען זאקוטא האָט אָנגעהויבען ארויפצוגעהן אויפן הויכען בארג.

וואו ניט וואו צווישען די פעלזענס האָבען זיך אויסבעהאלטען שאטענדלעך, אָבער דער בארג אלס גאנצער איז געווען א באשיינטער, א באגאָסענער מיט ליכט, א פארזונקענער אין שטראלען.

אינם ליכט און מיטן ליכט איז זאקוטא געגאנגען — אין דער הויך, צום שפיץ, האָט ער זיך געהויבען.

אויך ער האָט דעם שפּיין ניט געזעהן, ווארים פאַרהווילען און בעהאַלטען אינם הימעל־הויך איז ער געווען, דער בארג.

אָפּגעטיילט פון אייגענע און פרעמדע, האָט ער זיך דאָך באַגעגענט מיט זיינע תלמידים, און דאָס לעצטע וואָרט זיינס איז געווען :

רוה און פרידען ! . . .

ער האָט געוואוסט, אז מיטן טויט ווערט דאָס לעבען ניט פאַרענדיגט און אז גייסט ווייסט בכלל ניט וואָס טויט מיינט.

ער האָט געוואוסט, אז די אייביגקייט איז מעהר ווי צייט, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין אויסגעצויגען.

סעקונדען, מינוטען, שעה'ן און יאָהרען — גרעניצען זיינען זיי צו פאַרשניידען די אייביגקייט, זי פּאַרקלענערען און אין קליינע פינטעלעך זי פאַרוואנדלען.

ער האָט געזעהן די אייביגקייט :

אָט שטרעקט זי זיך אויס אונענדליך, אָהן גרעניץ, אָהן איבער־האַק, אָהן אָפּשטעל, און א גרויל נעמט דיך ארום.

א הענגענדער געשפענסט איז זי, אָהן א סוף און אָהן אן אָנהויב.

און די אומענדליכקייט האָט ער געזעהן :

אן אויסשפרייטונג וואָס שליסט איין אין זיך א טיפקייט — אן אומדערגרונטעוועטע, א ברייטקייט — אן אומגעמאָסטענע, א לענג — אן ענדלאָזע.

וועלטען און וועלטען, מילי־מיליאסען וועלטען, מיט זייערע באזונדערע צענטרען, זענען איינגעשלאָסען אין אייביגקייט און אומ־ענדליכקייט.

און דו שטעהסט בלויז ביי אן אָפּשטעל־פּונקט, ביי א פּינטעלע — דאָרט אויף די ראנדען, און ווילסט קוקען ארוים פון זיך, צום גאנצען, צום אַלעס, צום אוניווערז.

באטראכטענדיג דעם ארום האָט ער געזעהן סודות אָהן א שיעור, סודות אויף סודות, אָנגעהאנגענע, צונויפגעקנוילטע, צונויפ־געהעפטע, אומאנטפלעקטע, אומבאגרייפליכע.

האָט ער בכלל ניט געוואָלט בלייבען מיט זייניגע. ניט געוואָלט זיין מיט די נאכגעהענדע. געוואָלט בלייבען מיט זיך האָט ער געגלוסט. אנטלויפען, אנטלויפען, און זיך באהעפטען מיט דעם

גרויס־גרויסען, דעם ווייט־ווייטען, דעם סודות׳דיגען אין דער וועלט, אין די וועלטען.

ער האָט געגלוסט, אז ווען די פליגלען פון שווארצער נאכט וועלען ארונטערגעלאָזט ווערען אויף איהם, זאָל ער זיין אליין.

אליין — מיט זיין „איך".

אליין מיט זיין הארץ.

אליין מיט זיין געדאנק.

שוין לאנג־לאנג, אז איינזאמקייט האָט איהם ניט אזוי באשיינט מיט איהר ארעאָל פון פרידליכקייט.

שוין גאָר לאנג, אז ער האָט ניט געפילט דעם טעם פון רעדען אין זיך דורך רוה, דורך נשמה־פרידען.

האָט ער זיך געהאט געזעגענט מיט זיינע תלמידים דורך א געלייטערטער טרער אויפ׳ן טיף־בליקענדען אויג, דורך א ריס אין דער סאמע טיפקייט פון הארץ, דורך א וואָרט וואָס איז געוועזן כולו אידעע, גלייך צו איהר און געלייטערט דורך איהר.

האָט ער געמערקט אויך דעם וועה אין די הערצער, ווארים ליב האָט ער איצט געהאט דאָס סאמע גרעסטע, דעם קוואל פון אלע קוואלען, דעם תוך פון אלעם.

האָט ער געוועהטאָגט מיט זיי און — פארלאָזט.

האָט ער געוויינט מיט זיי און א ליכטיגען זיי געזונט געזאָגט דעם שטראָל און דעם שאטען, דעם וואלד און דעם זאמד, און די מדבר.

ווארים געזעהן האָט ער זיך ניט אלס מדבר־מענש מעהר, נאָר אלס מענש פון בוי און ישוב.

האָט ער דעמאָלט געטראכט ניט וועגען די וואָס דארפען ערשט קומען; ניט וועגען די וואָס וועלען אויסגעהן אין אומבאוואוסטער בענקשאפט; ניט וועגען די וואָס ער האָט אזוי באדויערט; און אויך ניט וועגען די וואָס ער האָט געשאָלטען מיט ליבשאפט און געשימפט מיט צאָרן.

האָט ער דעמאָלט ניט געטראכט פון אזוי פיעל אומגעקומענע וועלטען, וואָס וועלען מיט אזא געשווינדקייט פארלענדט ווערען.

האָט ער דעמאָלט כלל ניט אין זינען געהאט די וואָס וועלען מוזען בלייבען אין דער פינסטער, אינם נעבעל, אינם גרוב.

געזעהן האָט ער פאַר זיך אויפן שפּוע פון בארג גאַר אנדערע וועלטען.

וועלטען פון ליכט און וועלטען פון גליק, וועלטען — כולו גייסט.

עס האָט מענש דערגרונטעוועט אזוי פיעל סודות, און עס האָט מענש דערגרונטעוועט אזוי פיעל אין זיך גופא.

שפּראַך און קלאַנג זענען ניט דער עיקר.

געפיל גיט זיך איבער דורך זיך גופא.

ניט מעהר איז ברויט די מאָס פון לעבען, און ניט מעהר — מעטאל. מענשליכער גליק ווערט ניט געוואויגען מיט דער וואָג פון גאָלד און זילבער.

מענשליכער גליק ווערט ניט געמאָסטען מיט דער גרויס פון אייגענס און פרעמדס.

מענשליך לעבען איז מעהר ווי ערד, שטאָהל און אייזען.

מענשליך לעבען מיינט ניט קיין הויך־שפּיציגע געביידע.

ניט קיין באצירטע פּרוי.

ניט קיין שקלאַפען אסך.

ניט קיין שווארצע ערד.

אמאָל, אמאָל, אין גרויען באגינען, אין האלב־פינסטערען, האָבען מענשען געצערטעלט די שטיקלעך, די טיילעכלעך, די ברעקלעך.

זיי האָבען קיין אנדערס ניט געהאט. זיי האָבען אנדערס ניט געקאָנט געפינען. האָבען זיי ווי א עופהלע, וואָס זויגט דעם פינגער, ניט האָבענדיג דער מאמעס ברוסט, געזויגען גליק פון דעם וואָס זיי האָבען געהאט.

האָבען זיי ווי א פויגעל, וואָס האָט מורא זיך אויפצוהויבען העכער, זיך ארונטערגעלאָזט צוריק צו דער נעסט.

האָבען זיי ווי די פעלזענס זיך איינגעפעסטיגט אין דער ערד און זיך ניט געלאָזט רירען.

האָבען זיי ווי ווינטען געשוועבט און זענען פארפלויגען, מורא האָבענדיג פארן שטורם, פארן געווירבעל פון כוחות, הגם זיי האָבען דאָך געמוזט ווען עס איז פארשלונגען ווערען.

האָבען זיי געטראָגען זייערע לאַסטען מיט מורא, און געזונקען טיפער, טיפער אין אבגרונד, אוועקטראָגענדיג זייערע גרויע האָר אין נאסען קבר מיט צער אין זייערע הערצער, מיט אנגסט אין זייערע ביינער, מיט מורא אין זייערע מוחות.

וואָס אנטוויקעלטער זייער געדאנק איז מיטן לויף פון די יאָהרען געוואָרען, אלץ מעהר שרעק און אימה האָבען זיי איינגעפּרעסט אין זייערע אָדערן.

וואָס וועלען מיר טאָן ווען די עלטער וועט קומען ? — האָבען זיי געוויינט און געקלאָגט.

וואו וועלען מיר זיך אהינטאָן, ווען מיר וועלען ווערען שוואך, און קליין, און פאַרוויאנעט ארויסקוקען אויפן טויט ?

קליינע מענשען זענען זיי געווען, און שוואכע.

זיי האָבען ניט געדארפט ווארטען אויף דער עלטער צו ווערען שוואך. זיי זענען געבאָרען געוואָרען שוואך און קליין.

זיי האָבען ניט געדארפט ווארטען אויפן טויט צו בלייבען נא־קעט . זייער לעבען איז געווען — נאקעט.

פאר די אויגען פון ליכטיגען זעהער זענען אויסגעוואקסען, אויפן שפּוע פון בארג, ריזיגע שטעדט, און פארשטיינערטע, פארגאָ־סענע מיט מעטאלען.

ליכטיגע געביידעס האָבען געשטראלט פאר איהם, געביידעס וואו פינסטערניש האָט זיך דאך איינגענורעט.

און גרויע קעפּ זיינען געשטאנען אין די געביידעס און האָבען געערעדט וועגען קליינקייט און שוואכקייט.

און שלעפעריג זענען די תלמידים געזעסען.

און לעבען די באלויכטענע שטעדט האָבען זיך גענעסט מיסט־גריבער,ביידלעך מיט שמוץ און אָפּפאל, וואו מענשען — אויך־מענשען — האָבען געלעבט און זיך געמערט.

און שווארצע געביידעס זענען געווען, וואו א שטראל ליכט האָט זיך ניט דורכגעריסען, און לופט האָט געגעסען לונגען און הערצער.

און אין דער שווארצקייט האָבען מענשען א שטיקעל ברויט געפונען.

די ערד אין דרויסען איז געווען אזוי גרוים און אזוי שעהן. אלעס האָט זי געהאט : פעלדער און וועלדער, בהמות און חיות, אוצרות — אומדערשעפּליכע.

זון און רעגען זענען געפאלען אויף איהר — געננג.

בליה און וואקס ! — האָט דער הימעל געזאָגט.

געה אויף צום לעבען ! — האָט דער ווינט געהוזשעט.

ווער געבענשט אין דיין רייכטום ! — האָבען די שטערען געמורמעלט.

אָבער מענש, דער מושל, האָט ניט פארשטאנען דאָס לשון. ער איז געווען שטום און בלינד — צו זיך, צום פרעמדען, צום ניט־איך.

מענש, דער מושל, האָט זיך גופא בעסער אלס שקלאף דערקלערט און זיך געריטט מיט זיין קליינקייט, וואָס הערשט איבער אנדערע, קליינע, מילביגע ווי ער.

אינם קעסעל פון לעבען האָבען זיך געקאָכט :

רשעות און פאלשקייט, מאכט און נקמה, משוגעת און אומגליק.

כאאס האָט געטאנצט אויף די חורבות — די פאלאצען, און בלינדקייט איז געארעמט ארומגעגאנגען מיט טויבקייט.

האָבען לאנדשאפטען געביינקט נאָך א בליק און ניט געקראָגען, און וועלדער האָבען ארויסגעקוקט אויף א מוח־פונק און געבליבען אנטוישטע, פארשוויגענע.

ווארים פאררוקט האָט זיך מענש אין ענגע הייזער און גראמע געביידעס און א געבונדענער געלעגען אין ביידע.

זענען פארגאנגען וועלטען אין דער אייביגקייט, פארשלונגען — אין גאָרניט, פארגאָסען געוואָרען מיט טומאה.

אָבער א וועג א שמאָלער האָט זיך דאָך געצויגען ארויף.

ווי געפאלען דער מענש, אזוי געהויבען האָט ער זיך. לאנגזאם געהויבען זיך — דורך די דורות געהויבען זיך.

און אָט זעהסטו פאר זיך אנדערע וועלטען געבאָרען ווערען, ליכטיגערע וועלטען, ארויפקומען אויפן פלאך פון לעבען.

איצט איז שוין צו ווערטלאָז צו פארצערען לעבען אויפן קאמף פון ברויט.

איצט איז שוין ניטאָ דער קעסעל־גרוב.

און דער כאאס איז ארויסגעשטויסען געוואָרען.

עס האָט גייסט זיך באפרייט פון זיינע קייטען.

עס האָט ערד ארונטערגעוואָרפען פון זיך דעם מאנטעל.

עס האָט הימעל זיך איינגעהילט אין בלויקייט פון פרילינג.

עס האָט דערפרישונג און באַלעבונג אויפגעגעסען די פינס־טערניש.

ניטאָ מעהר איז דער פוקס אינם לעבען פון מענשען, און דער הונט האָט אויפגעהערט צו ציהען זיך אונטערטעניג.

ניטאָ מעהר דער בלוטדורשטיגער טיגער, און פארשוואונדען איז די ראָץ, וואָס גראָבט אין דער טיף.

ניטאָ מעהר דער חזיר, און אויסגעראט איז די קאַץ.

עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון מענשליכען לעבען דער אויפרור, און אוועק אויף אייביג איז פארמישונג.

אויף בארג און טאָל האָט זיך פּשטות אויסגעשפּרייט און תמימות — האָט פארנומען דעם אויבענאָן.

די מיסט־קאסטענס זענען אויסגערייניגט געוואָרען, און די מענשליכע אויגען זענען מעהר ניט פאראומרייניגט פון מיאוסקייט און שמוץ.

ווערטען האָבען זיך געביטען, און געשטאַלטען.

מענשען האָבען גענומען אנדערש קוקען און וויט קוקען.

קונסט האָט געביטען איהר ציל ! . . .

ווארים ווען מענש האָט געוואָלט זעהען דאָס מיאוסע און שלעכטע, האָט ער עס אין לעבען ניט געקאָנט געפינען.

ער האָט עס דורך קונסט געדארפט שאפען און עס אויפשפּילען פאר זיינע אויגען רעאל און געטרוי, כדי ער זאָל עס באנעמען.

די אנדערע זייט פון לעבען האָט די קונסט געשאפען און די וויסענשאפט דערגרונטעוועט.

די ערשטע — זעהנדיג. די צווייטע — דיינקענדיג.

האָט זאקוטא געקוקט אויף די שפּילעוודיגע בילדער אויפן שפּוע פון בארג.

איז זיין הארץ אויסגעגאנגען נאָך די דאָזיגע וויטע דורות.

האָט זיין אויג זיך ניט געקאָנט אָפּרייסען פון די העלע בילדער.

האָט זיין געדאנק זיך אויסבעהאלטען צווישען די ליניעס און צווישען די פינטעלעך, און זיין איך איז געלעגען א געבונדענער פונם בישוף.

האָבען זיינע ליפּען געמורמעלט אין דער שטיל :

געבענשט זאָלען זיין די קומענדע !

און געבענשט אויף אייביג.

האט זיין הארץ אויסגעזונגען דאס ליד פון אויפקום און גליק:

א הר מענשען פון מיין הארץ, איהר גליקליכע, איהר געבענשטע!...

עס האט אייך לעבען באשאנקען מיט אזוי פיעל ברכות, און דער געגעוס האט זיך פאר ברודער און פאטער צו אייך דערקלערט.

איהר זעהט פאר זיך וועלט. איהר פיהלט אזוי טיף. איהר טראכט אזוי גרויס. איהר זעהט אזוי פיל. איהר זענט אזוי גליקליך.

אין איין מינוט לעבט איהר איבער מעהר וועלט ווי דער פריהער־דיגער האט איבערגעלעבט אינם שפאן פון זיין גאנצען לעבען.

אין איין סעקונדע לויפט דורך דער געדאנק פון דעם קלענסטען צווישען אייך לענגערע שטרעקעס, ווי דער גרעסטער צווישען די פריהערדיגע.

די גאר גרויסע צווישען זיי, אייך פרעמדע, האבען דאך אזוי פיל פיין דורכגעלעבט און אזוי פיל בלוט פארגאסען.

פארבונדען אין טויזענדער מאנטלען איז נאטור געווען פאר זיי.

יעדער סוד וואס זיי האבען ארויסגעריסען, איז ארויסגעריסען געווארען דורך שווארצע נעכט און נאך שווארצערע טעג.

ווייסט איהר דען וויפיעל אייערע זיידעס האבען געליטען אין דער פינסטערניש? פארשטעהט איהר דען ווי אזוי זיי זענען דורכ־געגאנגען אזא לאנגען דערנער־וועג?

בלויז אין געצעהלטע מינוטען לעבט איהר עס דורך. אבער זיי האבען דאך א לעבען־לאנג געדארפט בראדיען אין די בלאטעס, אין די זומפען, אין טיפע גריבער פון לייס.

עס הענגט איבער אייך א רייכע וועלט מיט אידעען — טראכט זיך אריין אינם צער וואס איז געווען איהר פאטער, אין פיין, די מוטערדיגע.

דאך זינגט מיין הארץ צו אייך, געבענשטע, דאס געזאנג פון אלע געזאנגען — דאס געזאנג פון זיג און גליק.

דאך קאן איך זיך ניט געגוג אנזעטיגען מיט אייער ליכט, מיט אייער זין, מיט אייער באשטראלונג! . . .

ווי א הינדין דורשט נאך וואסער אזוי דורשט מיין זעל אייך א־ומצונעמען און קושען און אין בענקעניש אויסגעהן . . .

אט אזוי האט זאקוטא גערעדט, צו זיין הארץ גערעדט, קומענדיג

פאמעליך צום שפיץ פון בארג, ארויפגעהענדיג די לעצטע טרעפלעך
— צו דער סאמע הויך.

און שטאלץ איז ער געגאנגען, און זיכער, און מיט לייכטען
געמיט געגאנגען.

עס האט די ערד אונטער זיינע פיס געברענט, און דער הימעל
איז געווען צונטער־רויט, ווארים א גרויסע זון האט געשיינט דארטען
איבער דעם שפיץ.

און ווען ער האט זיך אויסגעשטרעקט אויפן פעלזען און זיינע
אויגען האבען געקוקט גלייך, גלייך צום הימעל, צום העכסטען פונקט,
האט ער געזעהן פאר זיך דעם פאלאץ און א שליסעל א גאלדענער
איז איהם דערלאנגט געווארען.

— עפען אויף, טייערער! עפען אויף, ליבער! . . .

דו האסט דאך אזוי לאנג געביינקט, אזוי לאנג געחלומט, אזוי
לאנג געבעטען און געשטרעבט.

און דיין חלום איז דיין לעבען . . .

א לאנגען וועג האסטו דורכגעשפאנט און געזוכט גאט אין
גראז, אין זאמד, און אין גרוב.

האסט געזוכט גאט אין שטייפען אייזען און אין ווייכען סאמעט.

האסט געזוכט גאט אין שטראל און אין דער פינסטער —
געגישטערט אהן אויפהער.

האסט געזוכט גאט אויפן גרונד פון ים און אויף דער פלאך
פון דער מדבר.

האסט געזוכט גאט אין צייט און אין רוים . . .

האסט געזוכט גאט אין דיין אייגענעם הארצען — אינם שטראם
פון דיינע געפיהלען און אין די פיראמידען פון דיין געדאנק.

אומעדום איז אויסגעגאסען זיין רוה און איבעראל קאנסטו
געפינען זיין „איך”, וואס איז גרעסער פון גרויס און קלענער פון קליין.

און קיין מאס איז ניטא, און קיין זוים.

און קיין גרעניץ איז ניטא, און קיין אפשטעל.

עפען אויף דעם פאלאץ, טייערער! — שליס אויף דעם שלאס!

. . . אט דאס איז דער פיל געזוכטער שליסעל, דער ערשט־געפונענער,
דער אנטפלעקטער, דער פון דורות אויסגעביינקטער, דער פון צער
אויסגעהאקטער.

און אויסגעשטרעקט האָט זאקוטא זיין האנט און דעם שליסל גענומען.

אָט אזוי איז זאקוטא, דער געקליבענער, דער געלייטערטער אין טויזענדער וואסערען און אין טויזענדער טרוימען אויסגעפייניגטער, אריינגעקומען אינם ליכטיגען פאלאץ פון סודות און טרוימען.

און פארמאכט האָט ער די אויגען אויף אייביג אויפ'ן שפּיץ פון בארג.

איז געבליבען הענגען איבער דער וועלט א גרויסער סוד.
דער סוד פון גייסט פון די דורות.
דער סוד פון אלע סודות — דער יסוד פון אלע יסודות.

אברג.